STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11934

25 YOR, 1897-1922

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

25 יאָר
(1897—1922)

זאמלבוך

געווידמעט דעם 25־יאָריקן
יובילעום פון דער יידישער
ארבעטער־באוועגונג.

גזעצט, קאָרעגירט, מאַטרי=
צירט, געגאָסן געדרוקט און
בראָשירט דורך חברים און סימ=
פּאַטיקער אַלס מתּנה צום
25=יאָריקן יובּילעום פון דער
יידישער אַרבּעטער = באַוועגונג.

25 lat, zbiór artykułów.

Drukarnia „Di Welt“, Warszawa, Nowolipie 7.

פינף און צוואַנציק יאָר.

I

שטיל, טויט, פינסטער איז געווען אין לאַנד, בעת מיט 25 יאָר צוריק איז אַרויס אויף דער פּאָליטישער אַרענע די פּאַרטיי פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. פאַרקאָוועט אין אייזערנע קייטן איז געלעגן די אומגעהויערע מלוכה פון די צאַרן. אויפן קאָלאָסאַלן שטח פון וולאַדיוואָסטאָק ביז פּוילן האָט נישט עקזיסטירט קיין איין סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע. נור אין פּוילן האָט געשטעלט אירע ערשטע טריט די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. דער אַרבעטער־קלאַס איז געווען צושטויבט, אָנמעכטיק און שטום. פון צייט צו צייט פלעגט דאָ און דאָרט אויסברעכן צווישן די אַרבעטער אַ פּראָטעסט קעגן זייער אומדערטרעגלעכער לאַגע אין דער פאָרם פון אַ סטיכישן עקאָנאָמישן שטרייק. אָבער באַלד איז דאָס פייערל פאַרלאָשן געוואָרן, און טויטע שטילקייט האָט ווידער געהערשט איבערן לאַנד.

די רוסישע ליבעראַלע בורזשואַזיע האָט שטילערהייט געטרוימט וועגן דעם, ווי אַזוי בייצוקומען די „ביוראָקראַטישע וואַנט", וואָס טיילט אָפּ דאָס פאָלק פונם געליבטן מאָנאַרך. די פּוילישע בורזשואַזיע האָט געקעמפט קעגן די שאָטנס פון דער פאַרגאַנגענהייט, צושטערט די ראָמאַנטישע „פרייהייטס־חלומות" און מיט התלהבות געפּרעדיקט—„אָרגאַנישע" קאַפּיטאַליסטישע אַרבעט אין די ראַמען פון דער היסטאָרישן באַשאַפענער לאַגע.

און איבער אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, איבער אַלע קלאַסן און נאַציאָנען האָט עזותדיק און זיכער געהערשט דער קנוט, אונטערגעהאַלטן דורך די 130.000 פריצים און זייערע אידעאָלאָגן צווישן דער שוואַרצער אינטעליגענץ.

שטיל און פינסטער איז געווען אין לאַנד. אָבער אַ באַזונדערס טויטע שטילקייט, אַ באַזונדערע פינסטערקייט האָט געהערשט אויף דער יידישער גאַס. די דורות־לאַנגע רדיפות אויף דער יידישער באַפעלקערונג האָבן אָפּגעטויט אינם יידן, נאָכמער ווי אין דער אָרעמיקער באַפעלקערונג, יעדעס געפיל פון בירגערלעכער און אָפטמאָל אפילו פון מענטשלעכער ווירדע. דער יידישער באַלעבאָס האָט אפילו נישט געחלומט וועגן דעם, אַז ער קאָן האָבן אַ וועלכע נישט איז דעה אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד. דער געדאַנק גופא וועגן אַזאַ מעגלעכקייט האָט זיך אים אויסגעוויזן משונה־ווילד. ער האָט זיך אין דרייען געבויגן פאַר יעדן שררה, פאַר יעדן „מע-

שענעם קנאַפּ". מען האָט אים אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז וואַנען ער האָט אַליין דאָס אנגעהויבן צו באַטראַכטן פאַר אַ נאַטירלעכע ערשיינונג. אין בעסטן פאַל האָט ער געקוויקט זיין האַרץ מיטן אומשולדיקן חלום וועגן — ציון...

דאַקעגן האָט זיך דער יידישער גביר, פאַר אַלע קריוודעס פון די אומות עולם, קאָמפּענסירט — „ביי זיך אין דערהיים". אין קהל, אין שטיבל און ביי זיך אין פאַבריק איז ער געווען אַ תקיף, אַן אדיר, אַ זעלבסט־הערשער. דאָרט האָט אים קיינער קיין דעה נישט געקאָנט זאָגן.

די לאַגע פון יידישן אַרבעטער איז צו יענער צייט געווען אַ שרעקלעכע. און די אומערטרעגלעכסטע סאַניטאַר־באַדינגונגען האָט ער פאַר דעם נישטיקסטן לוין געאַרבעט אַן אַרבעטס־טאָג אָן אַ סוף, אָן אַ גרענעץ. פונם נאַכטגעלעגער אין וואַרקשטאַט אַריין, פון וואַרקשטאַט אויפן נאַכטלעגער און שבת — אין בית־מדרש — דאָס איז געווען דאָס לעבן פון דער גרויסער אַרבעטער־מאַסע צו יענער צייט. דער אַרבעטער איז געווען פינסטער און פאַרגרעבט, ער האָט נישט געהאַט די מינדעסטע קולטורעלע באַדערפענישן. דער בעל הבית פלעגט פון אים אויסזויגן זיין בלוט און מאַרך און זיך נאָך באַטראַכט אַלס זיין בעל טובה. און ער אַליין, דער אַרבעטער, האָט טאַקע געגלויבט, אַז ער לעבט נור פונם חסד פון בעל הבית. אויב דער בעל הבית האָט זיך געבויגט נור פאַרן שררה, האָט ער דער אַרבעטער געלעבט אין אַן אייביקער אימה סיי פאַרן שררה, סיי פאַרן בעל הבית.

און אָט אין דערדאָזיקער סאָציאַלער סביבה הויבט אָן זיין אַרבעט דער „בונד". ער קומט צום נידערגעשלאָגענעם יידישן אַרבעטער און באַווייזט אים, אַז נישט דער בעל הבית איז זיין בעל־טובה, נור פאַרקערט — ער, דער אַרבעטער האַלט אויס מיט זיין פראַצע דעם נגיד, דעם גביר, אַז פון זיין אַרבעט הענגט אָפּ דער קיום פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. ס'איז געקומען דער „בונד" און האָט אָנגעזאָגט דעם אַרבעטער די אומערהערטע, די אומגלויבלעכע בשורה, אַז ער דער אַרבעטער איז און מוז זיין אַ מענטש מיט מענטשן צוגלייך, אַז ער טאָר זיך נישט באַנוגענען מיט די נישטיקע שריים, וועלכע דער בעל־הבית וואַרפט אים פון זיין טיש אַראָפּ, נור פאָדערן פאַר זיך מענטשלעכע אַרבעטס־און לעבנס־באַדינגונגען. און פאַר דידאָזיקע פאָדערונגען פירן אַן אַנטשלאָסענעם און מוטיקן קאַמף. ס'איז געקומען דער „בונד" און האָט דערקלערט דעם יידישן אַרבעטער, אַז די גאַנצע אַרומיקע וועלט מיט אַלע אירע שיינקייטן, אַז דער גאַנצער רייכטום פון מענטשלעכן וויסן און קאָנען געהער צו אים, אַז ער האָט דאָס פולע רעכט פון דעם אַלעמען אין פולער מאָס צו געניסן.

אָבער נאָך איבערראַשנדער, נאָך „עזותדיקער" איז געווען די נייע בשורה. נישט נור צום קאַמף קעגן דעם בעל הבית, דעם עקספּלואַטאַטאָר האָט דער „בונד" גערופן דעם אַרבעטער. ער האָט אים דערקלערט, אַז ער איז אַ בירגער אין זיין לאַנד. ער האָט אים אויפגעוויזן, אַז ער לעבט

אין פּאָליטישער קנעכטשאַפט און פאַרשקלאַפונג, אַז די דאָזיקע קנעכטשאַפט־דערנידריקט נישט בלויז זיין מענשלעכע ווירדע, נור איז פאַר אים אויך אַ מוראדיקע שטערעניש אין זיין קאַמף קעגן דער עקאָנאָמישער אונטערדריקונג. דער „בונד" האָט געבראַכט דעם יידישן ארבעטער דעם שטאָלצן אָנזאָג, אַז אויף אים, — דעם אונטערדריקטן צווישן אונטערדריקטע, אויף אים אַלס *פּראָלעטאַריער* ליגט די ריזיקע אויפגאַבע — צו באַפרייען דאָס לאַנד פון פּאָליטישער קנעכטשאַפט. כדי דערנאָך צו *באַפרייען די גאַנצע מענטשהייט פונם יאָך פון עקאָנאָמישער אונטערדריקונג.*

ס'איז גענוג זיך אויף אַ ווײַלע אַריינצוטראַכטן אין די סאָציאַל־פּאָליטישע באַדינגונגען פון יענער צייט, כדי זיך פאָרצושטעלן, וואָס פאַר אַן אומגעהויערע איבערקערעניש די בונדישע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע האָבן געמוזט אַריינברענגען אינם גאַנצן יידישן לעבן. דער יידישער אַרבעטער האָט אָנגעהויבן אויסגלייכן דעם איינגעבויגענעם רוקן. מיט פרייד, שטאָלץ און האָפנונג האָט אָנגעפילט זיין האַרץ דאָס דרייסטע און מוטיקע סאָציאַליסטישע וואָרט, און אַ ווילדע אימה, אַ פּאַנישער שרעק האָט אַרומגעכאַפּט דעם יידישן בעל הבית, דאָס גאַנצע שוואַרצע יידישע געמויזאַכץ.

היינט, אין דעם מורא'דיקן טומל און געפילדער, וועלכע ס'מאַכן אויף דער יידישער גאַס די צענדליקער פּאַרטייען און פּאַרטייעלאַך, מוז מיט אַ באַזונדערער שאַרפקייט באַטאָנט ווערן, אַז די ערשטע פּאָליטישע פּאַרטיי אויף דער יידישער גאַס, אַז דער ערשטער, ווער ס'האָט פּראָקלאַמירט דאָס רעכט און די פליכט פון די יידישע מאסן צו פירן אַ פּאָליטישן קאַמף פאַר זייערע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע אינטערעסן, איז געווען — דער בונד.

II

אָבער דער בונד האָט נאָך גרעסערע וואונדער באַוויזן. ער האָט אַרויסגעפירט דעם יידישן ארבעטער פונם פאַרשימלטן געטאָ, ער האָט געבראַכן די וואַנט, וואָס האָט אים אָפּגעטיילט פון דער גרויסער אַרומיקער וועלט. דער בונד האָט צעשטערט די לעגענדע וועגן „נאַציאָנאַלער אחדות", ער האָט געוויזן דעם יידישן אַרבעטער דעם תהום, וואָס טיילט אים אָפּ פון די יידישע פני און גבירים, ער האָט אים אָבער באַהאָפטן מיט אַ ברייטער וועלט, ער האָט אים אַריינגעפירט אין דער ברייטער משפחה פון *אינטערנאַציאָנאַלן אַרב.*־קלאַס. דער בונד האָט איינגעפלאַנצט אינם יידישן ארבעטער דאָס געפיל פון סאָלידאַריטעט און ברידערלעכער ליבע צו זיין חבר, דעם ארבעטער פון דער גאַנצער וועלט און פריער פאַר אַלץ—פון די אַרומיקע אומות. און אינם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַרישן לאַגער האָט ער פאַרטיידיקט דעם כבוד און אָנזען פון יידישן ארבעטער, געקעמפט פאַר דער אנערקענונג פון זיין אָרגאַניזאַציע, פון זיינע קולטורעלע, פון זיינע נאַציאָנאַלע באַדערפנישן.

פון דער ערשטער מינוט פון זיין עקזיסטענץ האָט דער בונד גענומען דעם לעבעדיקסטן אנטייל אין דער ארבעטער-באוועגונג פון לאנד. דער בונד איז געשטאנען ביי דעם וויגעלע פון דער רוסלענדער ס. ד. ארבעטער-פארטיי. ער האָט געהאָלפן זי באשאפן און אויסבויען ער האָט געהאָלפן אוועקלייגן די גרונט-שטיינער פון דער ס. ד. ארבעטער-באוועגונג אין פוילן. ביזן יאָר 1903 איז דער בונד געווען אן אָרגאנישער טייל פון דער לאנד-פארטיי, איר שטארקסטער און אמבעסטן אָרגאניזירטער טייל. אין יאָר 1906 איז ער צוריק אריין אין דער פארטיי. אָבער אויך אין משך פון דער קורצער הפסקה, ווען ער איז געשטאנען אויסער איר, איז דער בונד און צוזאמען מיט אים די גאנצע יידישע ארבעטערשאפט געווען אויפן ענגסטן און אינטימסטן אופן פארבונדן מיט דער גאנצער ארבעטער-באוועגונג אין לאנד. דאָס איז באזונדערס בולט געקומען צום אויסדרוק אין די שטורמישע יאָרן פון דער ערשטער רוסלענדער רעוואָלוציע.

דער בונד האָט אַרויסגעפירט דעם יידישן אַרבעטער אויף דער ברייטער אַרענע פונם פּאָליטישן לעבן אין לאַנד, און אינם רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן צאַרישן אַבסאָלוטיזם האָט זיין פאָן געפלאַטערט אין די ערשטע רייען. האָט זיך טאַקע די צאַרישע מאַכט באַצויגן צום בונד מיט דעם ווילדסטן האַס און אים אויף דעם אַכזריותדיקן אופן גערודפט. הונדערטער און טויזנטער יידישע אַרבעטער און אַרבעטער-טוערס האָבן אָנגעפילט די תפיסות און געוואָרן צעזייט און צעשפּרייט איבער די ווייטע און קאַלטע מדבריות פון סיביר. דאָס אַלץ איז געווען ווייניק. די בלוט-הינד פון צאַר האָבן געוואָלט אין יידיש בלוט דערטרינקען דעם בונד, די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין לאַנד. אויפן יידישן תחום האָבן זיך אַ גאָס-געטון אַ מבול בלוטיקע פּאָגראָמען.

אָבער די אויסגעלאַסנסטע רדיפות האָבן נישט געבראָכן די קאַמפס-ענערגיע פונם יידישן פּראָלעטאַריאַט און פון זיין פּאַרטיי. בעת די יידישע רבנים און סתם פרומע יידן האָבן געמכרט די פאַרהאַסטע „אַחדותניקעס", בעת די ציוניסטישע מנהיגים זענען געפאָרן קושן די פאַרבלוטיקטע הענט פון מיניסטער פּלעווע, האָבן די יידישע אַרבעטער אונטער דער אָנפירערשאַפט פון בונד מיט וואָפן אין דער האַנט געקעמפט קעגן די צאַרישע אַגענטן. בעת די שוואַרצע מאה פון אַלע נאַציאָנען האָט זיך באַמיט אָנצופילן די לופט מיט מענשן-האַס, מיט נאַציאָנאַליסטישן שגעון, כדי אין דער פאַרסמטער אַטמאָספער פון שאָוויניזם צו דערשטיקן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער-באַוועגונג; בעת די פּחדנישע יידישע בורזשואַזע איז געווען פול מיט האַס צום „גוי" און געזייט אָפּהענטיקייט און יאוש, — אין דערזעלבער צייט האָט דער בונד צוזאַמען מיט די רוסישע, ליטווישע און פּוילישע חברים אָרגאַניזירט אַ באַוואָפנטן זעלבסטשוץ, כדי צו באַשיצן די יידישע באַפעלקערונג פאַר דער סכנה פון פּאָגראָמען, כדי צו באַשיצן דעם כבוד פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

אינם קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און פאַר די פּאַ-

זִיטִיווע נאציאנאלע פאדערונגען פון דִי יידִישע ארבעטנדִיקע מאסן אִיז דער בונד שטענדִיק, אִין אלע מאמענטן פון זיין געשִיכטע, געגאנגען מִיט דעם איינצִיק רִיכטִיקן און ערפאלגרייכן, מִיט דעם סאציאלִיסטִישן וועג — פון קלאסן-קאמף קעגן דער רעאקציע און קלאסן-סאלִידארִיטעט מִיטן ארומִיקן פראלעטאריאט. דער בונד האט געפִירט אן עקשנותדִיקן קאמף קעגן דעם אנטִיסעמִיטִיזם פון איין זייט און קעגן דער נאציאנאלִיסטִישער יידִישער בורזשואזיע פון דער צווייטער. און אִין דערזעלבער צייט האט ער זִיך באמִיט צו געווִינען דעם רוסישן, דעם פוילִישן פראלעטאריאט פאר דִי בארעכטִיקטע פאדערונגען פון יידִישן ארבעטער.

III.

דִי געשִיכטע פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אִין בונד אִיז אומגעהויער כאַראַקטערִיסטִיש פאַר דער גאַנצער אַנטוויִקלונג פון דער פאַרטיי.

דער בונד אִיז אַנטשטאַנען אִין אַ מאָמענט, ווען קיין קלאָר פאָרמולִירטע פראָגראַמען אִין דער נאַציאָנאַלער פראַגע זענען נִישט געווען נִישט נור אִין דער יידִישער געזעלשאַפט, נור אויך ביי אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע מִינדערהייטן אִין רוסלאַנד, א חוץ פוילן. דִי ערשטע טוער פון דער יידִישער אַרבעטער-באַוועגונג זענען געקומען צו דער יידִישער אַרבעטער-מאַסע מִיטן איינצִיקן צִיל — צו באַהעפטן דעם יידִישן אַרבעטער-קלאַס מִיט דער אִינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-באַוועגונג. זייער איינצִיקע פאָדערונג אִין דער נאַציאָנאַלער פראַגע אִיז געווען — בירגערלעכע גלייכבאַרעכטִיקונג. אפילו פאַר דער יידִישער שפראַך האָבן זיי קיין שום רעכט נִישט געפאָדערט. צווִישן דִי ערשטע יידִישע אַרבעטער-טוער אִיז געווען גאַנץ שטאַרק פאַרשפרייט דִי אִיבערצייגונג, אַז דאָס באַנוצן זִיך מִיט דער יידִישער שפראַך אִיז נִישט מער ווי אַ צייטווייליִקע ערשיינונג; אַז זאָלן נור דִי יידִישע אַרבעטער דורכגיין דורך דִי פראָפאַגאַנדִיסטִישע קרייזן און זִיך אויסלערנען דִי לאַנד-שפראַך, וועט מען זִיך שוין אִין דער אַגִיטאַציע קאָנען באַגיין אָן יידִיש.

דִי נאַציאָנאַלע פראָגראַם פון בונד אִיז אויסגעוואַקסן פאַמעלעך, פון דער באַוועגונג גופא און צוזאַמען מִיט איר. דאָס אִיז נִישט געווען קיין צוגעטראַכטע טעאָרעטִישע קאָנצעפציע, קיין רעזולטאַט פון קאַבִינעט-חקירות. דאָס אִיז געווען אַ סִינטעז פון דִי פאָדערונגען, וועלכע דאָס לעבן אַליין האָט אַרויסגערוקט. דאָס אִיז געווען אַ טעאָרעטִישע באַגרִינדונג פון דער אָנגעזאַמעלטער דערפאַרונג.

און דעריבער אִיז טאַקע פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס דער אָרגאַנִיזאַציאָנס-פרִינציפ פון בונד אִיז פאָרמולִירט און באַגרִינדעט געוואָרן אַ סך פריִער איידער זיין נאַציאָנאַלע פראָגראַם.

דִי ערשטע שרִיט פון דער באַוועגונג האָבן באַלד באַוויזן, אַז דִי יידִישע אַרבעטער מוזן האָבן זייער באַזונדערע — נִישט אָפגעזונדערטע — אָרגאַנִיזאַציע. דִי נאַיווע און פאַלשע פאָרשטעלונג וועגן דעם, אַז דִי יידִישע שפראַך אִיז נור אַ צייטווייליִק הִילפס-מִיטל אִין דער סאָציאַלִיסטִישער אויפקלערונגס-אַרבעט, אִיז פאַרשוואונדן געוואָרן באַלד נאָכדעם, ווי דִי אַרבעטער-

באַוועגונג איז איבערגעוואַקסן די ענגע ראַמען פון פּראָפּאַגאַנדיסטישע קרייזלעך און האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ מאַסן־באַוועגונג.

די יידישע שפּראַך איז געווען דער ערשטער און וויכטיקסטער עלעמענט פאַר דער באַזונדערער יידיש־פּראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע. אָבער נישט דער איינציקער. די יידישע אַרבעטער־מאַסע האָט געלעבט אין אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע באַדינגונגען. די אַלגעמיינע געזעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג זענען אין פולער מאָס געקומען צום אויסדרוק אויך אינם יידישן לעבן. אָבער דער סאָציאַלער בוי פון דער יידישער געזעלשאַפט האָט געהאַט זיינע ספּעציפישע אייגנשאַפטן. די דורות־לאַנגע געשיכטע פון יידישן פאָלק האָט געלאָזן בירושה אַן אייגנאַרטיקע קולטור און ספּעציפישע פּסיכישע אייגנשאַפטן, וועלכע האָבן אויף אַ באַזונדערן אופן באַפאַרבט די קלאַסן־פאַרהעלטנישן אין דער יידישער געזעלשאַפט.

כדי דער יידישער אַרבעטער־קלאַס זאָל קאָנען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ באַוואוסטזיניקן טייל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער אַרמיי, האָט די גאַנצע סאָציאַליסטישע אויפקלערונגס־אַרבעט געמוזט נישט נור געפירט ווערן אין דער שפּראַך פון די יידישע מאַסן, נור אויך לויט איר אינהאַלט זיין צוגעפּאַסט צו דער נאַציאָנאַלער און קולטורעלער סביבה, אין וועלכער דער יידישער אַרבעטער האָט געלעבט. און דערויף האָט זיך אויף אַ נאַטירלעכן אופן באַזירט די פאָדערונג פון אַ געוויסער אינערלעכער זעלבשטענדיקייט — אויטאָנאָמיע — פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט.

אויב די ערשטע צייט איז דער „בונד“ געשטאַנען אין דער אָרגאַניזאַציאָנס־פראַגע אויף דעם פעדעראַליסטישן און נישט אויף דעם אויטאָנאָמיסטישן פּרינציפּ, איז דאָס געווען נור אַ רעזולטאַט פונם דאַמאָלסדיקן מצב פון דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד. מ'דאַרף געדענקען, אַז אין מאָמענט, ווען ס'איז פאָרגעקומען דער 2־טער קאָנגרעס פון דער לאַנד־פּאַרטיי, ווו די בונדישע דעלעגאַציע האָט פאָרמולירט אירע פאָדערונגען אין דער אָרגאַניזאַציאָנס־פראַגע, איז דער בונד געווען נישט נור די שטאַרקסטע אָרגאַניזאַציע אין דער פּאַרטיי, נור אויך איר איינציקער אָרגאַניזירטער טייל.

אַרום דעם בונדישן אָרגאַניזאַציאָנס־פּרינציפּ האָט זיך אינם סאָציאַליסטישן לאַגער אין רוסלאַנד און אין פּוילן די גאַנצע 25 יאָר געפירט אַ ליידנשאַפטלעכער און פאַרביסענער קאַמף. אין משך פון יאָרן איז אַ באַדייטנדער טייל פון דער ענערגיע פון דער לאַנד־פּאַרטיי געווען געווענדעט דערויף — צו ברעכן דעם בונד און אים צווינגען זיך אָפּצוזאָגן פון זיין אָרגאַניזאַציאָנס־פּרינציפּ. דער קאַמף איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט פאַרענדיקט. אָבער די געשיכטע האָט שוין אין דער פראַגע אַרויסגעזאָגט איר בפירושן, איר אומצווייַדייטיקן פּסק־דין, זי האָט באַוויזן אַז אַ יידישע פּראָלעטאַרישע מאַסן־באַוועגונג קאָן עקזיסטירן נור דאָרט, ווו זי פאַרמאָגט איר אייגענע, איר אויטאָנאָמע פּאָליטישע קלאַסן־אָרגאַניזאַציע, דאָרט, ווו די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע ווערט געבראָכן, דאָרט איז נישט פאַראַן קיין יידישע פּראָלעטאַרישע מאַסן־באַוועגונג.

און דאס, וואס איז געזאָגט וועגן אָרגאַניזאַציאָנס־פּרינציפּ פון בונד, דאָס באַציט זיך אויך צו זיין נאַציאָנאַלן פּראָגראַם. די פּראָגראַם, ווי דער אָרגאַניזאַציאָנס־פּרינציפּ איז אַרויסגעוואַקסן פון דער באַוועגונג גופא און זיך אַנטוויקלט צוזאַמען מיט איר. און ס'איז לחלוטין קיין צופאַל נישט, וואָס די פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע איז ענדגילטיק פאָרמולירט געוואָרן ערשט אין יאָר 1905, בעת ס'זענען געקומען אין באַוועגונג די גרויסע פאָלקס־מאַסן, בעת די יידישע מאַסן זענען צום ערשטן מאָל אין דער מאָדערנער געשיכטע ארויסגעטראָטן אויף דער פּאָליטישער ארענע אַלס שאפנדיקער פאַקטאָר.

די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון בונד איז אויפן שאַרפסטן אופן באַקעמפט געוואָרן פון אַלע זייטן, בעת די אַסימילירטע יידישע אינטעליגענץ אינם סאָציאַליסטישן לאַגער האָט פאַרשריען די פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע אלס „קליינבירגערלעכן נאַציאָנאַליזם”, האבן די יידישע נאַציאָנאַליסטן געזען אין דער דאָזיקער פאָדערונג—פאַרמאַסקירטע אַסימילאַטאָרישע טענדענצן, אַ „פאַראַט פון די יידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. און דוקא דערדאָזיקער פאַקט, דוקא דאָס, וואָס די בונדישע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם איז אַטאַקירט געוואָרן פון דידאָזיקעביידע קעגנזעצלעכע לאַגערן, איז אַ באַווייז, אַז די פּראָגראַם איז יאָ געווען אין הסכם מיט דער באמת פּראָלעטאַריש־סאָציאַליסטישער וועלט־אנשויאונג, אַז זי האָט נישט געהאַט גאָרנישט צו טון מיט קיין שום נאַציאָנאַליזם. ווייל אין תוך גענומען איז דאָך אַסימילאַציע אויך—נאַציאָנאַליזם, נור פון דער פאַרקערטער זייט.

און מעגן די מאָנאָפּאָליסטן פון „אויסגעהאַלטנקייט” נאָך היינט באַקעמפן די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטערשאַפט פאַר איר כלומרשקן נאַציאָנאַליזם. — פ אַ ק ט י ש האָבן די גרונט־פּרינציפּן אין דער בונדישער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם שוין געזיגט אינם פּראָלעטאַרישן לאַגער. דער געדאַנק וועגן דעם רעכט פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אויף פרייע קולטורעלע אַנטוויקלונג, דער פּרינציפּ פון זעלבסטעטיקייט פון די יידישע מאַסן אויף דעמדאָזיקן געביט — דאָס זענען אַלץ געדאַנקען, וועלכע ווערן היינט—א י ן פ ר י נ צ י פּ ווייניקסטענס נישט געלייקנט אפילו פון די „אויסגעהאַלטענסטע” קעגנער פון דער אָרגאַניזירטער יידישער ארבעטערשאַפט. און אויב מען שטעלט זיך שוין יאָ אויפן באָדן פון זעלבסטאַקטיוויטעט פון די מאַסן אויפן קולטורעלן געביט, איז דאָך דאָס רעכט פון זעלבסטפאַרוואַלטונג ד. ה. פון אויטאָנאָמיע פאַר די אוממיטלבאַר פאראינטערעסירטע אַרבעטנדיקע מאַסן אויף דעמדאָזיקן געביט—נאָר אַ לאָגישע און נויטווענדיקע קאָנסעקווענץ.

היינט זענען דאָס זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַכן, אָבער אין יאָר 1905 איז דאָס געווען אַ מוראדיקע אפיקורסות. צו יענער צייט איז אפילו די פאָדערונג וועגן רעכט פאַר דער יידישער שפּראַך באַטראַכט געוואָרן אַלס געפערלעכער נאַציאָנאַליזם.

VI.

נאָך דעם שטורמיִשען פעריאָד פֿון 1905—06 זענען געקומען דיִ אומ־ענדלעך שווערע יאָרען פון רעאַקציע. דיִ צאַריִשע רעגיִרונג האָט גענומען בלוטיקע נקמה פאַר דער רעוואָלוציע. דיִ אַרבעטער־באַוועגונג האָט וויִדער געמוזט אַראָפּ איִן דיִ קעלערס. נאָך דיִ טעג פון גרויסע מעשים איִז וויִדער געקומען אַ צייט פון קליינער, וואָכעדיִקער אַרבעט, פון אָפּהיִטן און איינהאַלטן דיִ אַרבעטער־אָרגאַניִזאַציעס אונטער דעם שטורם פון רעפּרעסיעס.

אַזוי וויִ שטענדיִק איִן אַ צייט פון רעאַקציע, האָבן זיִך אָנגעהויבן באַוויִיזן איִן דער באַוועגונג סמנים פון פאַנאַנדערפאַלן זיִך. דיִ פראַקציאָנערע קאַמפן, וואָס זענען שטענדיִק געווען אַ חולאת פון דער רוסלענ־דער באַוועגונג, האָבן זיִך פאַרשטאַרקט. צו דיִ פריִערדיִקע הויפּט־פראַקציעס — באָלשעוויִקעס און מענשעוויִקעס זענען צוגעקומען נייע: „פּלעכאַנאָוויצעס“, „טראָצקיִסטן“, „ליִקוויִדאַטאָרן“, „אָטזאָוויִסטן“ א. אַ. וו. דאָס גאַנצע איִנערלעכע פּאַרטיי־לעבן איִז געווען פּאַראַליִזיִרט.

דער בונד האָט קיינמאָל ניִשט געקרענקט אויף דער קרענק פֿון פראַקציאָניִזם. אויך איִן דער יידיִשער אַרבעטער־באַוועגונג זענען געווען פאַרטראָטן אַלע שאַטיִרונגען און איִדעען־ריִכטונגען, וואָס האָבן עקזיִס־טיִרט איִן דער גאַנצער באַוועגונג איִן לאַנד. אָבער קיינמאָל האָט דער איִדעען־קאַמף איִן בונד ניִשט אָנגענומען דיִ יעניִקע אומנאָרמאַלע פאָרמען, וועלכע זענען געווען כאַראַקטעריִסטיִש פאַר דער רוסלענדער און טיילווייז אויך — פאַר דער פּויליִשער באַוועגונג. דער קאַמף צוויִשן דיִ פאַרשיידענע ריִכטונגען איִז איִן בונד קיינמאָל ניִשט אַרויס פון דיִ גרענעצן פון אַ ריי־נעם איִדעען־שטרייט, וועלכער האָט איִן דער מיִנדעסטער מאָס ניִשט אָפּ־געשוואַכט דיִ קאַמפס־פעיִקייט פון דער אָרגאַניִזאַציע, דיִ מעגלעכקייט פון געמיינזאַמע מעשים.

דאָס איִז געווען אַ רעזולטאַט פון מאַסן־כאַראַקטער פֿון בונד, פֿון זיין ענגער צונויפגעבונדנקייט מיִט דיִ אַרבעטער־מאַסן. דיִ פיִרער פון בונד האָבן כסדר געפיִלט אויף זיִך דעם קאָנטראָל פֿון דיִ אַרבעטער, פאַר וועל־כע, ס׳איִז געווען פרעמד דיִ פאַרביִסנקייט און שאַרפקייט פון פראַקציאָנע־לען קאַמף.

און נאָך איין זאַך האָט געהאָלפן דעם בונד אויסצומיידן דיִ חולאת פון פראַקציאָניִזם. דער יידיִשער אַרבעטער־קלאַס איִז איִן פאַרגלייך מיִטן לאַנד־פּראָלעטאַריאַט געווען קליין איִן צאָל. דער יידיִשער אַרבעטער האָט איִנסטיִנקטיִוו געפיִלט, אַז דער איינציִקער תנאי, ביי וועלכן ער קאָן איינ־האַלטן זיין באַציִונג אַלס מיִטבאַשטיִמענדיִקער פאַקטאָר איִנם פּאָליִטיִשן לעבן, דאָס איִז — דיִ גאַנצקייט פֿון זיין אָרגאַניִזאַציע. און דעריִבער האָט ער זיִ אָפּגעהיִט וויִ אַן אויג איִן קאָפּ.

געפיִרט פונם איִנסטיִנקט פון רעוואָלוציאָנערן רעאַליִזם, האָט דער בונד אויפגענומען איִן זיין טאַקטיִק דעם געזונטן קערן פון אַלע ריִכטונגען, פאַרוואַרפנדיִק אַלע גוזמאות און עקסטרעמיִטעטן פון אַלע פראַקציאָנערע

שיטות. בעת אין דער לאנד־פארטיי איז פארגעקומען א פארביסענער קאמף צווישן די א. ג. „ליקווידאטארן" (וואס האבן געוואלט אינגאנצן ליקווידירען די אומלעגאלע פארטיי און זיך פארנעמען אויסשליסלעך מיט לעגאלער ארבעט) און די קעגנער פון יעטוועדער לעגאלער ארבעט, האט דער בונד הארמאניש פארבונדן זיין אומלעגאלע ארבעט מיט דעם א. ג. „אויסנוצן די לעגאלע מעגלעכקייטן". אין די פינסטערע יארן פון רעאקציע האט דער בונד באדעקט דעם גאנצן תחום מיט א נעץ פון לעגאלע ארגאניזאציעס, וועלכע האבן זייער אפט געדינט אלס שטיצפונקט פאר דער טעטיקייט פונם אומלעגאלן פארטיי־אפאראט.

אדאנק דער דאזיקער טאקטיק האט זיך טאקע דעם בונד איינגעגעבן אין די פינסטערסטע יארן פון רעאקציע איינצוהאלטן זיין ארגאניזאציע. און ווען אין די יארן 1912—1911 האט זיך ווידער אנגעהויבן פילן אן אויפלעבונג אין דער ארבעטער־באוועגונג און פאר'ן ארבעטער־קלאס האבן זיך ווידער געשטעלט גרויסע און ערנסטע אויפגאבן, איז דער בונד געשטאנען גאנץ און פעסט און פולשטענדיק גרייט צו נייע קאמפן, צו נייע מעשים. די דאזיקע אינעווייניקסטע געשלאסנקייט פון דער ארגאניזאציע האט דער בונד באוויזן אין יאר 1912, בעת די בארימטע לענאר געשעענישן, וואס האבן אויפגעטרייסלט גאנץ רוסלאנד און בעת די וואלן צו דער 4־טער דומע. דער וואל־קאמף אין ווארשע וואס האט זיך פארענדיקט מיט'ן נצחון פון סאציאליסטישן בלאק האט געהערט צו די שענסטע מאמענטן אין דער גאנצער דאמאלדיקער סאציאליסטישער וואל־קאמפאניע.

און די זעלבע געשלאסנקייט, קאמפספייאיקייט און טיפע צוגעבונדנקייט מיט די ברייטע יידישע פראלעטארישע מאסן האט דער בונד דעמאנסטרירט אין דעמזעלבן יאר בעת ער האט אינגאנצן יידישן תחום דורכגעפירט דעם אימפאזאנטן פראטעסט־שטרייק קעגן דער מעשה־בייליס.

V.

די מלחמה האט איבערגעריסן די נאטירלעכע אנטוויקלונג פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג אין לאנד און די אייגענע מלחמה האט צעריסן דעם לעבעדיקן גוף פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג. פון די מלחמה־יארן אן לעבט די יידישע ארבעטער־באוועגונג אין פוילן מיט איר אייגענעם, זעלבסשטענדיקן לעבן. אין אנהויב—אלס פארייניקונג פון די בונדישע ארגאניזאציעס אין פוילען, פון 1917 אן—אלס בונד אין פוילן.

פונ'ם אכזריות'דיקן צארישן רעזשים איז די יידישע ארבעטער־באוועגונג אין פוילן ארונטערגעפאלן אונטער דעם גרויזאמען רעזשים פון אקופאנט. ס'האט זיך אנגעהויבן א נייע סדרה רעפרעסיעס און רדיפות. ווייל אונטער דעם דייטשן אקופאנט איז דער בונד געבליבן אקוראט אזוי טריי דעם גייסט פון רעוואלוציאנערן קלאסן־קאמף, ווי אונטער דעם צארישן רעזשים. פון ערשטן טאג מלחמה, האט דער בונד אין פוילן פארנומען א פיינטלעכע שטעלונג צו דער מלחמה און צו אלע מלחמה־„אריענטאציעס". און פון ערשטן טאג פון דער אקופאציע האט ער געקעמפט קעגן איר.

האָט טאַקע דער בונד באַקומען אַ היבשע פאַרטרעטערשאַפט אין די תפיסות, אין די פעסטונגען און אין די דייטשע געפאַנגען־לאַגערן...

און פונדעסטוועגן האָט דער בונד אין דער דאָזיקער ביטערער צייט אויסגעבויט אין פוילן אַ ברייטע נעץ פון הילפס־קאָמיטעטן און אַרבעטער־קיכן פאַר מלחמה־געליטענע אַרבעטער, פון קולטורעלע איינריכטונגען — קלובן, ביבליאָטעקן, לעזע־זאַלן וכדומה. ס׳זענען אַוועקגעלייגט געוואָרן די גרונט־שטיינער אונטער דער אָפענער פּראָפעסיאָנעלער און קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג. ס׳איז צום ערשטן מאָל באַשאַפן געווארן אין פוילן אַן אָנפירנדיקער אָרגאַן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכער האָט אויפגעזאַמלט אַרום זיך די ברייטע יידישע פּראָלעטאַרישע מאַסן פון גאַנצן לאַנד. און ווען ס׳זענען געקומען די נאָוועמבער־טעג פון 1918 און די ממשלה פון אָקופּאַנט איז פאַרשוואונדן, איז מיט אַמאָל, ווי פון אונטער דער ערד אַרויס, אויסגעוואַקסן אַ שטאַרקער און ברייט פאַרצווייגטער פּאַרטיי־אַפּאַראַט, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינטענסיווער וווּקס פון די פּאָליטישע, פּראָפעסיאָנעלע אוןווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס פון יידישן פּראָלעטאַריאַט.

די שטורמישע געשעענישן פון 1918 און 1919 האָבן אויפגעטרייסלט דעם גאַנצן סאָציאַלן בנין פון אייראָפּע. די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס האָבן זיך געטראָגן איבער אייראָפּע, פון מזרח אויף מערב און פון מערב צוריק קיין מזרח. אונטער דעם הייסן הויך פון די דאָזיקע כוואַליעס זענען רייף געוואָרן נייע פּאָליטישע געדאַנקען, זענען געשמידט געוואָרן נייע פאָרמען פון פּראָלעטאַרישן קאַמף. פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן זיך געעפנט נייע און ווייטע האָריזאָנטן.

די יידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט איז נישט געבליבן אין אַ זייט פון אָט דעם פּראָצעס. זי האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר אַ דרייסטער רעוויזיע פון די ביזדאַמאָלסדיקע אנשויאונגען און באַגריפן. זי האָט אויפגענומען אין זיך דאָס אויפפרישענדיקע און לעבנס־פעאיקע, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך די נייע צייט. זי האָט אַנטוויקלט אַ גרויסע אַקטיוויטעט, און ביי אַלע פּאָליטישע אַרויסטרעטונגען פון אַרבעטער־קלאַס פון לאַנד האָט זיך געהערט דער מוטיקער קול פונם יידישן אַרבעטער.

אָבער די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטערשאַפט האָט אויף קיין איין מאָמענט נישט פאַרלאָרן דעם רעאַלן באָדן אונטער אירע פיס. זי האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן וועגן דעם, אַז דער אַוואַנגאַרד פון אַרבעטער־קלאַס טאָר נישט אָפּרייסן זיך פון זיין נאַטירלעכן באַזע, פון די ברייטע אַרבעטנדיקע מאַסן. זי איז געווען מיט איר פּנים געווענדעט צום מ אָ ר ג ן, אָבער זי האָט נישט אַרויסגעלאָזט פון אויג דעם ה יי נ ט. אויפן באָדן פון די טאָג־נויטן און טאָג־באַדערפנישן פון אַרבעטער־קלאַס האָט זי געשטרעבט צו אָרגאַניזירן די ברייטע מאַסן. אינם קאַמף פאַר די מאָרגנדיקע פאָרמען האָט זי זיך באַנוצט אויך מיט די היינטיקע וועגן און פאָרמען. און אינם מאָמענט פון דער גרעסטער פּאָליטישער אויפלעבונג האָט זי געפּרעדיקט

דעם געדאַנק, אַז נור אויף אַ אייניהייטלעכן פּראָלעטאַרישן פראָנט וועט דער אַרבעטער-קלאַס דערשלאָגן זיך צו זיין באַפרייאונג.

היינט איז דאָס אַלץ שוין אָנגענומענע אמתן. אָבער מיט 3 יאָר צוריק איז דאָס אין געוויסע קרייזן באַטראַכט געוואָרן, ווי די גרעסטע אפּיקורסות. נאָך די יאָרן 1918–19 האָבן געמוזט קומען די יאָרן 1920–21, כּדי די דאָזיקע קלאָרע מאַרקסיסטישע פּרינציפּן זאָלן אָנערקענט ווערן.

פאַר דער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטערשאַפט, ווי פאַר דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-באַוועגונג, זענען ווידער געקומען שווערע יאָרן. און דוקא אין די דאָזיקע יאָרן זענען די טיפע אידעאישע חלוקי דעות אינם פּראָלעטאַרישן לאַגער דערגאַנגען ביז צו דער העכסטער אָנגעשטרענגקייט. גרויסע און שטאַרקע מערב-אייראָפּעישע פּאַרטייען האָבן נישט אויסגעהאַלטן דעם דאָזיקן אינערלעכן קאַמף און זענען צובראָכן געוואָרן. די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטערשאַפט איז אויך דעם דאָזיקן נסיון בייגעשטאַנען. דער שטאַרקער און געזונטער אָרגאַניזם פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג האָט גובר געווען דעם שפּאַלטונגס-מיקראָב. די פּאַרטיי פון יידישן פּראָלעטאַריאַט האָט זיגרייך אָפּגעשלאָגן די אַטאַקע אויף איר גאַנצקייט און געשלאָסנקייט. די נישטיקע אָפּשפּליטערונג האָט זי נישט אָפּגעשוואַכט, פאַרקערט: זי האָט זיך אינערלעך געפעסטיקט און פאַרשטאַרקט.

דאָס האָט בולט באַוויזן די נאָר וואָס פאַרענדיקטע וואַל-קאַמפּאַניע. פאַר אַלעמען אָן אויסנאַם — סיי פאַר פריינט, סיי פאַר שונאים — איז געווען אינגאַנצן אומערוואַרטעט די אומגעהוירע לעבנסקראַפט, די קאָלאָסאַלע ענערגיע און ענטוזיאַזם, וועלכע ס'האָט אַרויסגעוויזן בעת דער לעצטער וואַל-קאַמפּאַניע דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער-בונד. די אימפּאָזאַנטע צאָל שטימען, וועלכע זיינע ליסטעס האָבן צונויפגעקליבן אין לאַנד, און נאָכמער — די טיפע באַגייסטערונג, וועלכע די וואַל-קאַמפּאַניע פון אַלג. יידישן אַרבעטער-בונד האָט אַרויסגערופן אין די ברייטסטע יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, זענען דער פעסטער און לעבעדיקסטער באַווייז, אַז דער יידישער אַרבעטער-קלאַס און דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער-בונד זענען — איינס, אַז ער און נור ער האָט דאָס רעכט צו רעדן אין נאָמען פון יידישן פּראָלעטאַריאַט היינט, ווי ביז אַהער.

ה. ערליך.

דעם בונד

צו זיין 25-יעריקן יובילייום.

אין אַ טונקעלן ליטווישן וואַלד האָט זיך פאַרזאַמלט אַ קליינע געמיינדע.

עס איז געווען אלול-צייט.

די זון איז נידעריק געשטאַנען און געצינדן די שפּיצן פון די אַלטע סאָסנעס. אונטן, אויפן מאָך, האָבן זיך די צייטיקע ברוסניצעס גערויטלט ווי בלוטיקע טרערן.

אין לופט האָט געשמעקט מיט שווימען און סמאָלע.

אין וואַלד איז געווען שטיל.

די קליינע געמיינדע איז געשטאַנען אין אַ קרייז און געהערט.

און פון אַלע זייטן פון אַלע וואַלד-טיפּענישן האָבן זיך געטראָגן שטימען-כוואַליעס, ווי גרוסן, ווי בשורות, פונקט ווי הינטער די ברוינע שטאַמען ווענט וואָלטן געשטאַנען נאָך הונדערטער אַזעלכע געמיינדעס און איבערגעחזרט די שבועה:

הייליק איז די נאַטור
מיט אַלע אירע שאַפונגען.

דער אַלטער וואַלד האָט מיט זיינע ריזיקע גרינע אָרעמס אומגעוויגט דעם יונגען נאָר-וואָס געבליבענעם הימן, און נאָכדעם אויפגעהויבן אים איבער די פלאַמענדיקע שפּיצן פון זיינע שלאַנקע סאָסנעס און אָפּגעגעבן דאָס די פרייע שליחים—די ווינטן, זיי זאָלן עס צעטראָגן איבער דער וועלט.

אַז די זון איז אונטערגעגאַנגען, האָט די קליינע געמיינדע פאַרלאָזן דעם וואַלד און דורך די אָפּגעשניטענע פעלדער אויף די שלאָפיקע ליטווישע וועגן צוריק געגאַנגען אַ היים.

זיי זענען געגאַנגען דורך דער דריטער וועלט, ווי ניי-געבוירענע, ווי נאָר וואָס ערוואַכטע, שווערע שיפּען זענען זיי אַראָפּגעפאַלן פון די אויגן שטיקער וואַקס פון די אויערן.

אין מערב האָבן זיך געגאָסן און געמישט צענדליקע פאַרבן פאַר וועלכע זיי האָב נאָך נישט געהאַט קיין נאָמען. איבער די אָפּגעשניטענע פעלדער האָט זיך געזילבערט אַ לייכטער נעפל. די מילדע באַרן-ביימער, וואָס זענען געשטאַנען אויף די מעזשעס, די איינזאַמע טאָפּאָליען און בער-יאָזיעס האָבן זיך באַדעקט מיט קופער און גאָלד און ווי אויס-

געגאָסענע פון מעטאַל אָפּגעשיינט אין אָוונט־ליכט אויף דעם העלן גרינס פון דעם שפעט אויפגעגאנגענעם הערבסט־גראָז.

און דאָס אַלץ אַרום איז נישט געווען קיין פרעמדעס נאָר טיף איי־גנס. זיי האָבן ערהאָבערט אַ נייע וועלט און ווי זיגער דורך איר געגאַנגען.

דער אָוונט־שטערן האָט געלויכטן.

איבער זייערע קעפּ און אין מזרח איז אויפגעשטיגן די לבנה און אין דער דאָזיקער פייערלעכער שטילקייט האָט זיך געטראָגן דער יינגער הימן:

„הייליק איז די נאַטור
מיט אַלע אירע שאַפּונגען
הימל, ערד, פעלד און וואַלד
און אַלץ, וואָס לעבט און בליט אויף זיי"

פאַרחתמטע קוואַלן האָבן זיך אויפגעעפנט אין זייערע הערצער און געשפּרו־דעלט. אַלע פאַרשלאָסענע בענקשאַפטן, אַלע פאַרשטיקטע באַגערן, אַלע פאַרמויערטע פאַרלאַנגען, אַלץ צוזאַמען האָט זיך אַרויסגעגאָסן ווי אַ ברייטער טייך און געוויגט זיך אויף דעם יונגען פּשוטן הימן:

די ערשטע בונדישע שבועה.

* * *

הייליק איז די נאַטור.

אַ גאַנץ פאָלק האָט אויפגעוואַכט, אַ יונגער קלאַס, וועמען עס האָט באַרירט דאָס כּישוף־שטעקעלע פון דער צויבערן־צייט.

ווייט צווישן די פעלדער איז געשטאַנען דאָס שטעטל, אַרומגענומען מיט אַלטע שווערע מויערן, די אויפגייענדיקע לבנה האָט צושפרייט אַ בלויען שימער אויף די הויכע גרויע ווענט, שטומע, אומעטיקע, אָן טיר אָן פענ־סטער, בלינדע צו דער ארומיקער וועלט, זענען זיי געשטאַנען און ערד און הימל פאַרדעקט.

די קליינע געמיינדע איז געגאַנגען. די ווענט זענען קעגן זיי גע־וואַקסן ווי פעלזן און טיף אין הימל אריינגעשפּאַרט. אָט שטייען זיי פאַר די קאַלטע ווענט, אָט שלאָגן זיי זיך אָן אָן די אייביקע שטיינער, נאָר פלוצלינג האָט זיך אַ קלאָרע כוואַליע אויפגעהויבן, אַ געזאַנג פון יינגע שטימען:

הייליק איז די נאַטור
מיט אַלע אירע שאַפונגען...

און ווי דורך אַ וווּנדער האָבן זיך גענומען באַוועגן די שווערע ווענט, ווי דורך אַ שפּרונג זיך פאַרוואַנדלט אין נעפּלען און ווי אַ בייזער חלום צעשוואומען געוואָרן אין דער בלויער נאַכט. דאָס ליטווישע שטעדטל האָט זיך ענטפּלעקט צום הימל מיט אַלע אירע אָרעמע קליינע פענ־סטערלעך. דורך די שמאָלע געסלעך איז דורכגעגאַנגען אַ בשורה און זיך צעטראָגן אין אַלע אַרבעטער־שטיבלעך.

אין יענער נאַכט איז איינגעפאַלן די לעצטע און שטאַרקסטע געביי־דע פון מיטלאַלטער — די ווענט פון יידישן געטאָ. יענע פעסטע פעלזן־ווענט, וואָס צוויי טויזנט יאָר האַס און קנעכטשאַפט האָבן די שטיינער געלייגט און מיט פינסטערניש צעמענטירט.

יענע שווערע געטאָ־ווענט, וואָס ניט די עלעקטרישע השכלה־זון האָט געקאָנט דורכדרינגען, ניט דער שטורעם פון דער פאַרביילויפנדער וועלט־געשיכטע האָט זיי געקאָנט אַראָפּטראָגן און ניט די קראַטן פון דער אַסימילאַציע אונטערגראָבן.

און דאָס האָבן געטון עטליכע צענדליק יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך דערקענט און די וועלט דערזען.

* * *

אין יענער נאַכט איז געזעסן דער אַלטער סופר ירוחם אין אַ טונ־קעלן ווינקל אין דער אַלטער שול און זיך געשאָקלט.

עס איז געווען די ערשטע סליחות, ביים עמוד האָבן געברענט עט־לעכע ליכטלעך, דער שוואַכער שיין איז אַראָפּגערינען ווי אַ געלער וואַקס איף די אַרומיקע שטענדערס און פּאָספּאָריש אויפגעהעלט די אַלטע ווענט מיט די האַלב־אָפּגעוועלקטע בילדער.

געל האָבן געוועלקט אין די ווינקלען עטלעכע אויסגעמאָלטע קיי־לעכדיקע איילבירט־בוימער, אַן אַלטער הינקעדיקער הירש מיט צעבראָכע־נע הערנער האָט זיך האַלב טויט געוואַלגערט אין איין זייט, אין איין צווייטן זייט איז געשלאָפן אַ הונגעריקער לייב מיט אַן אויסגעקראָכענער גריווע און צווישן זיי אויף טרוקענע הושענות זענען געהאנגען שאָטנס פון טראָמפייטן און האַרפן מיט צעריסענע סטרונעס.

דער אַלטער ירוחם האָט זיך געשאָקלט און שטיל געזיפצט.

פון זיין זון הערשל איז שוין צוויי וואָכן קיין ידיעה נישטאָ, ער איז אַן אַרבעטער אין ב. און פון דאָרט קומען אָן מאָדנע ידיעות: חברה אחדות, יד אחת, מען שטרייקט, מען גייט געגן מלכות, מען מאַכט אסיפות אין די וועלדער, מען פלאַנעוועט. אויך זיין זון, זאָגט מען, איז אין מיטן. וואָס טוט זיך דאָ? אויך אין שטעטל איז עפּעס אונהיימלעך. מען סודעט זיך עס קומען צופאָרן עפּעס מאָדנע בחורימלעך, ווינען אין דער גויאישקער גאַס בלאָנדזשן אום ווי פרעמדע אין די געסלעך, טראָגן רויטע העמדלעך, ירוחמען גייט איבער אַ קאַלטער הויך איבערן לייב און אים דוכט זיך, אַז די ווענט פון דער אַלטער שול וואַקלען זיך.

אשרי תמימי דרך
ההולכים בתורת ה׳.

ירוחם שאָקלט זיך. די ליכטלעך לעשן זיך. די הויכע פענסטער הייבן אָן אַריינבלויען אין דער פינסטערניש. גרויסע שטערן לייכטן אַראָפּ און קוקן דורך די קליינע פיר קאַנטיקע שייבלעך. און ירוחם זעט, ווי דער ארון קודש עפנט זיך און פון די טרעפּלעך גייען אַראָפּ געשטאַלטן. אי־

איז איינער אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט שאַרפע געזיכט־שטריכן און ברענענ־דיקע אויגן. אַזוי האט ער זיך פאָרגעשטעלט ישעיה הנביא, בשעת ער האט דאס אָרימע פאָלק גערופן קעגן די כהנים און אויסגעלאַסענע רייכע טעכטער פון יהודה. אט גייט אַ צווייטער, ווי אַ פּאַסטוך אנגעטון, אַ ברייט פּלייציקער מיט אַ הויכן ערנסטן שטערן אין געדיכטע אראפּגעלאָזענע ברעמען: דאס איז עמוס וואס האט געקעמפט קעגן די אויסגעפּאַשעטע הערשער פון שומרון און די רייכע פרויען זייערע אנגערופן „די קי פון בשן". אט איז אַ דריטער מיט אַ פעלענעם גאַרטל אויף די לענדן: דאס איז אליהו, וואס האט אָרגאַניזירט אַן אויפשטאַנד קעגן קעניג אחאבין און פאַרטיידיקט די רעכט פון די אָרימע פויערן און נאך זיי, נאך און נאך מענער־געשטאַלטן. די שטערן האבן העלער אנגעהויבן לייכטן אין די קליינע פיר קאַנטיקע שייבלעך פון די הויכע פענסטער, די פאַרוועלקטע איילבערט־בוימער און פאַלמען האבן זיך צוגריינט און זיך פאַרוואַנדלט אין בליענדיקע בעריאָזקעס און סאסנעס. דער הירש איז אויפגעשפּרונגען יונג, פריש, מיט אַ ברוינער גלאַנציקער פעל. דער לייב איז אויפגעשטאַ־נען מיט אַ געדיכטער גריווע און די אַלטע סאסנע־קלעצער פון דער שול האבן אנגעהויבן טריפן מיט שמעקעדיקער סמאָלע, האבן זיך פאַרדעקט מיט קאָרע און אנגעהויבן אַרויסלאָזן גרינע צווייגלעך, און אונטער די אויפגעגרינטע ווערבעס האט זיך באַוויזן איציק דער לוסטיקער כלי־זמר מיטן פידל און געשפּילט אַלערליי לוסטיקע פאָלקס־נגונים.

ירוחם רייבט די אויגן און זעט, ווי די געשטאַלטן דערנענטערן זיך צום טיר פון שול און פּרוּוון זי אויפרייסן. און פון אַלע זייטן הערן זיך שטימען: מיר ווילן אַרויס אין דער וועלט צו דער אונטערדריקטער מענש־הייט, מיר הערן נייע שטימען רופן אונז, פרישע ווינטן נעמען אונז אַרום, אונזערע הערצער האָבן ווידער אנגעהויבן קלאַפּן—

מיר ווילן אין דער וועלט.

און ירוחם הערט, ווי צו די פאַריגלטע טירן פון דער אַלטער שול דערנענטערן זיך יונגע שטימען: מען רופט עפּעס, מען זינגט, צענדליקע פעסטע פּלייצעס שפּאַרן זיך אין דער אַלטער דעמבענער טיר, צענדליקע פויסטן שלאָגן ווי מיט האַמער; פּלוצלינג קראַכן די שלעסער, די דעמבענע ברעטער ברעכן זיך, די אייזנס בויגן זיך, די טיר צעשפּרינגט און אין שול רייסט זיך אַריין אַ מחנה יונגע לייט, און צווישן זיי הערשל, מיט אַ רויטער פאָן.

היילִיק איז די נאַטור

מיט אַלע אירע שאַפונגען.

עס האָט געשטורעמט און געדונערט צווישן די פיר ווענט, וואָס האָבן זיך צובליט אין ענגען סאָסנאָווען וואַלד און איציק דער כלי־זמר האָט געשפּילט אונטער די ווערבעס.

ירוחם האָט געריבן די אויגן. די יאָרצייט־ליכט האָבן זיך אויסגע־

לאָשן, און דורך די צענדליקע קליינע פּירקאַנטיקע שייבלעך פון די הויכע פענסטער האָבן אַריינגעקוקט גרויסע נייע שטערן.

אין שטעטעל אויף אן אומלעגאַלער קוואַרטיר האָט מען אין דער צייט אָבגעהעקטאָגראַפירט די ערשטע פּראָקלאַמאַציע און אין דער הויך איבער דער פּראָקלאַמאַציע זענען געשטאַנען צוויי שורות:

פּראָלעטאַריער אַלער לענדער פאַראייניקט אייך!
אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער-בונד פון רוסלאַנד ליטע און פּוילן.

*　　*
*

„וויקלט פאַרנאַנדער די פאָנען די רויטע,
וועקט-אויף די, וואָס שלומערן, זייענדיק שוואַך,
איינציקוויז קלייבט זיי צונויף, די צעשפרייטע,
זאָגט, אַז עס רופט זיי די הייליקע זאַך".

די רויטע פאָן האָט זיך געכוואַליעט אין דער לופט, זי האָט זיך ווי אַ רויטער אָדלער-פליגל געריסן פון שטאַנג אין דער לופט אַריין.

דער וואַלד האט גערוישט און צופוסן פון די שטאַמען האָבן אַריינגעקוקט די ערשטע פיאַלקעס.

מיט אָבגעדעקטע היטלען איז געשטאַנען אַ באַטאַליאָן.

עס איז געווען דער אַוואַנגאַרד פון דער רעוואָלוציע.

אים איז דאָס באַשערט געווען אַריינצושפּרינגען אין ערשטן פייער פון שלאַכט און פאַר די פיינדלעכע רייען באַגריסן דעם טויט און דעם נצחון.

אַ מילדער פרילינגס-ווינט האָט געגלעט און געשויבערט זייערע לאָקן.

דער וואַלד האָט גערוישט און זיינע ערשטע פיאָלקעס האָבן געבליט.

דאָ זענען אַלע געווען פאַרזאַמעלט: רבקה די שניידערקע, בערל דער שוסטער, הערשל דער איינבינדער, משה'קע דער גאַרבער און מאָטקע דער בלעכער.

הינטער זיי איז געלעגן דאָס שטעטל מיטן מארק מיט די קראָמען און פאַר זיי די בלאָע פרילינגס אומענדלעכקייט.

רבקה האָט געשניטן חלה און משהקע האָט געעפנט די פלעשלעך ביר.

איין מעסער פאַר אַלע און איין גלאָז פאַר אַלעמען.

עס איז געווען דער הייליקער מאָלצייט פון די צוועלף אפאסטאלן.

דאָ אין דעם פרילינגס-וואַלד האָט מען דעם ערשטן יום-טוב פון באַפרייאונג און באַנייונג געפייערט.

עס איז געווען פסח אין שטעדטל און די חלה, וואָס מען האָט געגעסן איז נישט געווען קיין חלה,

נאָר חמץ.

און דאָס ביר, וואָס מען האָט געטרונקן איז נישט געווען קיין ביר, נאָר חמץ.

און יעדער ביסן און יעדער טרונק האָט באַדייט: פון היינט מאָל

אָן רייס איך איבער אַלע טויטע שטריק, וואָס האָבן מיך געבונדן צו דער פֿאַרגאַנגנהייט און לאָז נאָר איבער די לעבעדיקע.

פֿון היינט מאָל אָן רייס איך איבער אַלע וואָרצלען מיינע, וואָס רוען אין דער טויטער ערד, און לאָז נאָר איבער די, וואָס זענען אין דער לעבעדיקער ערד.

דער אַלטער וואַלד האָט גערוישט און זיינע ערשטע פּיאָלקעס האָבן געבליט.

דאָס גלאָז איז געגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט און יעדער טרונק איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ שפּרוך און יעדער שפּרוך מיט עטלעכע שווער־פֿאַרהאַרעוועטע גראָשן, וואָס איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ היטל.

דער ערשטער פֿאָנד פֿאַר געווער.

קיינער האָט נישט געקרעכצט און קיינער האָט זיין גורל נישט באַ־דויערט, קיינער איז נישט מיד געווען און קיינעם איז קיין משא אויף די פּלייצעס נישט געלעגן.

אַ טיפֿע זיכערקייט האָט אַלעמען באַפֿעסטיקט.

אַ גרויסע פֿרייד האָט אַלעמען איינגענומען.

אַ היילִיקער שטאָלץ.

און קיינער האָט נישט געוואוסט, פֿון וואַנען די פֿרייד איז געפֿלאָסן, און קיינער האָט נישט געוואוסט פֿון וואַנען דער שטאָלץ איז געוואַקסן, נאָר אַלע האָבן געוואוסט, אַז ס'איז עפּעס אַזוינס געשען, וואָס וועט אַ וועלט איבערקערן.

אַזאַ פֿרייד פֿילן קינדער, ווען די גרויסע וועלט באַריִרט זייער באַ־וואוסטזיין.

אַזאַ שטאָלץ פֿילט אַ שווימער, ווען ער צערייסט מיט זיינע אָרעמס די ערשטע ים־כוואַליע.

דורך דער ליכטיקער לופֿט פֿון אַלע זייטן האָבן זיך צו זיי געצויגן מיליאָנען ברידער־הענט און רבקה די שניידערקע, און בערעל דער שוס־טער און יענקל דער גאַרבער האָבן אויף זייערע הענט דערשפּירט די ברידערלעכע באַריִרונג פֿון מיליאָנען ווייטע אַרבעטער, פֿון אַלע עקן האָבן זיך אָרעמס דערנענטערט, די אָרעמס פֿון וועלט־פּראָלעטאַריאַט אין זיי אַרומגענומען, און גלייכע מיט גלייכע, פֿרייע מיט פֿרייע, שטאָלצע מיט שטאָלצע, האָבן זיי זיך אַריינגעפֿלאָכטן אין גרויסן וועלט־קאַראַהאָד — דער קאַראַהאָד פֿון דער צוקונפֿט, דער קאַראַהאָד פֿון די ספֿערן.

דער מאָלצייט האָט זיך געענדיקט.

די זון האָט דורך די צווייגן מיט שטראָמען ליכט געגאָסן.

דער אַלטער וואַלד האָט גערוישט און זיינע ערשטע פּיאָלקעס האָבן געבליט.

* * *

ווער האָט דאָס געגלויבט?

קיינער נישט.

ווער האָט זיך עס פאַרגעשטעלט?

קיינער ניט.

ווי אַ צווייגל איז עס אַרויס, קוים צו מערקן, ווי אַ קליינער געווי־טער־וואָלקן, ווי די גרויס פון אַ מענטשן־האַנט.

דאָס ברייטע קרעמעריזשע יידישע מויל מיט די צעפוילטע ציינער האָט זיך צעעפנט און עס געוואָלט איינשלינגען מיט זיין חוזק.

דער ביינקער סקעלעט פון יידישן בטלן האָט דאָס געוואָלט פאַר־שיטן מיט שמות.

דאָס קליינע באַלעבאַטיש מוסרל האָט דאָס געוואָלט מיט זיין פאַר׳־סמטן מיק־פיסקל שטעכן.

די נאַסע, בלאָטיקע יידישע שפלות האָט דאָס געוואָלט אַריינשלעפן אין איר זומפּ.

און דער הויקערדיקער באַלעבאַטישער אינטעליגענטל, האָט דאָס גע־וואָלט אַרויפפלאָנטערן אויף זיין גראָבן פינגער און אַריינכאַפּן עס אין נעץ פון אַלערליי הינטער־אויוון־טעאָריעס און שול־באָד־חלומות.

עס איז אָבער שונאים צו להכעיס געוואַקסן ניט פון טאָג, נאָר פון שעה. די וואָרצלען זיינע האָבן אַ שפּרודלענדיקן אונטערערדישן קוואַל. עס איז געווען די נשמה פון די יידישע מאַסן, יענער באַהאַלטענער קוואַל פון פרישע, יונגע כחות און אומדערשעפּלעכע לעבעדיקע אוצרות.

אין דער שטיל איז עס געוואַקסן, ביז עס האָט אַדורכגעריסן זיינע אייגענע גרענעצן און אין דער ברייטער וועלט ארויסגעשפּראָצט, די ברוסט איינגע־אָטעמט מיט פרייע וואַלד־לופט, די אויגן אָנגעזאַפּט מיט העלער פעלד־ליכט.

ווער האָט דאָס געגלויבט?

קיינער ניט.

ווער האָט זיך דאָס פאַרגעשטעלט?

קיינער ניט.

* * *

אויפ׳ן בעז־בוים האָט דער בעז געעפענט זיינע בעכערלעך און דער קאַרשן־בוים האָט זיך אין ווייסן באַדעקט.

אויף דער לאָנקע זענען די געלע לייבנציינדלעך אויפגעגאַנגען ווי קליינע זונען.

און דער סקאָוואָנעק איז איבער די וואָלקנס געשטיגן—

דער 1־טער מאַי אויף די חרבות פון צעשמעטערטן געטא.

באַטאַליאָנען זעלנער זענען אונטער געווער געשטאַנען און געוואַרט. סאָטניעס קאָזאַקן האָבן געשפּאַנט די פערד. פאַר וועמען איז דאָס די ערנ־סטע מאָביליזאַציע?

וועמען וויל מען דאָס מיט אזא מאכט באגעגענען?

דער ערשטער 1־טער מאַי אין דער יידישער גאַס.

פאַרשוואונדן איז דער אַלטער מאשקע, וואס פלעגט מורא האָבן פאַרן פּריצ׳ס הינט.

אוועקגעבלאָזן איז יאַנקל דער מעקלער, וואָס פלעגט קושן דעם פּריץ אין האַנט.

דאס גאַנצע יידישע שיפלות האָט זיך אין קרעמל באַגראבן, פון די קעלערן זיינען נייע יידן ארויס, אויף דער הויפּט-גאַס אפן פאַר אַלעמען זענען זיי געגאַנגען.

אין די ערשטע רייען: רבקה די שניידערקע, בערל דער שוסטער און מאָטקע דער בלעכער — פארויס מיט דער רויטער פאָן.

דער קרעמער האט פארמאַכט די קראָם,
דער דין — די גמרא —
און דער מלוה — זיין קאַנטאָר.

פון איין זייט די ארבעטער, פון דער צווייטער זייט מיליטער, רייע נאָך רייע מיט געלאָדענע ביקסן.

דער בעז-בוים האָט צעעפנט זיינע בעכערלעך און דער קאַרשן-בוים האָט זיך אין ווייסן פארהילט.

שטייט-אויף איר אונטערדריקטע מאַסן
און מאַכט פון שקלאַפעריי איין ענד.
טראַך! טראַך! טראַך!

אַ דראָבנער ביקסן-געלעכטער האָט צעשניטן די לופט.

דאס ליד איז פאַרשוואומען,
דער געלעכטער פארגליווערט געוואָרן.
אין שטאט איז שטיל געוואָרן, ווי פאַר אַ שטורעם.
דער קרעמער האָט זיין קראָם פאַרמאכט,
דער דין — זיין גמרא.

און אין דער הויפּט-גאַס זענען צוויי געלעגן מיט אפענע אויגן צו דער גאָלדענער מאַי-זון: בערל דער שוסטער און מאָטקע דער בלעכער.

אַ היילוקער שטראָם בלוט האָט זיך פון זיי געשלענגלט און זיך איינ-געזאַפּט אין דער רויטער פאָן.

דער בעז-בוים האָט צעעפנט זיינע בעכערלעך און דער קאַרשן-בוים האָט זיך איינגעהילט אין ווייסן.

און איבער זיי האט זיך נאך געוויגט דאס ליד:
שטייט אויף איר אונטערדריקטע מאַסן
און מאַכט פון שקלאַפעריי איין ענד...

ביי נאַכט, ווען די לבנה איז אויפגעגאַנגען, האָט זיך פון אַן אָפענעם קליינעם פענסטערל, וואָס האָט ארייגעלויכטן אין דער נאַכט, זיך געטראָ-גען א שטילע פרויען-שטים:

אָ, ברידער מיר האָבן געשלאָסן
אויף לעבן און טויט איין פארבאַנד,
מיר שטייען אין קאַמף ווי געגאָסן
די פאָנע די רויטע אין האנט...

דאָס האט רבקה די שניידערקע אירע טויטע באַגלייט.

אין אַ ווינקעל צוזאַמענגעוויקלט איז די רויטע פאָן געשטאַנען אין אירע פאַלדן האָבן געפלאַטערט אין זיך,
צווישן אירע פעדעם האָט הייליקער לעבעדיקער בלוט געפלאָסן.

* *
*

דער בונד,
דער יידישער אַרבעטער־בונד.

די האַמערס האָבן זיך צוקלאַפּט מיט גאַר אַ נייעם ריטם. די נאָד־לען האָבן זיך צופינקלט מיט אַן אַנדער גלאַנץ; די שערן האָבן זיך גאָר אַנדערש צוקלינגען און די זעגן צוזינגען.
עמק —
שער און אייזן.

פון אָפענע פענסטער האָט זיך עס געגאָסן, ווי אַ פרישער שטראָם, די לוסטיקע פאָלקס־לידער האָבן איבערגעיאָגט די וויינענדיקע טענער פון הבן יקיר לי, אלי ציון. אין די שטילע פאַרשלאָפענע געסלעך איז דער־גאַנגען אַ ווייטער רויש. דאָס האָבן מיליאָנען רעדער געראַשט פון די וועלט־פאַבריקן, אויף צוקונפטס־נעפלען, וואָס האָבן פאַרהילט דאָס שטעטל זענען ריזיקע מיראַזשען אויפגעגאַנגען און זיך געשפיגלט אין די דונקעלע שייבלעך פון די אַרבעטער־הייזער: וועלדער פון קוימענס, באַפעלקערטע שטעט און דערפער, ריזיקע בריקן איבער שטורמישע שטראָמען, נעצן פון אייזנבאַנען, אַרבעטער־רעפובליקן פול מיט לעבען און אַרבעט, פול מיט פרייהייט און גייסט.

נאַכט־איין נאַכט־אויס, ווען די אַרבעט פלעגט זיך ענדיקן, האָט זיך ביי הערשל דעם איינבינדער אין חדרל אנגעצינדן אַ קליינער נאַפט־לעמפעל און אָנגעשפּאַרט אויף די הענט האָט זיך אַ יונגער צושויבערטער קאָפּ איבערגעבויגן איבער אַ קליין ביכל מיט דינינקע בלעטלעך, די אויגן האָ־בען געבלאָנדזשעט איבער די קליינע אותיות און דער קאָפּ איז געווען ווייט, ווייט, געשוועבט איבער אַלע וועלט־טיילן, דער געדאַנק האָט דורכגעבליצט איבער אַלע עפּאָכן, און פון האַרצן האָט זיך אַ לעבעדיקער רויטער פאָדעם אויסגעשפּינט און איינגעפלאָכטן זיך אין גרויסן וואונדערבאַרן געוועב, וואָס הייסט מענטשהייט.

קיינער האָט דעם פאָדעם נישט געשפינט, קיינער האָט דאָס נישט קינסטלעך געדרייט, קיינער האָט דאָס נישט מיט גאוה פון אויבן אַראָפּ געוועקט: פון זיך אַליין האָט זיך די אויגן געעפנט פון זיך אַליין האָט זיך דער געדאַנק אויפגעוואַכט און געשטיגן:
דו ביסט דו,
דו ביסט די וועלט.

נישטאָ קיין העכער און נידריקער פון דיר, נישטאָ קיין שענערע זאַך ווי דיין מענטשלעכע נשמה, נישטאָ קיין איידעלערע בלוט, ווי דאָס בלוט, וואָס שטראָמט אין דיינע אָדערן.

נישטאָ קיין שענערע שפּראַך, ווי די שפּראַך, אויף וועלכע דו טראַכסט דיינע מענטשלעכע געדאַנקען און דו זינגסט דיינע פרייהייטס־לידער.

העסלעך איז נאָר די שקלאַפּעריי,
און אומאיידל איז דער אונטערדריקער,
אומווירדיק איז איז די פּוילקייט,
שיין איז די פרייהייט,
איידל איר קעמפּער,
און הייליק די אַרבעט.

לאַנג, לאַנג האט הערשל אַזוי געליינט און געטראַכט. וואכן זענען געפלויגן, ווי באַפרייטע אדלערס פון אַן אפענעם שטייג ביז איינמאָל אין אַ דונקעלער זומער־נאַכט, ווען דער קלויסטער גלאָק האָט שווער אויסגעביזערט די צוועלפטע שעה און די שול האָט אויסגעיאָמערט האַלבע נאַכט, האָט זיך אַ קליינע געשטאַלט געגנבעט דורך די גאַסן און געסלעך פון דער שטאָט און געקלעבט, און געקלעבט, און געקלעבט ווייסע בויגנס פּאַפּיר באַדעקט מיט קליינע אותיות. דאָרט איז געשטאַנען אַלץ, וואָס משהקע, רבקה און שלמקה האָבן געטראַכט דורך לאַנגע נעכט איבער קליינע ביכלעך ביי רויכיקע נאַפּט־לעמפּלעך.

און אַז די זון איז אויפגעגאַנגען, האָט די גאַנצע וועלט געליינט פון די מויערן און זיילן די קריגס־ערקלערונג פון דער קליינער געמיינדע.

פון די טרוימער זענען קעמפער געוואָרן.

דער באַרן־בוים, וואָס האָט געבליט פאַר רבקה דער שניידערקעס פענסטער, איז שוין געווען באַלאָדן מיט קליינע גרינע ווילדע באַרעלעך.

עס איז געווען נאָך מיטאָג, ווידער איז אין שטעטל אַלץ שטיל געווען. אַ פּחד האָט גערוט אויף די קרעמערישע שוועלן.

פאַרן טיר איז רבקה געשטאַנען: די אויגן אירע זענען דאָפּלט שוואַרצער געווען, דער פייער אין זיי דאָפּלט העלער. אין איין גאַס, פאַר איר, אַרומגערינגלט פון סאָלדאַטן, איז געגאַנגען משה׳קע, די קייטלעך אויף די הענט האָבן געקלונגען, דאָס פּנים האָט געלאַכט.

מען האָט אים געפירט צום וואָקזאַל, און פון דאָרט ווייט ווייט אין די קאַלטע טייגעס פון סיביר, אָפּצוקילן זיין הייס יונגע האַרץ.

אויפ׳ן וואָקזאַל איז געווען פאַרזאַמעלט די גאַנצע קליינע יונגע געמיינדע, יום־טוב׳דיק ווי צו אַ חתונה. דער גלאָק האָט געקלונגען, דער קאָנוואָי האָט קאָמאַנדעוועט, די קייטן האָבן געגרילצט, נאָר איבער אַלץ האָבן געהילכט די יונגע שטימען:

נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!

עס לעבע דער בונד!

און אַז רבקה די שניידערקע איז צום צווייטן מאָל צוגעגאַנגען צום טיר, האָט זיך פון אָנפאַנג גאַס געטראָגן אַ געזאַנג. דער אָונט־ווינט האָט געגלעט אירע צופלאַמטע באַקן, אויף וועלכע עס האָבן געברענט צוויי אויסגעטריקנטע טרערן. און דער געזאַנג האָט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער אָבגערוקט:

„מיִר ווערן געהאַסט און געטריִבן,
מיִר ווערן געיאָגט און פאַרפאָלגט,
און אַלץ נאָר דערפאַר, וואָס מיִר ליִבן
דאָס אָריִמע ליידנדע פאָלק,
דאָס אָריִמע ליידנדע פאָלק".

* *
*

איִן דער בלייכער נאַכט איִז דער איִמפעראַטאָר פון רוסלאַנד, דער קעניִג פון פּוילן, דער פיִרשט פון פיִנלאַנד און ווייטער און ווייטער... אַרויס אויפן באַלקאָן פון זיין פּאַלאַץ. האָט ער פּלוצלונג דערזען איִן דרום־מערב זייט פון זיין הויפּט־שטאָט אַ נייעם רויטן ריִז, וואָס איִז אויסגעוואַקסן צווישן די אַנדערע רויטע ריִזן, וואָס האָבן אַרומגערינגעלט דעם האָריִזאָנט אַרום זיין פּאַלאַץ:

עס איִז געווען דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער בונד פון רוסלאַנד, ליִטע און פּוילן.

ער האָט אַ לאַנגע צייט באַטראַכט דעם ניי־געבוירענעם ריִז, און די אויגן ניִשט געגלויבט. צופוסן פון דעם דאָזיִקן ריִז האָט ער דערזען מחנות, מחנות מענשן, זיי האָבן מאַרשיִרט איִן רייען מיִט אויפגעהויבענע קעפּ און דרייסט פאַר זיִך געקוקט. צו די אויערן פון איִמפעראַטאָר איִז דערגאַנגען אַ קאַמפּס־ליִד איִן איינע פון די הונדערט צוואַנציִק שפּראַכן, אויף וועלכע זיינע פאַרשקלאַפּטע אונטערטאַנען האָבן צום קאַמף גערופן.

דער איִמפעראַטאָר איִז אַריין צו זיִך איִן ציִמער, צוגעגאַנגען צום שרייב־טיִש און געמאַכט קליינע, קורצע נאָטיִצן אויף די בויגן פון פאַרשיִדענע בויגנס, עס איִז געווען דער ערשטער באַריִכט פון פּאָליִציי־דעפּאַרטאַמענט וועגן יידיִשן בונד.

די פעדער האָט נערוועז שנעל געקריִצט, איִן ציִמער האָט אַ קאַלטער ווינט אַריינגעבלאָזן, און פון אָפענער באַלקאָן־טיִר האָט זיִך אַריינגעטראָגן און זיִך אומגעיאָגט איִן האַלב דונקעלן קאַביִנעט.

מיִר זענען סאָלדאַטן איִן פרייהייטס־אַרמעע
און שטייען גאַנץ פעסט איִן די רייען,
מיִר גייען באַפרייען די וועלט פון איר וויי,
מיִר גייען די מענטשהייט באַפרייען.

* *
*

פון אָנפאַנג איִז געווען דאָס וואָרט, דאָס וואָרט האָט געוועקט דעם באַוווסטזיין, און דער באַוווסטזיין האָט גערופן צו טאַט, און די טאַט איִז געקומען ווי אַ בליִץ. איִן ווילנע האָט געלעבט אַ שוסטער און זיין נאָמען איִז געווען לעקערט. ער האָט געהאַט אַ ווייב און אַ קיִנד. אַ גאַנצן טאָג האָט ער געאַרבעט מיִט נאָל און דראַטווע און ביינאַכט פלעגט ער גיין אויף די געהיימע קרייזלעך הערן די בשורה צווישן די בריִדער און שוועסטער. און איינמאָל, אַז די מאָס איִז פול געוואָרן, זענען די בריִדער

און די שוועסטער אַרויס אויפן גאַס, אָפּן פאַר דער גאַנצער וועלט אַרויס־צוזאָגן זייער אמת און מודיע צו זיין, אַז עס קומט דאָס קעניגרייך פון גערעכטיקייט, ווו אָרים און רייך וועלן זיין גלייך, גלייכע רעכט פאַר אַלע און גלייכע אַרבעט פאַר אַלע. און דער אמת איז געווען אַ שרעק־לעכער, אַן אמת פון בלוט און טרערן, און זיין פאָן איז געווען אַ רויטע. האָבן די, וואָס האָבן מורא געהאַט, אַרויסגעשיקט זייערע דינער און מען האָט די ברידער און די שוועסטער גענומען אין דער תפיסה און געפייניקט און געשמיסן, אָן אונטערשייד מאַן צי פרוי. האָט זיך אויפגעוועקט אין שטילן שוסטער דער הייליקער צאָרן, האָט ער אין דער שטיל געקויפט געווער, קיינעם נישט דערציילט און נישט זעגנדיק זיך מיט וויב און קינד, איז ער אַוועק צום טעאַטער, ווו דער טיראַן האָט זיך לוסטיק געמאַכט. און אַז דער טיראַן איז אַרויס פון טעאַטער, איז ער אים באַפאַלן, בכדי אָב־צוואַשן מיט זיין בלוט דעם שאַנד־פלעק פון ערנידערטע ברידער און שוועסטער און די טאַט איז געשען. לעקערטן האָט מען געפאַנגען און גע־בראַכט אין מיטן נאַכט אויף דאָס פעלד, וועלכע הייסט „וואָיענאיע פאָלע" און אויפגעהאָנגען. קיינער ווייס נישט, ווו זיין קבר איז, ווייל ער איז נישט געשטאָרבן. דאָרט אויף דעם תליה־פעלד איז ער נאָך אַ מאָל געבוירן גע־וואָרן און אָנגעזאָגט דער וועלט די שטאָלץ און ווירדע פון יידישן אַרבעטער.

פון יענעם טאָג אָן האָט זיך יעדער שמיץ פון אַ נאגייקע אויפן לייב פון אַ יידישן אַרבעטער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ערן־צייכן און די געלע לאַטע האָט זיך ווי אַ שטיק זון דערשטראַלט און אין דער זון האָבן געלויכטן פיר רויטע אותיות:

„בונד".

און ווער עס האָט זיי דערזען האָט געוווסט, אַז עס איז אַ נייער משיח אויפגעשטאַנען און דאָס איז דער יידישער אַרבעטער.

פון יענער צייט אָן איז פאַרשוווּנדן דער פריץ און ס'איז נעלם געוואָרן דער מעקלער. פון איין זייט איז געווען אַ טיראַן, פון צווייטן זייט אַ פרייהייטס־קעמפער.

* *
*

און ס'איז געווען אין פעטערבורג.

אַ ווייסע נאַכט, ווי די בענקשאַפט אויפן פנים פון אַן אַרעסטאַנט, איז געלעגן אויף די הייזער פון דער הויפּט־שטאָט. די געל־געפאַרבטע פאַלאַצן האָבן זיך געשפיגלט ווי געשפענסטער אין מאַטן שפּיגל פון דער נעווע.

ס'האָט געדעמערט. און טויזנטער בלינדע פענסטער האָבן מיט אַנגסטן געקוקט אין די שטייגנדיקע נעפלען און צווישן די דאָזיקע פענסטער האָבן זיך עטלעכע געלויכטן. ס'איז געווען דער קאַבינעט פון בלוטיקן פלעווע.

דאָרט זענען צוויי געזעסן:
פלעווע

און אַנטקעגן אים אַ הויכער, שלאַנקער מאַן מיט אַ פּנים פון אַ סירישן מלך —

ד״ר הערצל.

ס׳איז אָבער קיין קעניגלעכער שטאָלץ אויף דעם דאָזיקן פּנים נישט געלעגן, ער איז געווען מער ענליך צו די אַלטע צעבראָכענע שטיינערנע דענקמעלער, וואָס וואַלגערן זיך אין זאַמד צווישן די חורבות פון אַשור.

פּלעווע האָט אים באַטראַכט מיט דעם נייגעריקן שמייכל פון אַ ענגלישן לאָרד, בשעת אַן אַראַבער לייגט אים פאָר צו קויפן אַזאַ אויסגעגראָבענעם שטיין־דענקמאָל.

— פּאַלעסטינע פאַר יידן ? יאָ, — פּלעווע האָט געשמייכלט, — נאָר מיט איין תּנאַי — פּלעווע האָט זיך אַ ביסל איינגעבויגן און פאָרשנד נאָכגעקוקט דעם יינגן ווינער דיפּלאָמאַט.

וואָס פאַר אַ תּנאַי ?

— דער בונד זאָל אויף פּיפּצן יאָר אָפּשטעלן זיין רעוואָלוציאנערע טעטיקייט*).

דער מאַן מיטן פּנים פון אַ סירישן קעניג האָט פאַרוואונדערט אָנגעקוקט דעם באַלטישן באַראָן.

ער האָט זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז די אומגליקלעכע נעבעכדיקע אָסט־יידן זאָלן האָבן אַזאַ וויכטיקן משכּון אין די הענט, פאַר וועלכן די רוסישע רעגירונג איז גרייט מיטצוהעלפן יידן באַקומען ארץ־ישראל.

ד״ר הערצל האָט פון דעם משכּון נישט געוואוסט.

און פּלעווע האָט יאָ געוואוסט.

גוט, האָט הערצל געזאָגט, און פול מיט האָפנונג זיך אויפגעהויבן. און ער האָט נישט באַמערקט ווי אויף די ליפּן פון בלוטיקן פּלעווע האָט זיך באַוויזן אַ סאַרקאַסטישער שמייכל.

דער באַלטישער באַראָן האָט געלאַכט. און דער מאַן מיטן פּנים פון אַן אַסירישן קעניג האָט דאָס נישט פאַרשטאַנען.

אונטן אויף דעם אַריינפאָר פון פּאַלאַץ איז געלעגן די ווייסע פּעטערבורגער נאַכט, ווי די בלייכע בענקשאַפט אויפן פּנים פון אתפּוס. די געלע פּאַלאַצן האָבן ווי געשפּענסטער זיך אָפּגעשאָטנט אין מאַטאָוון שפּיגל פון דער שלאָפּיקער נעווע.

דער מאַן מיטן פּנים פון אַן אַלטן סירישן קעניג איז פאַרטראַכט אַראָפּ פון די לעצטע טרעפּ און איז פלוצלינג שטיין געבליבן.

פאַר אים איז אויסגעוואקסן אַ געשטאַלט פון אַ יידישן אַרבעטער.

דער אַרבעטער איז לאַנגזאַם אים פאַרביי, ווי ער וואָלט אים נישט געמערקט.

---

*) דעם דאָזיקן שמועס צווישן פּלעווע און ד״ר הערצל האָט ד״ר זשיטל ווסקי דעם ערשטן מאָל דערציילט אין ניו־יאָרקער „טאָג״ 1916, צום צענטן יאָרצייט פון ד״ר הערצל.

ער איז געגאַנגען אַרויף אויף די טרעפּ און אויפן אַקסל ביי אים האָט זיך געוויגט אַ רויטע פאָן, פון וועלכער ס'האָט בלוט געפּלאָסן און אויף איר איז געווען אָנגעשריבן: „בונד".

— שטיי!

דער מאַן מיטן פּנים פון אַ סירישן קעניג האָט אָנגעכאַפּט דעם אַר-בעטער פאַרן אָרים

— שטיי! זאָג, וואָס ווילסטו פאַר דער בלוטיקער פאָן, וואָס הענגט אויף דיין אַקסל?

— די באַפרייונג פון דער גאַנצער וועלט, האָט דער אַרבעטער גע-ענטפערט:

— ווער וואַגט דאָס פאַר דער דאָזיקער בלוטיקער טוך אַזאַ פרייז צו בעטן?

— דאָס איז מיין בלוט, האָט דער אַרבעטער געענטפערט, פאַר דעם פרייז האָב איך עס פערגאָסן.

דער שוואַרצער שלאַנקער מאַן האָט געבויגן דעם קאָפּ.

פאַר אים איז געשטאַנען —

לעקערט.

אין דער זעלבער נאַכט האָט זיך אַ קליינע גרופּע אַרבעטער פאַר-זאַמלט ערגעץ אויף אַ סאַלקע.

און ווען פאַרשפעטיגטע דורכגייער זיינען צופעליק יענעם אָרט פאַרביי האָט זיי באַגלייט אַ כאָר פון עטליכע שטימען:

משיח און יודענטוםביידע געשטאָרבן
אַ נייער משיח קומט אָן
דער יידישער אַרבעטער, גבירישער קרבן,
ער הויבט שוין פון פרייהייט די פאָן.
דער יידישער אַרבעטער, גבירישער קרבן,
ער הויבט שוין פון פרייהייט די פאָן.

* *
*

עס איז נאָך נישט געקומען דער קינסטלער, וואָס זאָל די באַהאַלטענע אונטערערדישע העלדן אויסשניצן אין מאַרמאָר, און דער שרייבער, וואָס זאָל זיי אין גאָלד-געגאָסענע ווערטער פאַרייביקן.

זיי שטייען נאָך די העלדן נאָנט צו אונז, און דאָס בלוט פון זייערע וווּנדן רינט אויף אונזערע הענט.

דער קאַמף איז נאָך נישט פאַרענדיגט, די פאָן פלאַטערט נאָך אין רויך און אין שטויב פון שלאַכט-פעלד.

אָפט קומען פאַרבלאָנדזשעטע קוילן פון אייגענע ברידער און לעכערן די אַלטע אויסגעפּרובטע פאָן פון יידישן אַרבעטער, אָפט ציען זיך אייגענע פאַררעטערישע הענט און ווילן זי אין צוויי צערייסן, די פאָן איז אָבער נישט פון פשוט'ן טוך געמאַכט—בלוט שטראָמט איבער אירע פעדים, זי איז אַ לעבעדיק לייב, און וויפיל מאָל מען זאָל זי נישט צערייסן, די

רִיסן וואַקסן אויף צוריק און פערצִיען זיך, ווי פאַרהיילטע וואונדן. נישט בלויזע לופט פלאַטערט אין אירע פאַלבן—טויזענטער נשמות לעבן אין זיי, טויזנטער פרייע נשמות, וואָס זענען אין איר אַרייגגעהויכט געוואָרן; פון די צאַרישע תפיסות, פון די סיבירער טייגעס, פון די באַריקאַדן און גאַסן־שלאַכטן, טויזנטער נשמות וואָס האָבן אונטער איר געשוואָרן:

צו קעמפען פאַר פרייהייט און רעכט
מיט אַלע טיראַנען און זייערע קנעכט.

עס קומט דער טאָג און עס שלאָגט די שעה, דער צייכן וועט גע־געבן ווערן און די וועלט־אַרמיי וועט זיך רירן, די לעצטע שלאַכט וועט אויפברענען—דאַן וועט אין דעם וואַלד פון רויטע פאָנען אין די ערשטע רייען שטאָלץ ווי אַלע מאָל ווייען אויך אונזער מוטיק פאָן.

שוין קומען די סיגנאַלן. עס זאַמלען זיך די באַטאַליאָנען.

פון אַלע עקן וועלט קומען שטימען פון אונזערע צעשפרייטע קעמ־פער—פון די דייטשע קוילן־גרעבער, ניו־יאָרקער פאַבריקן, בעלגישע גרו־בען, פראַנצויזישע ווערקשטאַטן, לאָנדאָנער אַרבעטס־הייזער. פון אומעטום ווו דער שיקזאַל האָט יידישע אַרבעטער פאַרטראָגן, צו אַרבעטן און צו שאַפן און צו קעמפן,

טראָגט זיך דער געזאַנג,
עס איז אַ גרוס, אַ דאַנק, אַ הימן,
עס איז די שבועה,

די שבועה פון טרייהייט אָן גרעניצן צום בונד
נאָר ער קאָן די שקלאַפן באַפרייען אַצינד
זיין פאָהנע די רויטע איז הויך און איז ברייט
מיר שווערן אים טרייהייט אויף לעבן און טויט

דוד איינהאָרן.

דער ערשטער צוזאמענפאר פון „בונד“.

(ערינערונגען.)

דאס איז געווען ענדע סעפטעמבער, אין יאר 1897. דער בריוו-טרעגער האט מיר דערלאנגט א צייטונג. פון ווילנע! איך ווייס וואס דאס מיינט, איך פלעג דאס קריגן אפט — דאס איז א שיפרירטער בריוו.

איך זעץ זיך גלייך אוועק צו דער ארבעט, און נאך פיל מאטערניש און שוויצען געפין איך אויס וואס מען וויל פון מיר: אלעקסאנדער קרעמער, דער דאמאלסדיקער פירער פון דער ווילנער יידישער סאציאל-דעמאקראטישער ארגאניזאציע, מיילט מיר מיט, אז דער שוין לאנג פראיעקטירטער צוזאמענפאר פון די ארגאניזאציעס פון פארשיידענע שטעט וועט פארקומען אין ווילנע; אז איך דארף קומען אין אזא און אזא צייט, אויף אזא און אזא גאס, ווו איך וועל באגעגענען אים און נאך עמיצן, און פון זיי וועל איך זיך דערוויסן די איבריקע דעטאלן.

עס איז געווען א ווארעמער, א וווּנדערשיינער פוילישער הערבסט-טאג. איך געדענק דאס זייער גוט. איך בין נאך געווען אין די יארן, ווען א קליניקייט, אפילו א שיינער וועטער, קען מאכן דעם מענטשן זיך פילן גליקלעך. און דא אזא מאכריכט! דאס האט דאך נישט געהערט צו קליניקייטן. מיין פרייד איז געווען גרענעצנלאז, פשוט נישט צו באשרייבן.

די בשורה איז נישט געווען גאר אומערווארטעט. איך האב זיך געריכט אויף איר שוין לאנג. איך בין געווען איינער פון די, וואס האט די ווילנער אנפירנדע גרופע נישט געלאזט לעבן, פאדערנדיק א ניין צוזאמענפאר.

* * *

איך האב דאמאלסט געלעבט אין ווארשע און אין קיין אנדער שטאט זענען די יידישע ארגאניזירטע ארבעטער נישט געווען אזוי שטארק פארנטערעסירט אין גרינדן א פארטיי פון יידישן פראלעטאריאט, ווי אין דער פוילישער הויפט-שטאט.

אונזער ארגאניזאציע אין ווארשע איז נאך געווען פארהעלטנמעסיק יונג. מיר נישט ווי דריי יאר ארבעט איז געלעגן הינטער איר. אבער דערנער אויף איר וועג האט זי געהאט אן אמאס

אמת, ארבעטער זענען צוגעשטאנען צו אונז אין מאסן. אונזער ארגאניזאציע האט געמאכט די גרעסטע פארטשריטן. א סך פראפעסיאנעלע פאריינען — אומלעגאלע נאטירלעך — האבן זיך געבילדעט. אין יאר 1897 האבן מיר שוין געהאט — ניט רעכנענדיק די פראפעסיאנעל-ארגאניזירטע ארבעטער — ארום 200 פאליטישארגאניזירטע מיטגלידער.

די הענטשקעמאכערין צביה, די שניידערקע מארי זשאלודסקא, דער שלאסער לעאן גאלדמאן, פכהזאן און אנדערע — אלין טרייע, פעיקע, איבערגעגעבענע גענאסן — זענען געווען די פירערס פון דער באוועגונג.

די ערשטע אין גאַנצן תּחום זענען מיר אַרויסגעטראָטן אויפן וועג פון פאַרשפּרייטן אויפרופן מיט אַ פּאָליטישן אינהאַלט. אַפילו די ערשטע יידישע געדרוקטע פּראָקלאַמאַציע — אַ מאַי-פּראָקלאַמאַציע — איז אַרויס פון וואַרשע. איך בין געווען איר מחבר. זי איז אויך געווען פאַרשפּרייט אין ווילנע.

* * *

יאָ, אונזער אָרגאַניזאַציאָנס- און אויפקלערונגס-טעטיקייט אין וואַרשע איז געגאַנגען זייער גוט. און פון דער ווייטערדיקער אַרבעט האָבן מיר געהאָפט צו האָבן דעם גרעסטן ערפאָלג.

אָבער איר נאָרמאַלע אַנטוויקלונג איז געווען שרעקלעך געשטערט. אַז זי איז אַ סך געווען געשטערט פון פּאָליטיש-פּאָליציאיִשע באַדינגונגען, איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. אָבער נישט ווייניק צרות האָט אונז אָנגעמאַכט די קעגנערשאַפט און פיינטשאַפט פון דער דעמאָלט מעכטיקסטער פּאַרטיי נישט נור אין פּוילן, נאָר אין רוסלאַנד איבערהויפּט — פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.).

די טענות, וואָס זי האָט געהאַט צו אונז, זענען געווען פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע.

מיר זענען געווען סאָציאַל-דעמאָקראַטן נאָך אונזער פּראָגראַם און נאָך אונזער טאַקטיק; מיר זענען געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט, דאָס עס איז נויטיק אַ סאָלידאַרער קאַמף פון די אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנען, וואָס וווינען אין רוסלאַנד, גובר צו זיין דעם צאַרישן אַבסאָלוטיזם און צו פאַרווירקלעכן אונזערע סאָציאַליסטישע אידעאַלן; מיר האָבן שטענדיק אָנגעוויזן אַז דער נצחון פון דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט וועט אויך זיין אונזער נצחון. אויפן געביט פון דער יידישער פראַגע האָבן מיר געקעמפט קעגן אַלע אויסנאַמס-געזעצן און פאַר בירגערלעכע גלייכבאַ-רעכטיקונג. און מיר האָבן געטראַכט, אַז די פאָדערונג פון אַן אומאָפּהענגיקער פּוילישער בורזשואַזער מדינה קען נישט זיין איינע פון די ערשטע פאָדערונגען פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטערשאַפט, און אַז זי איז גאָר נישט אויף איין וועג פון אונזער באַוועגונג.

דעריבער, נאָך דער מיינונג פון דער פּוילישער סאָצ. פּאַרטיי, זענען מיר געווען — רוסיפיקאַטאָרן, יידישע נאַציאָנאַליסטן, שונאים פון די פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון פּוילישן פאָלק דירעקטע און אומדירעקטע העלפערס פון דער פּוילישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

דער רעזולטאַט — אַן אומבאַרמהערציקע מלחמה פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי קעגן אונז.

און פאַר אונז אַלעמען, וואָס זענען געווען טעטיק אין וואַרשע, איז געווען קלאָר אַז אַ „קעגן-אָפּענסיווע" קעגן פּ.פּ.ס. קען געפירט ווערן נור דאַן, ווען דער אָרגאַניזירטער יידישער פּראָלעטאַריאַט פון אַלע שטעט פון תּחום וועט זיין פאַראייניקט אין איין פּאַרטיי, מיט אַ קלאָרן פּראָגראַם, מיט אַן איינהייטלעכער טאַקטיק. עס איז נישט געווען נאָך די כּוחות נאָך פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע אַליין אָפּצושלאָגן אַלע אָנפאַלן, וואָס די שטאַרקסטע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט געמאַכט אויף אונז. נאָך מער וואָס די גאַנצע פּוילישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פון יענער צייט איז באַשטאַנען פון אַ קליינער, אומבאַדייטנדער גרופּקע פון אינטעליגענטן, וועלכע האָט עקזיסטירט נור דורך אונזער הילף.

* * *

די וואַרשעווער דעלעגאַציע איז אין ווילנע. איך באַגעגן זיך מיט אַלעקסאַנדערן און — מיר דאַכט זיך — מיט גלעב מיטניקאָוויטש. זיי זענען עטוואָס צוטראָגן. זיי דריקן אויס זייער מיינונג, אַז עס איז אפשר

…ראַי אָפּצוהאַלטן דעם צוזאַמענפֿאָר. אָקאָרשט …ענען פֿאָרגעקומען צאָלרייכע הויז־זוכונגען. עס איז אַ גרויסע געפֿאַר. די מינסקער און וויטעבסקער דעלעגאַטן זענען צוליב דעם דערווייל אַפֿילו נישט אַרויסגעפֿאָרן. מיר האָט מען אויך וועגן דעם געשריבן. …אַר מסתמא האָט דער בריוו זיך פֿאַרשפּעטיקט...

…ז אַ הונער האָט אונז געטראָפֿן!

…יין, דער צוזאַמענפֿאָר מוז אָפּגעהאַלטן ווערן, מיר קענען נישט פֿאָרן צו… …יך מיט ליידיקע הענט. דאָס איז אַן …אימעגלעכע זאַך... אונזערע הייסע פּראָ… …עסטן האָבן געהאָלפֿן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן גלייך זיך צו נעמען פֿאַר דער אַרבעט.

* * *

נישט ווייט פֿון טייך, אויף לוקישעק אין ווילנע; אין אַ שטיבעלע, פֿאַרוואָרפֿענע …ענגע געסל; אין אַ קליינע הילצערנע הייזל, אויף אַ שאלקע — האָבן זיך פֿאַר… …יכטיק באַהאַלטענערהייט פֿאַרזאַמלט אַלע דעלעגאַטן פֿון די גרעסטע דאַמאָלסטע עק… …יסטירנדע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

דאָס צימערל איז געווען קליין, אָבער אַן איינדרוק האָט עס געמאַכט פֿון אַ באַרהעלטניסמעסיק גרויסן צימער — ווייל עס איז געווען כמעט פּוסט, אָן מעבל. אַ בעטל אין איין ווינקל, אַ קאָרב אין אַ צווייטן, אַ פּראָסטער, נישט צוגעדעקטן טיש אין מיטן. עטלעכע שטולן. זיי האָבן נישט געקלעקט פֿאַר אַלעמען, און אייניקע דעלעגאַטן האָבן געמוזט אָדער זיצן אויפֿן בעט אָדער שטיין.

אָט דאָ, אין דעם צימערל, איז אין אַ משך פֿון דריי טעג — פֿון אַכטן ביזן צענטן אָקטאָבער נייעם סטיל — אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער ערשטער צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד“. דאָ איז דער „בונד“ געבוירן געוואָרן. דאָ איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אַ געזונטער פֿונדאַמענט פֿאַר איינע פֿון די מעכטיקסטע, בעסט־אָרגאַניזירטע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד און אין פּוילן; פֿאַר אַ פּאַרטיי, וועמענס פּראָגראַם־אויסגעהאַלטנהייט, דיסציפּלין, אָרגאַניזירטקייט האָבן געדינט אַ לאַנגע צייט פֿאַר אַ מוסטער פֿאַר אַנדערע פּאַרטייען.

מער נישט ווי 11 מענטשן זענען זיך צוזאַמענגעפֿאָרן. די „קאָנספּיראַציע“ האָט נישט צוגעלאָזט מער אָנטיילנעמער. עס זענען געווען אַ סך אָרגאַניזאַציעס ווי אין דווינסק, סמאָרגאָן, גראָדנע, אפשר קאָוונע און בריסק־ליטאָווסק, דער בערשטער־אַרבעטער־בונד, וואָס בײַ אַנדערע באַדינגונגען וואָלטן זיי געהאַט אַ רעכט צו שיקן דעלעגאַטן. אָבער דאָס איז די ערשטע פּראָבע. מען דאַרף זיין פֿאָרזיכטיק... און מער נישט, ווי די שטעט: ווילנע, וואַרשע, ביאַליסטאָק, מינסק און וויטעבסק, און אויך די אַרבעטער־גרופּע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די „אַרבעטער־שטימע“ האָבן געהאַט די ערע און גליק צו נעמען אַן אָנטייל אין גרינדן דעם „אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער בונד אין רוסלאַנד און פּוילן“.

* * *

דאָס איז געווען אַ מאָדנער, אַן „אַלט־מאָדישער“ צוזאַמענפֿאָר, אַ פּראָדוקט פֿון די דאַמאָלסטיקע רוסישע באַדינגונגען. קיינע פֿאָרבאַרייטונגען. די טאָג־אָרדענונג ניט פֿאַנאַנדערגעשיקט צו די אָרגאַניזאַציעס. אין די קאָמיטעטן האָט מען אויסגעקליבן דעלעגאַטן, געגעבן זיי כמעט אָן דיסקוסיעס אַ פּאָר „אינסטרוקציעס“ — און דאָס אַלעס. צו וואָס נאָך דיסקוטירן? אַלץ איז אַזוי קלאָר. מען ווייסט דאָך דעם הויפּט־ציל — מען קען זאָגן דעם איינציקן ציל — פֿון צוזאַמענפֿאָר: גר[illegible]ן אַ פּאַרטיי פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט. און די פֿאַרהאַנדלונגען אויפֿן צוזאַמענפֿאָר גופֿא זיינען זיך אויך אַלט־מאָדיש. אַלעקסאַנדער האָלט

אַ קורצע איינטריטס-רעדע, אַ מין איבער-בליק איבער דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג און איבער די אויסזיכטן פון איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. ער איז ניט קיין רעדנער, ער רעדט גיך — גיך, ער כאַפּט, ווי אַ פּריִמער ייִד, וואָס דאַווענט אין איילעניש. די איבעריקע דעלעגאַטן האָבן זיך אויך ניט געטשאַרעט צו האַלטן שיינע רעדעס. און די באַריכטן פון די שטעט, און די דעבאַטן פון דעם נאָמען פון אונזער נייער פאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע, וועגן די באַציאונגען צו דער צוקונפטיקער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי, וועגן אונזערע ספּעציעלע פאָדערונגען אַלס יידישע אַרבעטער, וועגן די „אַרבעטער שטימע" — פאַרלירט מען קיין איבעריקן וואָרט ניט. די רעדעס זענען קורץ, איינפאַך, צו דער זאַך, טרוקן. שיינע פראַזען, קלינגענדע, אויסגעפּוצטע ווערטער — דאָס לאָזט זיך גאָר ניט הערן. איבער-הויפּט, קיינע גרויסע פאָרמעלע דעבאַטן. כמעט אַלע רעזאָלוציעס ווערן איינשטימיק אָנגענומען.

* * *

מען שטעלט זיך אָפּט די פראַגע צי האָבן די אָנטיילנעמער פון ערשטן צוזאַמענפאָר פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַן אומגעהויער גרויסע ראָלע די ניי-געשאַפענע אָרגאַניזאַציע וועט שפּילן, וואָס פאַר אַן איינפלוס אויף דער יידישער אַרבעטער-שאַפט און אַנדערע לענדער זי וועט שפּעטער האָבן. קיין נביאים זענען מיר ניט געווען. געוויס ניט. אָבער די זאַכלעכקייט פון די פאַרהאַנדלונגען, די ערנסטע פּנים'ער, און די פרייד, די ענדלאָזע פרייד נאָכן צוזאַמענפאָר זענען דאָך אינטערעסאַנטע סימנים. ווי מיר האָבן געהאַט מורא, אַז ער, דער „בונד", זאָל ניט אָפּגעשוואַכט ווערן, זאָל ניט ליידן פון די קלעפּ פון דער רוסישער רעגירונג! אַז זיינע יונגע בלעטלעך און בלומען זאָלן ניט פאַרוועלקט ווערן פון די קאַלטע און בייזע ווינטן... מיר האָבן אַזוי האָלט געהאַט דעם אָקאָרשט געבוירענעם „בונד". ער איז געווען אונזער האָפנונג, אונזער פרייד, אונזער טרייסט. מיר זענען געווען אַזוי שטאָלץ מיט אים! לייענט אַלץ ווייב און ווי מיר האָבן געשריבן וועגן אים די ערשטע צייט. צאַרטע ווערטער, פול מיט ליבע. אַזוי רעדט אַ ליבנדע מוטער וועגן איר איין-און-איינציק קינד. מיר האָבן ניט געזען קיין פעלער אין אים, מיר האָבן ניט געוואָלט זען. אונזערע קעגנער האָבן צוליב דעם געקוקט קרום אויף אונז; זיי פלעגן אונז אָפּט אויסלאַכן. אָבער דאָס ווייזט בלויז, אַז זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען אונזער פּסיכאָלאָגיע. עס איז ווירקלעך געווען אַ נאַטירלעכער, אַ טרייער, אַן אמת'ער אויסדרוק פון אונזערע געפילן.

* * *

ווי זענען זיי איצט, די גרינדער פון אונזער שיינעם „בונד"? וואָס האָט דאָס לעבן פון זיי געמאַכט? זענען זיי געבליבן טריי צו זייערע דאַמאָלסדיקע אידעאַלן, האָפנונגען, צו די אינטערעסן פון דעם קלאַס, צוליב וועלכן זיי האָבן געקעמפט און געליטן? און צו דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע זיי האָבן געגרינדעט? וואָס פאַר געפילן לעבן זיי איצט איבער — 25 יאָר נאָך יענע וואונדערבאַרע טעג?

ווער ווייס?

25 יאָר איז אַ טראָפּן אין דעם ברייטן ים פון דער מענטשלעכער געשיכטע, אָבער זייער פיל אין לעבן פון אַן איינצעלנער פּערזאָן. אונטער דעם אײַזערנעם דרוק פון אומשטענדן וויפיל מענטשן בייטן זיך ניט אין אַ משך פון אַזאַ צייט! וויפיל ווידערשטייען דייטיקע איינפלוסן? ווער בלייבט אינגאַנצן אומבאַרירט אין פּאָליטישע איבערצייגונגען, נייגונגען, פּאַרטיי-סימפּאַטיעס?

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די גרינדערס און די ערשטע פירערס פון „בונד" שטעלן נישט פאָר אין דער הינזיכט קיין אויסנאַם....

* * *

אָפטמאָל דאַכט זיך מיר, אַז דאָס איז געווען אָט דאָ גאָר נישט לאַנג, ווען מיר, טיילווייז פערזענלעכע פריינד, טיילווייז זייער נאָענטע חברים, זענען זיך צוזאַמענגעפאָרן אין ווילנע מיטן ציל צו גרינדן די פּאַרטיי פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, צו גרינדן דעם „בונד".

און דאָך, 25 יאָר זענען שוין פאַרביי. נאָר אַ קלייניקייט! 25 יאָר פון האַרטן קאַמף און טיפע זאָרג, פון מפּלות און נצחונות, פון צאָלרייכע קרבנות — קליינע, גרויסע, אָפטמאָל בלוטיקע.

אָבער נישט אומזיסט זענען זיי געפאַלן — די קרבנות. נישט אומזיסט האָט מען איבערגעטראָגן מאָראַלישע און נישט זעלטן פיזישע ליידן און שמערצן. עס איז נישט פאַרלאָרן געגאַנגען די אָנגעשטריינגטע אַרבעט, די אָנגעווענדעטע כוחות, די פאַרברויכטע צייט.

וואָס האָט פאָרגעשטעלט דאָס יידישע לעבן אין צייט פון גרינדונג דעם „בונד"? געזעלשאַפטלעך — גאָר נישט! אַ גרויסע, גרויסע וויסטעניש, טרויעריק, טריקן, אָן יעדן לעבנס־צייכן.

דאָס יידישע פאָלק האָט געשלאָפן מיט אַ לעטאַרגישן שלאָף. שוואַך, האַלב־טויט, אָן גייסטיקע אינטערעסן, אָן וועלכע קולטורעלע שטרעבונגען. אַ גלייכגילטיקייט אָן גרענעצן צו אַלץ, וואָס קומט פאָר אַרום — אַפילו צו די אכזריותדיקע פאַרפאָלגונגען פון דער אַנטיסעמיטישער רעגירונג און צו דעם האַס פון דער אַרומיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג.

אָבער די וויסטעניש האָט געהאַט אַ קליינעם אָאַזיס — די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין עטלעכע שטעט אין ליטע און פוילן. דער אָאַזיס איז געווען אַ קוואַל פון האָפענונג, פון לעבעדיקע כוחות, פון פאָרטשריט, פון סאָציאַליזם.

דער אָאַזיס האָט געראַטעוועט דאָס יידישע פאָלק. ער האָט אַריינגעבלאָזן אין אים אַ נשמה. ער איז מער און מער געוואָרן אַ פּלאַץ, ווו עס האָט זיך קאָנצענטרירט און אַנטוויקלט דער קולטורעלער, דער פּאָליטישער, דער נאַציאָנאַלער לעבן פון יידישן פאָלק.

נישט אַזוי גרינג איז עס פאָרגעקומען. נישט ווייניק שטערונגען זענען געשטאַנען אין וועג. בשעת מיר האָבן געגרינדעט דעם „בונד", האָבן מיר געוווסט, אַז די נייע אָרגאַניזאַציע, באַלעבנדיק דעם טויטן קערפּער פון יידישן פאָלק, וועט אַרויסרופן פיינטלעכע כוחות, מיט וועלכע עס וועט אויסקומען צו פירן אַ שווערן קאַמף. און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. אין די גאַנצע 25 יאָר איז דער „בונד" געווען אין יידישן פאָלק אַליין, אָפּגעזונדערט. אַרומגערינגלט פון אַ פאַראייניקטער פלאַנגע פון שונאים: פון דער גרויסער און קליינער בורזשואַזיע און די אָרטאָדאָקסן, אפּיקורסים אַסימילאַטאָרן און נאַציאָנאַליסטן. און אַפילו פון דאָרטן, ווו ער האָט געהאָפט צו געפינען סימפּאַטיע און פריינטשאַפט, האָט דער „בונד" סיסטעמאַטיש באַגעגנט אויב נישט פיינטשאַפט, איז קעגנערשאַפט.

און טראָץ אָט די אַלע נישט גינסטיקע אומשטענדן האָט דער „בונד" ערפילט זיין מיסיע אין יידישן פאָלק. דירעקט אָדער אומדירעקט האָט ער אומגעביטן זיין פיזיאָנאָמיע, אַרויסגערופן און אַנטוויקלט געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן, געמאַכט אים קולטורעלער, געמאַכט אים קאַמפּפעיק.

און דער אָרגאַניזירטער יידישער פּראָלעטאַריער? איז ער נישט געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע פּאָליטישע און סאָציאַ־

ליבטישע פאַקטאָרן אין איניקע לענדער?

איצט, פייערנדיק דעם 25־יעריקן יובילעום פון „בונד“, איז ווערט דאָס צו דערמאָנען. נאָך מער וואָס מאַנכע געוועזענע בונדיסטן מיט דעם אייפער פון רענעגאַטן, שטעלן זיך נישט אָפּ פאַר קיינע מיטלען צו „באַווייזן“, אַז דער „בונדיזם“ איז געווען אַ פעלער, אַ פּראָדוקט פון קליינבורזשואַזער אידעאָלאָגיע און פון אָפּאָרטוניזם.

י. מיל (דזשאָהן).

אין ווארשע ערב „בונד".

I

אין סוף פון די אכציקער און אנפאנג פון די ניינציקער יארן פון פאריקן יארהונדערט האט אין די קרייזן פון דער רוסיש-יידישער אינטעליגענטער יוגנט אין ווארשע זיך באקאנט-געמאכט א גרופע „ראדיקאלן".

דאס זענען געווען יונגע לייט פון טיפ „עקסטערנעס" און א באשטימטער באשעפטיקונג און אן ערנסטער בילדונג, אבער דערפאר מיט בולטע ניהיליסטישע אידייען. שוין זייער אויסערליך אויסזען: לאנגע האר, ווייכע היט מיט גאר ברייטע ראנדן, אפגעלאזענע קליידונג, א טייל אויך אין רויטע רוסישע העמדלעך — „קאסאוואראטקעס", זיי כתם זייער גאנץ באנעמען זיך, האבן עדות געזאגט, אז דאס זענען נישט סתם בעלי-בתישע קינדער, נאר „אידעאליסטן". אין הגם זייער אידעאליזם איז געווען א גאנץ מטושטשער, ווייל ווייטער פון פיסארעוון מיט א צוגעמיש פון „נאראדניטשעסטווער" איז ער נישט געגאנגען, האט ער דאך געהאט א היפשע השפעה אויף די יונגטלעכע סביבה.

מער פאר אלעמען זענען פון דער דאזיקער גרופע אין יענער צייט באקאנט געווען פאלגנדע יונגע לייט: פייוול (פיאטר) פיסארעווסקי, א וויטעבסקער; באריס שאץ, א רבס א זון פון קאוונער קאנט, א סקולפטאר (איצט לייטער פון „בצלאל" אין פאלעסטינע); איינער א העלמאן, א מינסקער אדער א מאהילעווער, מיט אן אויסזען פון א רוסישן פארטארבעטער; בוג (אין שפאס האט מען אים גערופן „פאן-בוג") א געוועזענער ישיבה-בחור, א מעכאניקער, אן ערפינדער; קאנאנאווסקי, א פראוויזאר-געהילף און צו גלייכער צייט א שוסטער, וואס פלעגט תמיד וואנדערן פון אפטייק אויפן שוסטער-בענקל און צוריק; איינער עפשטיין, מיט לאנגע האר ביז צו די אקסלען, וואס מ'האט אים געהאלטן פאר א גרויסן בקי אין כעמיע; שאט, א קאוונער, א שילער פון קאנסערוואטאריום, און נאך עטלעכע, וואס זייערע נעמען זענען מיר ארויס פון זכרון.

אט די דאזיקע גרופע פלעגט זיך זייער אפט צוזאמענקומען, דערהויפט אין דער וואוינונג פון איינעם שמריהו שנעערזאן, דעם ליובאוויטשער רבין ר' מענדעלעס אן איינקל, וואס איז גאנץ ווייט אוועק פון חסידות און וואס זיינע קינדער, א דערוואקסענער בחור באריס (שפעטער געענדיקט אגראנאמישן אינסטיטוט אין פראנקרייך און געווארן לייטער פון די יידישע אגראנאמישע פערמער ביי יק"א אין טשענסטאכאוו) און צוויי טעכטער זענען שוין געווען גאר היינטוועלטיקע. מ'פלעגט זיך דארט גאר שטארק קאכן איבער די פארשיידנסטע פראגן, וואס זענען געשטאנען אויפן טאג-ארדענונג אין רוסישן אינטעלעקטועלן לעבן, ווי באציונג צום „פאלק", קונסט, עטיק וכדומה. מיט פאליטיק האט זיך די גרופע, אייגנטלעך, דירעקט נישט

באַשעפֿטיקט, ווייל בכלל איז די צייט דעמאָלט אין וואַרשע געווען אַ נישט־פּאָליטישע: די פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט“ איז שוין געווען גרינטלעך צעקלאַפּט. די פּוילישע און די פּויליש־ייִדישע אינטעליגענץ האָט זיך אַריינגעטאָן אין „ביזנעס“, קיין אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג האָט נישט עקזיסטירט; בלויז די ייִדיש־רוסישע אינטעליגענץ, וואָס האָט דעמאָלט אָנגעהויבן צו עמיגרירן קיין פּוילן, דערהויפּט נאָך „גירוש מאָסקווע“, האָט מיט זיך מיטגעבראַכט די רוסישע נאַראָדניקעשע שטימונג און אידעאַלן. די גאַנצע פּאָליטישקייט פֿון דער דאָזיקער גרופּע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס עטלעכע פֿון דער גרופּע זענען פּערזענלעך געווען אויפֿגעטראָגן מיט אייניקע פֿון די שיריים פֿון „פּראָלעטאַריאַט“, ווי ווײַנבערגער (דער „געלער“, שפּעטער געשטאָרבן אין פּעטערבורגער קרעסט), און פֿון צייט צו צייט געכאַפּט ביי זיי אַ טריף ביכל. און דאָך האָט די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג אין וואַרשע פּראַקטיש זיך אָנגעהויבן פֿון דער דאָזיקער גרופּע.

די גרופּע האָט קיין לאַנגע יאָרן נישט געדויערט. צום טייל צוליב די אוממעגלעכקייט זיך דורכצושלאָגן מיט חיונה, צום טייל צוליב רייסעניש, איז די גרופּע זיך צעפֿאַלן. אַ טייל איז צוריק אַוועקגעפֿאָרן קיין רוסלאַנד, און אַ טייל איז „קליגער“ געוואָרן און זיך גענומען צו אַ „תּכלית“. פֿון די איבערגעבליבענע מער אויסגעהאַלטענע „אידעאַליסטן“, איז פּיכאַרעווסקי אַריינגעטרעטן אין די ייִדישע האַנטווערקער־שול, וואָס איז דעמאָלט געווען אויף פּרושעבער (היינט איז דאָרט עפּעס אַ בעטן־פֿאַבריק) נעבן מוראַנאָווער פּלאַץ און האָט זיך געפֿונען אונטער דער השגחה פֿון דאָקטאָר פּאָזנאַנסקי, אַן אַסימילאַטאָר פֿון אַלטן שניט, וואָס איז געווען בלב ונפש איבערגעגעבן דער אידייע אויפֿצוציִען אַ דור אינטעליגענטע ייִדישע בעלי מלאכות.

פּיכאַרעווסקי איז שוין דעמאָלט געווען אַ בחור פֿון אַ יאָר ניינצן־צוואַנציק און זיין השפּעה אויף די עלטערע שילער, ייִנגלעך פֿון אַ יאָר פֿופֿצן־זעכצן, איז געווען אַ געוואַלטיקע. זיינע באַציִונגען צו די עלטערע שילער זענען געווען הערצלעכע, חבר׳שע און לסוף האָט ער זיך אַפֿילו באַזעצט ביי דער פֿאַמיליע פֿון איינעם פֿון די שילער, ישראל דעגענפֿיש.

דאָס איז געווען לפֿי יענער צייט אין וואַרשע זייער אַן אינטערעסאַנטע פֿאַמיליע. באַשטאַנען איז זי פֿון אַ מוטער, אַן אַלמנה, וואָס איז געשטאַנען מיט קאָשיקלעך אין גאַס, און פֿיר זין. דער עלטסטער, שוין אַן ערך פֿון אַ יאָר 30, איז געווען אַ שניידער און האָט געהאַט זיין ווערקשטעל עפּעס אין אַ קעמערל אין זעלביקן הויז; דער צווייטער, שיינט מיר, איז געווען אַ קאַמאַשן־שטעפּער; דער דריטער האָט געאַרבעט אין אַ מעטאַל־פֿאַבריק, און דער פֿערטער, דער ייִנגסטער פֿון אַ יאָר פֿופֿצן־זעכצן, איז געווען דער שילער פֿון דער האַנטווערקער־שול, פֿון דער טישלער־אָפּטיילונג. געוווינט האָבן זיי אויף סמאָטשע גאַס, אויף אַ פּאַציאַטקע, אַלע אין איין צימערל, און ווען פּיכאַרעווסקי איז צוגעקומען, ווי אַ סובלאָקאַטאָר, האָט אים איינער אָפּגעטרעטן אַ האַלב בעט.

די סמאָטשע גאַס פֿון יענער צייט, פֿון אָנהייב פֿון די ניינציקער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט, איז געווען גאָר קנאַפּ ענלעך צו דער איצטיקער סמאָטשע גאַס אין וואַרשע. סמאָטשע גאַס איז דעמאָלט געווען אין וואַרשע אַ שם־דבר. די גאַנצע

נאָך איז געווען אַן אויסנאַם באַדעקט מיט קליינע הילצערנע כאַליפּקעס און באַ־וווינט איז זי געווען פון דלות פון ערגסטן מין: פּרושעקופּקעס, האַנדלאַרישעס, שנאָרער, גנבים. אַ מענטש פון דער כמאַ־טשנע גאַס איז געווען אַ באַשעפעניש פון זעלטן די אײַנוווינער פון אַנדערע גאַסן אַפילו פון די ניט צו גאָר געהויבענע, האָבן זיך געהאַלטן פון דערווײַטנס. און די דירה פון די רעגענפּיטב איז טאַקע געווען אויף דער דאָזיקער גאַס אַן אויס־געדלישע ערשײַנונג. ווײַל אַ חוץ די כלי־בית, וואָס אין יעדער אָרעמער שטוב, האָט מען דאָרט געקענט געפינען אויפן טיש ביכלעך, און יידיש, פּויליש און רוסיש, סײַ לערן־ביכלעך און סײַ לעז־ביכער. און דאָס גאַנצע האָט זיך פון בני־בית איז געווען אַזאַ, אַז מיט די אַרומיקע אײַנגעפֿינדעוועטע תושבים פון דער דאָזיקער גאַס האָבן זיי געקאָנט האָבן ווייניק מגע־ומשא.

II

צום אָנפאַנג פון די נײַנציקער יאָרן איז די דערמאָנטע גרופּע „ראַדיקאַלן" שוין געווען אינגאַנצן צעפאַלן און אירע מיטגלידער זענען ביסלעכווײַז פאַרשווונ־דן געוואָרן פון וואַרשעווער האָריזאָנט. צום לעצטן איז פאַרבליבן פּיכאַרעווי־טש. אָבער אויך ער איז אַרום דעם יאָר 1892 אַוועקגעפאָרן און פון דער פריערדיקער גרופּע איז שוין קיין זכר ניט געבליבן. אַ ירושה האָט פּיכאַרעווי־טש דאָך נאָך זיך געלאָזן: אַ גרופּע שי־לער פון פּאָנאַנסקיס האַנטווערקער־שול, רעגענפּיטב הנרים, וואָס פלעגן עפּטערס זיך צונויפקומען, זיך געלערנט פּוי־ליש, געלייענט מאָדערנע ביכלעך, און געפירט שמועסן איבער דעם געלייע־נטס. פון דער דאָזיקער גרופּע איז שפּע־טער אַרויסגעקומען די יידישע סעקציע פון דער פּ. פּ. ס.

נאָך פּיכאַרעווסקיס אַוועקפאָרן בין איך אַ לענגערע צײַט געבליבן אינגאַנצן אַליין. אָן אַ וועלכער ס'איז גײַסטיקער סביבה. די צײַט איז אָבער בײַ מיר ניט פאַר־לוירן געגאַנגען.

לויט מײַן שטימונג בין איך געוואָרן אַן אמת'ער רוסישער נאַראָדניק. און הגם איך בין אינגאַנצן אַלט געווען אַ יאָר זעכצן, האָב איך מיך שוין געפילט מעשה גאַנצער מענטש. און האָב נאָר געטראַכט זיך צו באַזעצן ערגעץ אין אַ רוסישן דאָרף און אָנהייבן צו לעבן אַ פּויעריש לעבן. פון „פּראָלעטאַריאַט" האָב איך כמעט ניט געהערט און אַרבעטער און פּויערים האָבן בײַ מיר געהאַט איין פּנים: „דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק". פון סאָציאַליזם האָב איך געהאַט אַזוי פיל אַ באַגריף, אַז די סאָציאַליסטן ווילן אַראָפּ וואַרפן דעם קייזער און אײַנפירן אַ רע־פּובליק.

נאָר דאָ האָט זיך געטראָפן אַ מעשה, וואָס האָט געמאַכט אַ גרינטלעכע איבער־קערעניש אין מײַן גאַנצער וועלטאַנשוי־אונג און האָט מיך פאַרקירעוועט אויף גאַנץ אַנדערע וועגן.

בײַ די אויבנדערמאָנטע שנייערזאָנס, בײַ וועלכע איך בין געווען אַ שטיקל קרוב און בין דאָרט געווען אַן אָפטער אײַנגייער, איז געווען אַ יינגערער זון מענדל (אַ נאָמען געגעבן נאָכן זיידן ר' מענדעלע פון ליובאַוויטש), מיט אַ יאָר אַנדערטהאַלבן עלטער פון מיר. מיר ביידע פון יינגלווייז אָן זענען אויפגעוואַקסן גע־וואָרן אונטער דער השפּעה פון דער זעלביקער „ראַדיקאַלער" סביבה און זע־נען גײַסטיק געווען נאָענט איינער צום צווייטן, הגם פערזענלעך זענען מיר געווען אַ ביסל פון דער ווייטנס. מיט אַ מאָל באַמערק איך, אַז בײַ מײַן מענדלען [illegible]

זיך עפּעס. עס פֿרוּוון זיך באַווײַזן בײַ אים גאַנץ נײַע קאָלעגן, וועלכע איך האָב פֿריִער נישט געקענט, דערין אויך אַ פּאָר מיידלעך, וועלכע פּלעגן זיך עפּעס פֿאַרשליסן אין אַ באַזונדער צימער, די מעשׂה האָט מיך פּערזענלעך שטאַרק געקרענקט: פֿאַרוואָס, וואָס האָט מען מיך עפּעס אויסגעשלאָסן פֿון חבֿרה און וואָס פֿאַרא סודות האָבן זיי דאָס פֿאַר מיר? איך האָב באַשלאָסן אַרויסצורופֿן מײַן חבֿר מענדלען אויף אַן אָפֿענעם געשפּרעך. מײַן בחור האָט זיך בעת׳ן געשפּרעך געפֿילט גאָר נישט היימלעך און האָט געשטומט ווי אַ פֿיש, ענדלעך האָט ער מיך אַרײַנגעפֿירט אין זײַן צימער, זיך אַ לענגערע צײַט געפּאָרעט אין זײַן בעטגעוואַנט, אַרויסגעשלעפּט אַ קליין דין ביכעלע אָן טאָוולען און אַ רויטן שערבלאַט, מיר עס אַרײַנגערוקט אין האַנט אַרײַן און געהייסן עס אַ בעלעזן טאַקע דאָ אויף אָרט און שטעלע. דערבײַ איז ער אַליין אַרויס פֿון צימער און מיר געהייסן פֿאַרשליסן זיך פֿון אינעווייניק. איך האָב געפֿאָלגט, ווי ער האָט געהייסן, און זיך גענומען צום ביכל.

קודם האָב איך מיך גענומען צום שערבלאַט. אַ פּויליש ביכעלע, פֿאַרפֿאַסט פֿון איינעם יאַן מלאָט און געהייסן האָט עס „קטאָ ז טשעגאָ זשיִיע" (פֿון וואָס איינער לעבט), געדרוקט אין אויסלאַנד, אין דער שווייץ אָן אַ צענזור. איך האָב גלײַך דערקענט אַ טרף-פּסול, און דער אינטערעס איז געוואָרן נאָך גרעסער.

צווייטן מאָל האָב איך איבערגעלייענט דאָס ביכעלע פֿון טאָוועל ביז טאָוועל און וואָס ווײַטער איך האָב געלייענט, אַלץ מער האָט זיך פֿאַר מיר אַנטפּלעקט אַ נײַע וועלט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן בײַ מיר אַ נײַע עפּאָכע פֿון שטודירן די מאַרקסיסטישע לערע, דערהויפּט לויט די היסישע אויסגאַבן פֿון דער גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניאַ טרודאַ". מאַרקס טעאָריע פֿון מערווערט ווי אויך די מאַטעריאַליסטישע קאָנצעפּציע אין דער געשיכטע האָבן אַנטפּלעקט פֿאַר מיר אומגעהויערע ברייטע האָריזאָנטן און געוועקט דעם חשק צו שטודירן הומאַניטאַרע וויסנשאַפֿט. פֿון דער צווייטער זײַט האָבן אָבער די הערלעכע געשטאַלטן פֿון די מאַרטירער פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", געשילדערט אין די איינצעלנע ביאָגראַפֿיעס אָדער אין די באַשרײַבונגען פֿון די פּראָצעסן, און די אויסגאַבן פֿון „פֿאָנד פֿון דער פֿרייער רוסישער פּרעסע" גערופֿן צו טאַט און צו זעלבסטאויפֿאָפּפֿערונג.

* * *

צו דער גרופּע, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום מענדל שנײַערזאָן, און וואָס האָט זיך פֿאַרנומען דורכויס מיט טעאָרעטישן שטודיום האָבן געהערט פֿאָרגעשריטענע יונגע לײַט: איזידאָר פּאַטערזאָן, אַ זעלטן פֿעיִקער בחור, אַ זון פֿון אַ וואַרשעווער האָר-פּוצער, פֿון אַ פֿילשטענדיק אַסימילירטער סבֿיבֿה, דער איינציקער פּוילישער ייִד צווישן אונדז, ווײַל אַלע איבעריקע זענען געווען ליטוואַקעס. ער איז שפּעטער דורך אַ פּראָוואָקאַציע אַרעסטירט געוואָרן, אָפּגעזעסן דרײַ יאָר אינטער שלעדכטווע און פֿאַרשיקט געוואָרן אויף פֿינף יאָר קיין אירקוטסק. נאָך אומקערן זיך פֿון סיביר האָט ער זיך צו דער אַרבעטער-באַוועגונג מער נישט אומגעקערט; אַלס סימפּאַטיקער פֿון די פּ.פּ.ב. איז ער אין יאָר 1919 אַ קורצע צײַט געווען וויצע-פּרעזידענט אין לאָדזשער מאַגיסטראַט; שמערל בערלין, אַ זון פֿון אַ קליינבירגערלעכער ליטווישער פֿאַמיליע, אַ גימנאַזיסט פֿון זעקסטן קלאַס; (שפּעטער זיך דערשאָסן אין סיביר איבער פּערזענלעכע סיבות); איינע זובאַקאָוואַ, אַ וויטעבסקערין, כּמעט אַ מיידל פֿון טיף עקס-

טערנעס, אַ שיינינקע און אַ גרויסע שטיפערין; דאַווידסאָן, אויך אַ ליטווישער גימנאַזיסט, און נאָך עטלעכע, וואָס זייערע נעמען געדענק איך שוין איצט ניט. אָבער הינטער דער דאָזיקער קליינינקער גרופּע, האָט זיך אינגיכן אַרויסגעשטעלט, איז געשטאַנען אַן אַנדערע גרופּע, שוין אַ באַדייטנד סאָלידערע, הן אין יאָרן, הן אין טעאָרעטישער קענטעניש פון דעם מאַרקסיזם. דאָס איז געווען אַ געמיש פון ליטוויש-ייִדישע און קערנדיק-רוסישע סטודענטן פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט און וועטערינאַרישן אינסטיטוט.

פון די ייִדישע סטודענטן געדענק איך פאָלגענדע: יאַשע איטקינד, אַ ווילנער, אַ זעלטן סימפּאַטישער טיפּ מיט געניאַלע פעיִקייטן, האָט זיך גערעכנט פאַר דעם בעסטן קענער פון מאַרקסיזם אין דער גרופּע [איז שפּעטער אָפּגעזעסן אַ לענגערע צייט אין טורמע און נאָכדעם פאַר די באַוועגונג פאַרלוירן געגאַנגען]. יונה אַנטאָקאָלסקי, אַ קרוב פון דעם באַרימטן סקולפּטאָר אַנטאָקאָלסקי, אַ זעלטן גוטמוטיקע בריאה; אַלבערט זאַלקינד, מיטן צונעמעניש „סיביריאַק" און זיין שוועסטער ראָזאַ; שמואל [סיאָמקע] פעסקין [עס האָט אים געלונגען ניט אַריינצופאַלן אין טורמע, איז באַלד אַוועק קיין אויסלאַנד און פון דעמאָלט אָן געפינט ער זיך אין אַמעריקע, וווּ ער האָט, שיינט מיר, געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין אָרגאַניזירן די דאָרטיקע ייִדישע אַרבעטער-באַוועגונג]; יעקב שטערן, מיטן צונעמעניש „אַנדרוס", פאַר זיין באָסיאַצקע הנהגה. פון די רוסן פון יענער צייט האָב איך געקענט גוט נאָר איינעם, פיאָדאָר ליובימאָוו, אַ געוועזענער אָפּיציר, אַן עכטער טיפּ פון אַ רוסישן אינטעליגענט — אַן אמת-זוכער מיט אַ קראַנקער נשמה, וועלכע האָט עפּעס געפונען באַרויִקונג נאָר אין ביטערן טראָפּן [שפּעטער אין טורמע האָט די דאָזיקע קראַנקהייט זיך שטאַרק אַנטוויקלט, איז אינגיכן פון טרינקען אַריינגעפאַלן אין שווינדזוכט און איז באַלד נאָך דער באַפרייונג געשטאָרבן]. די איבעריקע רוסן ווי אויך עטלעכע גרוזינער האָב איך געטראָפן נאָר פאַרבייגייענדיק.

* * *

דאָס איז געווען אַ צייט, ווען עס האָט אָנגעהויבן אויפצופלאַקערן דער טעאָרעטישער קאַמף צווישן די רוסישע מאַרקסיסטן מיט פּלעכאַנאָוו בראש מיט די רוסישע נאַראָדניקעס בראש מיט מיכאַילאָווסקין. פּלעכאַנאָוו מיט זיין שאַרפער פעדער און גיפטיקן סאַרקאַזם איז געווען די אמתע פאַרקערפּערונג פון אַנאַליטישן געדאַנק. פון דער צווייטער זייט האָבן די נאַראָדניקעס אימפּאָנירט מיט זייער האַרציקייט און מיט זייער טיפער ליבע צום פאָלק. און אַ מאָדנע זאַך, און אונז ייִדיש-ליטווישע אידעאַליסטן אין פּוילן, וואָס זענען געווען אָפּגעריסן סיי פון רוסישן סיי פון ייִדישן און פּוילישן ווירקלעכן לעבן, האָבן ביידע שטרעמונגען זיך סינטעטיש פאַראייניקט: פון דער נאַראָדניטשעסטווע האָבן מיר אין זיך אַריינגעזויגן די האַרציקייט און נשמה-זוכעניש, וואָס האָט ניט דערלויבט זיך איינצושליסן אין די ד' אמות פון דער מאַרקסיסטישער הלכה און זייער טרוקענער דאָגמאַטיקער; פון דער צווייטער זייט האָט דער מאַרקסיסטישער אַנאַליטישער געדאַנק ניט געלאָזט דאָס געפיל צערינען זיך אין „פאָלקיסטישע" סענטימענטן. יאָ, דאָס איז אפשר געלונגען טאַקע דערפאַר, ווייל מיר זענען געווען אָפּגעריסן פון דער ווירקלעכקייט, ווייל דער אמת'ער רוס וואָלט געמוזט זיך אויסקלייבן איינע פון די צוויי וועגן: אָדער צום פּויער אין דאָרף אַריין, אָדער צום אַרבעטער אין שטאָט אַריין. אַז ס'איז דאָ אַ ייִדישער פּראָלעטאַריאַט, צו וועלכן מיר וואָלטן געקענט האָבן אַ לייכטן צוטריט, דאָס האָבן מיר ניט געוווּסט, און בעסטן פאַל האָבן מיר נאָר געזען דעם

ספּעציפֿיש ייִדישן „אומפּראָדוקטיוון" דלות אין דער ייִדישער פּראָדוקטיווער אַרבעטער איז בטל בשישים געוואָרן אין דעם גרויסן געמויזעכטס פֿון ייִדישן קליינבירגערטום. דעריבער, זייענדיק אָפּגעריסן פֿון יעדער ווירקלעכקייט, האָבן מיר זיך בלב נישט אַריינגעטאָן אין שטודירן סיי די דײַטשע מאַרקסיסטישע ליטעראַטור, סיי די פּאָלעמישע ליטעראַטור פֿון די רוסישע מאַרקסיסטן.

אָבער נישט בלויז מיט פֿראַגן סאָציאַל־פּאָליטישע און פֿילאָסאָפֿישע האָבן מיר זיך פֿאַרנומען; נישט ווינציקער האָבן מיר זיך אָפּגעגעבן מיט פֿראַגן עטישע און קינסטלעריש־ליטעראַרישע. דאָ האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן די השפּעה פֿון דער ספּעציפֿיש רוסישער „פֿאָלקיסטישער" באַוועגונג פֿון די זעכציקער ביז איבער די אַכציקער יאָרן.

III

דאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטיקעלע אויפֿקלערונגס־אַרבעט צווישן די ייִדישע אַרבעטער אין וואַרשע.

נאָך פֿיסאַרעווסקיס אַוועקפֿאָרן איז געבליבן די גרופּע עלטערע שילער פֿון פּאָזנאַנסקיס האַנטווערקער־שול אָן אַ פֿירונג און איז לסוף אַריינגעפֿאַלן אין אונזער האַנט אַריין. דאָס זענען שוין דעמאָלט געווען בחורים אַכצן־נײַנצן־יעריקע יונגע אַנטוויקלטע און באַלעזענע, האָבן נישט שלעכט באַהערשט די פּוילישע שפּראַך און מ'האָט געקענט מיט זיי גלײַך צוטרעטן צום שטודיום פֿון די פּאָפּולערע מאַרקסיסטישע ווערק, ווי געוויסע זאַכן קויטסקיס, שיפֿעלס און אַנדערע. באַשעפֿטיקט מיט זיי האָט זיך איזידאָר פּאַטערזאָן. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, האָט די דאָזיקע אַרבעט מיט „באַוועגונג" קיין שייכות נישט געהאַט. ס'האָט געטראָגן אויסשליסלעך אַ כאַראַקטער פֿון טעאָרעטישער אויפֿקלערונג און וואָס דערפֿון וועט אַרויסקומען, האָט מען נישט געטראַכט. עס איז אין דער דאָזיקער גרופּע געפֿירט געוואָרן די זעלביקע אַרבעט, וואָס אין די אינטעליגענטישע קרייזן, בלויז דער באַשטאַנד איז געווען אַן אַנדערער.

אין דער זעלבער צייט זענען אַראָפּגעקומען פֿון ווילנע נאָך עטלעכע אינטעליגענטע אַרבעטערינס, שוין פֿאַרטיקע סאָציאַליסטקעס־מאַרקסיסטקעס: העלענע גערשענאָוויטש, אַ גאָרסעטן־נייערין, אַן עקזאַלטירט מיידל מיט שטאַרק־אַנטוויקלטע גאָטזוכערישע נייגונגען [איז מיט יאָרן שפּעטער אין צושטאַנד פֿון שטאַרקער גײַסטיקער דעפּרעסיע באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד], אַנושקאַ נאָוואָפּלאַנסקאַ, אַ שניידערין, אַ זעלטן־סימפּאַטישער טיפּ פֿון אַן אינטעליגענטער אַרבעטערין, מיט אַלע אייגנשאַפֿטן פֿון אַ ייִדיש־רוסישער אינטעליגענטקע [האָט שפּעטער אין סיביר חתונה געהאַט מיט דעם באַוווסטן טוער פֿון „בערשטער־בונד", „שמואל דעם געלן" [בלומענפֿעלד]; געשטאָרבן מיט אַ יאָר 15 צוריק אויף שווינדזוכט], ווי אויך אַ פּאָר שניידער. און הגם די גאַנצע סביבה איז געבליבן אַ ריין־אינטעליגענטישע, האָט דאָך שוין אָנגעהויבן אַ ביסעלע צו שמעקן מיט ווערקשטעל; פֿון איין זייט האָבן די עלטערע שילער פֿון דער האַנטווערקער־שול אָנגעהויבן אײַנציקווייז צו ענדיקן דעם לימוד אין דער שול און אָנצוקומען צו באַלעבאַטים אויף דער אַרבעט, ווו זיי האָבן זיך באַקענט מיט ברייטערע קרייזן ייִדישע אַרבעטער; פֿון דער צווייטער זייט האָבן די פּאָר ווילנער אַרבעטערינס און אַרבעטער פֿאַרקניפּט באַציִונגען מיט די אָרטיקע אַרבעטער פֿון זייערע פֿאַכן, און ביסלעכווייז האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן פֿון עפּעס צו טון צווישן די ברייטערע קרייזן ייִדישע אַרבעטער. צו דערזעלבער צייט האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק צו פֿאַר-

שפּרייטן די פּוילישע אַרבעטער-באַוועגונג אונטער דער ווירקונג פון די רעשטלעך פון אַלטן „פּראָלעטאַריאַט", ווי אויך פון די נייע גרופּן סאָצ. דעמאָקראַטן און ערשט-אַנטשטאַנענער פּ. פּ. ס., און דאָס האָט נאָך מער צוגעגעבן חשק עפּעס צו טון. און אַזוי ווי עס איז שוין געווען נאָענט פאַרן 1. מאַי 1893 [אָדער 1894] איז געבליבן בהסכם אַרויסצולאָזן אַן אויפרוף אויף יידיש צו די יידישע אַרבעטער וועגן פייערן דעם ערשטן מאַי.

די געשיכטע פון דעם דאָזיקן ערשטן באַציאַליסטישן אויפרוף אויף יידיש אין וואַרשע איז אַזוי אינטערעסאַנט, אַז עס לוינט זיך אָפּצושטעלן אויף איר באַריכות.

IV

אָנצושרייבן דעם אויפרוף האָבן מיר איבערגעגעבן פּאַטערזאָנען, ערשטנס, ווייל ער איז געווען ביי אונז אָנגענומען פאַר אַ שטיק ליטעראַט, און צווייטנס, ווייל ער האָט שוין דעמאָלט געשמט פאַר אַ „פּראַקטיקער" צוליב זיין טעטיקייט צווישן די פאַר יידישע אַרבעטער, ווי אויך פאַר בין עפּעס אַ קריז פּוילישע אַרבעטער. זעלבסטפאַרשטענדלעך, איז דער אָריגינאַל געשריבן געוואָרן אין פּויליש [יידיש האָט פּאַטערזאָן געקאָנט געציילטע ווערטער!] און ערך דריי טעג האָט געדויערט דאָס שרייבן. אַז דער אויפרוף איז שוין געווען פאַרטיק, האָבן מיר אַלע צוזאַמען, אין ערך זיבן אָדער אַכט מענטשן, דעם מאַניסקריפּט רעדאַגירט און ענטגילטיק פעסטגעשטעלט זיין אינהאַלט. עס איז אַרויסגעקומען אַ מגילה פון פיר גרויסע געשריבענע זייטן.

איבערזעצן דעם אויפרוף אויף יידיש, איז איבערגעגעבן געוואָרן מיר, אַלס דעם בעסטן יידישיסט. דאָס האָט ווידער געדויערט אַ טאָג צוויי. און אַז אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע סדרה — דרוקן. פון אַ געהיימער דרוקעריי האָט מען אַפילו ניט געחלומט: איז געבליבן נאָר איין אויסוועג — העקטאָגראַפירן. האָבן מיר אָבער ניט געוווסט דעם רעצעפּט פון צוזאַמענשטעלן אַ העקטאָגראַף, און קויפן פאַרטיקע מאַכע האָט מען בשום-אופן ניט געקאָנט, ווייל אין יענע צייטן האָט אַפילו אַזאַ זאַך ווי העקטאָגראַף געהערט צו די טרייפסטע זאַכן, און אָן ערלויבעניש פון דער מאַכט, וואָלט קיין שום געשעפט פון שרייב-מאַטעריאַל דאָס ניט פאַרקויפט. סוף-כל-סוף האָבן מיר דעם נויטיקן רעצעפּט באַקומען: גליצערין, טישלער-לאַם, אַ ביסעלע זשעלאַטין, אַ ביסעלע סטעאַרין און אַ ביסל צוקער. און די דאָזיקע אַלע פינף געגנשטאַנדן זענען, לשם קאָנספּיראַציע, געקויפט געוואָרן אין באַזונדערע געשעפטן, כדי מען זאָל זיך ניט קאָנען אָנשטויסן, צוליב וועלכן צוועק מ'דאַרף דאָס אַלץ. מען האָט אויך באַשטעלט ביי אַ בלעכער צוויי גרויסע בעקענס, ווי אויף צו באַקן קוגלעך אויף שבת, און עס איז אַרויסגעקומען צוויי גרויסאַרטיקע העקטאָגראַפן מיט אַ שיינעם קאָליר פון צעלאָזענעם האָניק. אָבער די הויפּט-שוועריקייט איז באַשטאַנען אין באַקומען העקטאָגראַפישע טינט. דאָס איז געווען שוין גאָר אַ טרייפע זאַך. לסוף האָבן מיר דורך פּראָטעקציע אויך די דאָזיקע גרינע פליסיקייט באַקומען. און כדי עס זאָל אַרויסקומען גאָר לייטיש, איז געבליבן דעם אויפרוף צו העקטאָגראַפירן מיט כתיבה-אותיות. די דאָזיקע אַרבעט איז איבערגעגעבן געוואָרן איינעם פעקער, אַ ליטווישן בחור, אַ שילער פון העכערן קלאַס פון קאָנסערוואַטאָריום, וואָס האָט אויפן וועג פון חזנות זיך פאַרקערעוועט צו קאָמפּאָזיציע און איז אַריינגעפאַלן אין אונזער קרייז.

און אַז אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, איז אָנגעקומען דער אינטערעסאַנטסטער

מאָמענט: דאָס „דרוקן" גופא. צו דעם דאָזיקן מאָמענט האָבן זיך אַלע געגרייט מיט דער גרעסטער אומגעדולד, און אַנטייל האָבן אין אים גענומען כמעט אַלע. און ווער עס האָט נישט געקאָנט זיין דערביי די גאַנצע צייט, האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט כאָטש אויף אַ קורצע, אַ קוק־טון, ווי עס גייט־צו. געמאַכט איז עס געוואָרן אין דער וווינונג פון אַנטאָקאָלסקי און זאַלקינד, ווייל זיי האָבן געהאַט אַ דירה פון צוויי צימערלעך מיט אַ באַזונדער איינגאַנג. דעם „אָריגינאַל" אויפן העקטאָגראַף האָט אַרויפגעלייגט דער „געניטער" פּאַטעראָן, און מיר איז איבערגעגעבן געוואָרן די געהויבענע ראָליע פון „דרוקן", דאָס הייסט, פון אַרויפלייגן די ווייסע בויגנס פּאַפּיר אויפן העקטאָגראַף, צוגלעטן מיט דער האַנט און צוטרייבן מיט אַ טיבעלע. איך האָב מיך געפילט איבער גליקלעך פון אַזאַ בכבודיקע אַרבעט און האָב געטון מיין זאַך מיטן גרעסטן יראת־הכבוד. ביים אַראָפּנעמען דאָס פּאַפּיר, אויסגלייכן עס, עס זאָל זיך נישט פאַרפלעקן, גלייכלייגן, זענען געווען באַשעפטיקט אַלע איבעריקע. די שטימונג איז געווען ביי אַלעמען זייער אַ געהויבענע. אַלע האָבן געפילט, אַז עס ווערט אָפּגעטון אַ שטיק „רעוואָלוציאָנערע אַרבעט". דערביי איז מיר געבליבן אין זכרון אַ שטיקל הלכות קאָנספּיראַציע, וואָס עס האָט מיך געלערנט אַנטאָקאָלסקי. אַז דער אָריגינאַל איז צוריק געוואָרן אַראָפּגענומען פון העקטאָגראַף, האָב איך אים פאַרברענט אין אויוון. איז צוגעגאַנגען אַנטאָקאָלסקי און האָט מיר געוויזן, אַז דאָס איז נאָך ווייניק, ווייל די אַש גופא דאַרף מען אויך צ ע ר י י ב ן, אַז עס זאָלן נישט בלייבן קיין סימנים. און ער איז באמת גערעכט געווען, ווייל אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אין דערזעלבער וווינונג פאָרגעקומען אַ רעוויזיע; מ'האָט אָבער קיין זאַך נישט געפונען.

נאָך אַ גאַנצן טאָג דרוקן די פיר געשריבענע זייטן האָבן מיר באַקומען אַן ערך 150 עקזעמפּלאַרן גאַנץ לעזבאַרע אויפרופן, און אַזוי ווי וועמען דאָס אַוועקצוגעבן האָבן מיר נישט געהאַט, איז געבליבן עס „אונטערצוואַרפן". די דאָזיקע מיסיע האָבן מיר צעטיילט צווישן זיך. איך האָב מיר אויסגעקליבן אַ געוויסע צאָל בעקערייען און אַנדערע פאַבריקלעך.

די דאָזיקע ערשטע יידישע פּראָקלאַמאַציע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין שטאָט, און אומעטום האָט מען אָנגעהויבן צו ריידן, אַז עס האָבן זיך באַוויזן יידישע „ציציליסטן", וועלכע ווילן אַראָפּוואַרפן דעם קייזער.

אַ פּאָר אויפרופן האָבן מיר אַוועקגעשיקט קיין ווילנע דורך דעם „גרויסן" [באָריס פאַנעוואַיר], וואָס האָט שוין דעמאָלט אָנגעהויבן צו שפּילן די ראָליע פון אַ פאַרמיטלער צווישן פאַרשיידענע שטעט. און די ווילנער חברים איז דער אויפרוף זייער געפעלן געוואָרן [אויב איך האָב נישט קיין טעות, דאַרף זיך איין עקזעמפּלאַר פון דעם דאָזיקן אויפרוף געפינען אין בונדישן אַרכיוו אין גענף].

V

נאָך דעם דאָזיקן ערשטן שריט אויפן וועג פון פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליזם צווישן די יידישע אַרבעטער־מאַסן, האָט זיך געמאַכט אַ שטילשטאַנד, וואָס האָט געדויערט קנאַפּע צוויי יאָר. סוף זומער זענען אַרעסטירט געוואָרן פּאַטעראָן און נאָך אַנדערע ביי די „וויאַנקעס" *) דורך אַ פּראָוואָקאַטאָר [אַ פּראָוואָקאַטאָר האָט זיי צוגערעדט דורכצופאָרן זיך פאַרביי דעם גאַנצן עולם אויף אַ שיפל, מיט אַ רויטער

*) יעדעס יאָר, סוף זומער קומט אין וואַרשע פאָר אַ פאָלקס־פאַרוויילונג, וואָס באַשטייט אין דעם וואָס אויף דער ווייסל לאָזן זיך אַרויס פיל קליינע שיפלעך, וואָס באַמיען זיך איינע די אַנדערע איבעריאָגן. דאָס האָט דעם נאָמען „וויאַנקעס"

פאַן מיט די געהעריקע אויפשריפטן, כדי צו מאַכן אויף אַזאַ אופן אַ דעמאָנסטראַציע, און די פּאָליציי וואָלט גאָרנישט געקאָנט טון, ווייל דאָס שיפל וואָלט געשווומען אין דער מיט פון ווייסל. די אידייע איז אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג און איז געהאַלטן געוואָרן בסוד אַפילו פון גאָר נאָענטע חברים. עס פאַרשטייט זיך, אַז באַלד ביים איינשטייגן אין שיפל, איז שוין געקומען פּאָליציי און האָט אַלעמען אַרעסטירט. פאַטערזאָן איז אָפּגעזעסן דריי יאָר אונטער אויספאָרשונג, און איז שפּעטער פאַרשיקט געוואָרן אַדמיניסטראַטיוו אויף פינף יאָר קיין יאַקוטסק.

דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן פרישע אַרעסטן און דער ווינטער איז אַוועק מיט גאָרנישט.

אין פרילינג 1895 בין איך צוליב מיין שלעכטן געזונט־צושטאַנד אַוועקגעפאָרן אין אַ דאָרף, וווּ איך האָב פאַרבראַכט אַ גאַנץ יאָר, און ווען איך בין צוריקגעקומען אין אַפּריל 1896, האָב איך פון די אַלטע חברים שוין כמעט קיינעם נישט געטראָפן, ווייל דאָס ביסל, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון די אַרעסטן, איז צוריק אַוועקגעפאָרן קיין ווילנע. אויפן פּלאַץ זענען נאָר פאַרבליבן די גרופּע געוועזענע שילער פון דער האַנטווערקער־שול, וועלכע זענען דערווייל אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפּעה פון דער פּ. פּ. ס., וועלכע איז אין די פּאָר יאָר שטאַרק אויסגעוואַקסן און אַרויסגעגעבן צוויי אומלעגאַלע ציטונגען אין לאַנד — דעם „ראַבאָטניק" און „גורניק", און דעם „פּשעדשוויט" אין אויסלאַנד.

צו קיין פּאַרטיי האָב איך נישט געהערט, קיין קלאָר פּראָגראַם האָב איך אויך נישט געהאַט, קיין אויסגעאַרבעטע מעטאָדן פון פּראַקטישער טעטיקייט צווישן אַרבעטער — אַוודאי אין אַוודאי נישט.

איך האָבן בלויז געהאַט אין זיך אַ פרישע, יונגע ענערגיע נאָך דעם יאָר פאַרברענגען אין דאָרף, און אַ שטאַרקן רצון עפּעס צו טון. מיט קיין פּוילישע אַרבעטער האָב איך קיין פאַרבינדונג נישט געהאַט, און אויסער דעם בין איך פּסיכאָלאָגיש ווייט געווען פון פּוילישן לעבן, זייענדיק ערצויגן גייסטיק אין קרייז פון די רוסישע געזעלשאַפטלעכע פראַגן. איז געבליבן נאָר איין אויסוועג — אַרבעטן צווישן די ייִדישע אַרבעטער. און אַז אין וואַרשע איז פאַראַן אַ ייִדישע אַרבעטער־מאַסע, אַן אמת־פּראָלעטאַרישע, און נישט סתם דער ייִדישער דלות אין באַגריף פון „מענדעלען" — דאָס האָט מען שוין דעמאָלט געקאָנט באַמערקן אויף שריט און טריט.

ווי טרעט מען אָבער צו צו דער זאַך? ווי הויבט מען דאָס אָן מיט אַ ייִדישן אַרבעטער, וואָס איז ווייט נישט בלויז פון פּאָליטיק, נאָר אַפילו סתם פון וועלכעס־איז „פראַגן", גלאַט אין דער וועלט אַריין צו לערנען סאָציאַליזם?

ס'איז ביי מיר געבליבן צו אָרגאַניזירן אַ גרופּע אַרבעטער אויף צו לערנען שרייבן, חשבונען וכדומה; איך וועל הערן זייער לערער און ביסלעכווייז זיי אַריינפירן אין „חדר־אַריין".

אינגיכן איז מיר געלונגען זיך צו באַקענען מיט אַ גרופּע אַרבעטער פון פּליישערס בלעכער־פאַבריק, און מיט איינעם אַ הוט־מאַכער, און עס איז אַוועק אַ סדרה פון לערנען מיט די בחורים שרייבן, רעכענען ווי אויך נאַטור־וויסנשאַפט.

לאַנגזאַם און פאָרזיכטיק האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרפירן שמועסן וועגן דער אַרבעט אין דער פאַבריק און וועגן דער עקספּלואַטאַציע. נאָך אַ דריי חדשים קנעלען, האָב איך באַשלאָסן אַרויפצונעמען אויפן טיש דאָס ערשטע אומלעגאַלע ביכל — „פון וואָס איינער לעבט" און אַ

ייִדישער איבערזעצונג [אַמעריקאַנער אויסגאַבע].

איידער איך האָב מיך אַנטשלאָסן אויף אַזאַ מין שריט, האָב איך זיך שטאַרק געיישובט: און טאָמער וועלן זיי זיך דערשרעקן און וועלן שוין מער נישט קומען? ווייל די מורא פאַר „טריפה״ ביכער איז נאָך דעמאָלט געווען אומגעהויער שטאַרק בײַ דער ייִדישער מאַסע.

דער רעזולטאַט איז אָבער געווען פאַר מיר אַן איבעראַשנדער. ווען איך האָב פאַרענדיקט לייענען דאָס ביכל, האָב איך עס דעמאָנסטראַטיוו אַוועקגעלייגט אויפן טיש, אַז יעדער זאָל דאָס קאָנען נעמען אין דער האַנט אַריין. מען האָט עס באַקוקט מיט גרויס נייגעריקייט, ווי עפּעס אַן אויסטערלישע זאַך, אָבער אָן אַ סימן פון מורא. שפּעטער האָבן זיי זיך פאַר מיר מודה־געווען, אַז דאָס איז פאַר זיי קיין איבעראַשונג בכלל נישט געווען, ווייל זיי האָבן זיך שוין לאַנג אָנגעשטויסן, מיט וועמען זיי האָבן צו טון, נור זיי האָבן אַליין נישט געוואָלט אָנהייבן צו ריידן, ביז איך וועל עס נישט טון.

אין אַ קורצער צייט האָב איך שוין געהאַט אונטער מיין ווירקונג דריי אָדער פיר קרייזן צו אַ מאַן 8—10 אין יעדן. ס'רוב זענען יענע קרייזן באַשטאַנען פון בלעטער־מאַכער, היט־מאַכער און שמוקלער; עטלעכע זענען אויך געווען פון פאַרשיידענע פאַכן.

עס האָט זיך אָבער געפילט אַ שטאַרקער דוחק אין ייִדישער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור. עפּעס האָב איך נאָך געקענט קריגן ביי דער ייִדישער גרופּע פון די פּ. פּ. ס., אַמעריקאַנער אויסגאַבן, אָבער זיי אַליין האָבן געהאַט זייער ווייניק און איך בין דערום געצוואונגען געוואָרן עפּ־טערב בעתן פאַרלעזן גיפּא איבערצוזעצן ווערק פון דער פּוילישער אָדער רוסישער שפּראַך אויף ייִדיש.

VI

אין די אַרבעטער־קרייזן פון יענער צייט האָט מען זיך נישט ווייניק אָפּגעגעבן מיט ריין „ייִדישע״ פראַגן. קודם כל האָבן די אַרבעטער רעאַגירט אויף די דערשיינונגען אין זייער אייגענער סביבה. דער קאַמף, למשל, מיט די פאַרשיידנסטע אַבערגלויבונגען און פאַרשימלטסטע טראַדיציעס איז אויף דער ייִדישער גאַס, שיינט מיר, קיין מאָל נישט געפירט געוואָרן אַזוי אינטענסיוו, ווי דעמאָלט.

אַט דער פרילינג אויף דער ייִדישער גאַס האָט דורכויס געפאָדערט, ס'זאָל באַשאַפן ווערן אַ טריבונע, פון וועלכער די נייע פילאָזאָפיע, מאָראַלישע און געזעלשאַפטלעכע אָנשויונגען זאָלן קענען געפרעדיקט ווערן.

די אויסערלעכע באַדינגונגען זענען אָבער לגמרי געווען קעגן דעם. דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער פאַרביסנסטער רעאַקציע, ווען די גאַנצע רוסלענדישע פרעסע האָט זיך שווער געמאַטערט אין דער נעץ פון דער פאָר־ און נאָך־צענזור און פון אַ ייִדישער צייטשריפט האָט מען נאָר טרוימען געקענט. ייִדיש איז געווען אינמער אַ חרם. אַפילו דאָס ייִדישע טעאַטער האָט זיך געמוזט אַ נאָמען געבן „דייטשע טרופּע״ און די אַקטיאָרן האָבן געמוזט אויף דער בינע זיך די צונג אויף „דייטש״ ברעכן, כדי צו באַקומען די ערלויבעניש צו שפּילן.

אַט אין יענער צייט איז וואַרשע געווען דאָס הויפּט־אָרט, וווּ די נייע ייִדישע ליטעראַטור האָט אָנגעהויבן צו שפּראָצן, און וווּ ס'האָט זיך אויפגעזאַמלט אַ געוויסע צאָל ייִדישע ליטעראַטן, סיי פון עלטערן דור, וואָס זיי האָט געבוירן דער סוף פון דער השכלה־עפּאָכע, ווי פּרץ, ספּעקטאָר, דינעזאָן, סיי יונגע, אָנפאַנגער, קינדער

פון דער נייער יידישער גאַס, מיט נייע האָריזאָנטן, מיט נייע אידעאַלן ווי פּינסקן און נאָך עטלעכע.

און ס'איז העכסט מערקווירדיק איצט, ווען די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט שוין הינטער זיך אַ גרויס שטיק געשיכטע, ווען זי איז געוואָרן אַ פאַקטאָר נישט בלויז אינם לעבן פון דעם יידישן קבוץ, נור אויך פון דער אַרומיקער סביבה, אַז מ'קוקט זיך אום צוריק, צו דעם, וואָס ס'איז געווען מיט אַ יאָר 20 פריער, זעט מען ערשט, ווי געוואַלטיק ס'איז געווען די לעבנס-קראַפט פון אָט דעם יונגינקן, נאָך נישט פאָרמירטן, ערשט שפּראָצנדן נייעם גייסט. די נייע יידישע ליטעראַטור, האָט האָט געטאַפּט אין דער פינסטער און זיך אַליין נישט געקענט באַפרייען פון דער השכלה-ירושה, איז גלייך אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה פון אָט דעם נייעם גייסט און האָט פאַר זיך געפונען אַ וועג, אַ לעבנס-צוועק. פינסקיס „ר' שלמה" „היינטיקע יונגע לייט", „געשלאָגן דעם טאַטען" און נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן; פריקס „שטריימעל", „באָנציע שווייג", „די נייטאַרינס", דאָס „חופּה-קלייד" און פיל פובליציסטישע אַרטיקלען און פּאָעזיע, — דאָס אַליין האָט שוין קיין שייכות נישט מיט די רעשטלעך פון די השכלה-טענדענצן, דאָס איז שוין בלוט און פלייש פון דער מאָדערנער יידישער דעמאָקראַטיע, פון דעם צעפּינטעוועטן יונגן יידישן גייסט. און הגם היבש ביסל פון די ליטעראַרישע ווערק פון יענער צייט איז נישט פאָלקאָם פרייגעווען פון טענדענץ, און ליבהאָבער פון „ריינער" קונסט וואָלטן זיך אפשר אַוועקגעקרימט פון זיי, דאָך, ווען מ'לעזט די אַפילו איצט דורך נאָך אַמאָל, מוז מען באַוואונדערן די יונגע קראַפט, דעם אומגעהויערן אָפּטימיזם און טיפן גלויבן, וואָס ס'שלאָגט אַרויס פון זיי.

דער נייער לעבנס-גייסט אויף דער יידישער גאַס האָט באַזונדערס שטאַרק געווירקט אויף דעם אייביק יונגן און עמפינדלעכן פרץ. און ס'וועט גאָר קיין גוזמא נישט זיין צו זאָגן, אַז פרץ דעם פאָלקסדיכטער, פרץ אַלס די פאַרקערפּערונג פון דער יידישער נשמה מיט אַלע אירע תנועות, פרץ וואָס מיר קענען איצט, פרץ אין זיין ריזן-געשטאַלט האָט באַשאַפן די יונגע יידישע אַרבעטער-באַוועגונג פון יענער צייט; ווייל מ'קען דרייסט אָננעמען, אַז פון די „יום-טוב-בלעטלעך" הויבט זיך אָן אַ גאַנץ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. פריער איז זי געווען באַקאַנט, דערהויפּט אין אַן ענגער סביבה פון אינטעליגענטערע לעזער און איז געווען, סיי לויטן אינהאַלט, סיי לויט די פאָרם בעלהבתיש מיושבדיק, פאַמעלעך און פאַרזיכטיק. נייע זאַכן פלעגן געדרוקט ווערן גאַנץ זעלטן, מערסטנטיילס אין דער פאָרם פון ראָמאַנען אָדער זאַמלונגען און שוין בלויז לויטן פרייז זענען זיי נישט געווען צוגענגלעך פאַרן המון. די „יו"ט-בלעטלעך" האָבן זיך אָבער גלייך געשטעלט אויפן דעמאָקראַטישן פוס: ביליק, קליינע זאַכן, עפּטערס ערשיינען; אין דער פּראָזע און פּאָעזיע — מערסטנטיילס מאָדערנע אַרבעטער-טיפּן און אַרבעטער-מאָטיוון און אין דער פובליציסטיק — די מאָדערנסטע סאָציאַלע פּראָבלעמען. אַן אמת'ער פּראָדוקט פון דעם „שטורם- און דראַנגפּעריאָד" אויף דער יידישער גאַס: און דערביי אַ פּראָדוקט אַ דירעקטער. ווייל אַנטשטאַנען זענען די „בלעטלעך" אונטער דער אוממיטלבאַרער ווירקונג פון די דעמאָלטדיקע אַרבעטער-קרייזן אין וואַרשע.

אָט ווי דאָס איז געווען. אַז ס'איז אַנטשטאַנען די אידעע אויסצומיידן די שוועריקייטן פון דער צענזור, אָדער ריכטיקער אָפּצונאַרן די צענזור און צו באַשאַפן אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע אין דער גע-

שטאַלט פֿון באַזונדערע העפֿטן, האָבן פּרץ מיט פּינסקין גלייך פֿאַרשטאַנען, אַז אַזאַ אונטערנעמונג מוז געצילט זיין אין די ברייטע לעזער-קרייזן און קען דורך דעם אַלטן מוכר-ספֿרים נישט געשאַפֿן ווערן; אַז דער נייער טיפּ ליטעראַטור מוז אַליין קומען צום לעזער און נישט וואַרטן אויף דער פּאָליצע אין בוכהאַנדלונג, ביז מען וועט אים קומען זוכן; אַז דאָס נייע בלעטל וועט קענען האָבן אַ קיום נאָר דאַן, ווען ס'וועט פֿאַרקויפֿט ווערן אַ ס ך און ש נ ע ל און אַז דאָס קען געמאַכט ווערן נאָר דורך די לעזער אַליין. די לעזער-מאַסע איז שוין אָבער דאַן באַשטאַנען דערהויפּט פֿון די אַרבעטער און אָט מיט זיי האָט מען עס זיך געדאַרפֿט אויפֿרעדן אום די זאַך אַוועקצושטעלן און אָרגאַניזירן. באַזונדערש געזאָגט, דער ייִדישער שרייבער, וואָס איז ביז אַהער געווען פֿאַרהיקט ערגעץ העט אין אַ חדר-מיוחד און האָט אַליין נישט געוווּסט, פֿאַר וועמען ער שרייבט, האָט גאַנץ אומגעריכט זיך אויפֿגעטראָפֿן פּנים אל פּנים מיט זיין לעזער און נאָך דערצו מיט דעם לעזער פֿון דער מאַסע. פּרץ מיט פּינסקין האָבן זיך געווענדעט צו די אַרבעטער-גרופּן, וואָס האָבן עקזיסטירט אין וואַרשע און זיי איינגעלאַדן, צוזאַמען צו באַטראַכטן די פֿראַגע וועגן די „יו"ט-בלעטלעך".

איך וועל, שיינט מיר, קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן דאָס בילד פֿון דער ערשטער אסיפֿה מיט פּרץ'ן. זי איז פֿאָרגעקומען אין דער וווינונג פֿון פּינסקים עלטערן אויף פּאַוויע גאַס. אַ מאַן עטלעכע און צוואַנציק זענען געקומען, כמעט אויסשליסלעך אַרבעטער, און דאָ האָט זיך פּרץ דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן געטראָפֿן מיט דעם נייעם טיפּ ייִדישן אַרבעטער. און ווי איבעראַשט איז ער געוואָרן, אַז דער אַרבעטער-לעזער, לאָ די, וואָס ער לעזט און פֿאַרשטייט אים, פּרץ'ן, האָט ער נאָך זיין אייגענע מיינונג איבער זיינע ווערק, אַ קריטישן איבערבליק פֿון עפּעס אַ נייעם „אַרבעטער-שטאַנדפּונקט", און זיינע מיינונגען זאָגט ער אַרויס אין אַ ריינעם, פֿליסיקן ליטעראַרישן ייִדיש, צוגעמישט מיט אויסדריקן פֿון אַ נייער טערמינאָלאָגיע, וואָס איז ביז איצט געווען אומבאַקאַנט אויף דער ייִדישער גאַס. דערהויפּט האָט אים איבעראַשט איינער ד., אַ טישלער, אַ קינד פֿון דער כמאַטשע גאַס, נישט פֿון דער היינטיקער סמאָטשע, מיט איר אויסערלעכער לייטישקייט, נאָר פֿון יענער כמאַטשע, וואָס איז נאָך געווען איינגעטונקט אין בלאָטע און באַבויט מיט כאַלופּקעס מיט פּאַציאַטקעס און ווו דער ריין קבצנישער דלות איז אַפֿילו נישט געווען נאָך פֿאַרשטעלט דורך אַ פּאַפּירענעם קראַגן און אַ ביליקן קראַוואַט. אַ שיינער יונג, האָט ער מיט זיין גאַנצן אויסזען און מיט זיין פֿליסיקן „אינטעליגענטישן" ייִדיש און מיט דער זיכערער רעדנסאַרט געמאַכט אויף פּרץ'ן אַ טיפֿן רושם. דען אַ ר ע ד ע אויף ייִדיש, האָט פּרץ, ווי ער האָט זיך אַליין מודה געווען, בכלל דאַן געהערט ס'ערשטע מאָל. און ער איז געשטאַנען, פֿאַרגאַפֿט, און האָט נישט געגלייבט זיינע אייגענע אויגן. און אַז עס איז געקומען צו זיין וואָרט, האָט ער זיך אַ ביסל פֿאַרלוירן און האָט זיך אַנטשולדיקט, פֿאַרוואָס ער רעדט שלעכט ייִדיש, — ווייל „האַלטן אַ רעדע אויף ייִדיש" — דאָס האָט ער זיך ביז איצט בכלל נישט פֿאָרגעשטעלט.

מיט דער ערשטער פֿאַרזאַמלונג האָט זיך די זאַך נישט פֿאַרענדיקט. די פֿאַרזאַמלונגען זענען פֿאָרגעקומען עפֿטער און אויף זיי איז געשלאָסן געוואָרן אַ געוויסער מאָראַלישער בונד צווישן דער סאָציאַליסטישער ייִדישער אַרב.-יוגנט מיט פּרץ'ן.

די אַרבעטער-קרייזן האָבן זיך אונטערגענומען צו אַגיטירן פֿאַר די בלעטלעך און די ברייטערע פֿאָלקס-שיכטן און צו העלפֿן פֿאַרשפּרייטן און צוריק האָבן זיי דערפֿאַר פֿאַרלאַנגט אַ ריכטונג אין דעם נייעם גייסט, אַ נײַ לעבעדיק וואָרט.

אין דער דאָזיקער פונד האָט געדויערט אַ לענגערע צייט. יעדע נייע אסיפֿה האָט פרצן אַלץ מער די אויגן געעפֿנט אויף די נייע יידישע ווירקלעכקייט, האָט אים נענטער געבראַכט צום נייעם גייסט, אים דעמאָקראַטיזירט און געגעבן שטאָף פֿאַר נייעם שאַפֿן און צוריק האָט יעדעס ניי „בלעטל" געליפֿערט אַלץ נייערן מאַטעריאַל פֿאַר אַלעגאַלע צענזורירטע פּראָפּאַגאַנדע אין די קרייזן, ווו קומען מיט דעם ביכל פֿון דער געהיימער דרוקערײַ אָדער פֿון אויסלאַנד האָט מען נאָך נישט געקאָנט.

אין די „בלעטלעך" זענען זייער גיך פּאָפּולער און באַליבט געוואָרן בײַ דעם יונגערן אַרבעטער-דור, און מ'האָט זיי געקענט געפֿינען אַפֿילו אין אַזעלכע קרייזן, ווו די נייע אידעען האָבן נאָך קיין דירעקטן צוטריט נישט געהאַט. אין פּרץ'ס נאָמען. פּרץ'ס ווערק זענען אַזוי אַרום אַלץ מער און מער מפֿורסם געוואָרן און פּרץ דער „יידישער שרייבער" איז כמעט מיט איין מאָל מגולגל געוואָרן אין פּרץ'ן דעם פֿאָלקס-דיכטער, דעם פֿאָלקס-ליבלינג.

אָט אַזוי האָט די יונגע, ניי-געבוירענע יידישע אַרבעטער-באַוועגונג אַרויסגעפֿירט די יידישע ליטעראַטור אויף אַ נייעם וועג, פֿאַר איר געעפֿנט נייע האָריזאָנטן און געשאַפֿן די מעגלעכקייט פֿאַר איר ווייטערע עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג. און אויב פּרץ איז געוואָרן דער טאַטע פֿון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור אין איר טאָנגעבער האָט ער עס דערהויפּט צו פֿאַרדאַנקען דער דירעקטער ווירקונג פֿון די אַרבעטער-קרייזן פֿון יענער צייט.

VII

אין יאָר 1896 איז קיין וואַרשע אַראָפּגעקומען אַ גרופּע יידישע אינטעליגענטע אַרבעטער און אַרבעטערינס פֿון דער ליטע, דערהויפּט פֿון ווילנע, און מיר האָבן זיי טאַקע אַ נאָמען געגעבן „די ווילנער": מאַריע זשאַלודסקע, אַ שניידערין, צביה הורוויטש, אַ זעמשערין, לעאָן גאָלדמאַן, אַ שלאָסער, די קליינע מעריטע (שפּעטער גאָלדמאַנס פֿרוי) און נאָך עטלעכע מיט יוסף מיל [„דזשאָן"] בראָש. זיי האָבן מיט זיך געבראַכט פֿון דער היים אַ היפּשע פּראַקטישע דערפֿאַרונג און אַ קלאָרע טאַקטישע ליניע, — דורך דעם עקאָנאָמישן קאַמף צום פּאָליטישן קאַמף, ווייל ליטע האָט שוין דעמאָלט דורכגעמאַכט דעם קריזיס אין דעם אידעען-קאַמף צווישן די אָנהענגער פֿון דער „קרויזשקאָווסטשינע" און דער מאַסן-באַוועגונג, — און אַ פֿאַרהעלטנישמעסיק רײַכע יידישע ליטעראַטור: „לאַנג און מאָגער" „די מעשה פֿון פֿיר ברידער", „שכירות" און נאָך. נאָר אַליין אויפֿטון האָט די ווילנער גרופּע געקאָנט אין וואַרשע ווייניק וואָס, נישט זייענדיק גוט באַקאַנט מיט די אָרטיקע פֿאַרהעלטענישן און האָבנדיק שוואַכע באַקאַנטשאַפֿט מיט די אָרטיקע אַרבעטער. בײַ דער יידישער גרופּע פֿון די פּ.פּ.ס. האָבן זיך אין דער זעלביקער צייט אָנגעהויבן רייבונגען מיט דער מוטער-פּאַרטיי, ווייל אַחוץ אַ בלעטל אויף יידיש צום ערשטן מאַי און עטלעכע יידישע בראָשורן פֿון אַמעריקע האָט די פּאַרטיי זיך אַבסאָלוט נישט געזאָרגט פֿאַר די אויפֿקלערונגס-אַרבעט פֿון די יידישע אַרבעטער. (בראָש פֿון דער דאָזיקער גרופּע איז אַ געוויסע צייט געשטאַנען אַן אַסימילירטער אינטעליגענט, איינער רוג, באַקאַנט אונטערן נאָמען „פֿינאַנץ-מיניסטער"

צוליב זיין באַשעפטיקונג אין אַ באַנק). מיט בײדע גרופּן בין איך געשטאַנען אין ענגן קאָנטאַקט, נישט געהערנדיק צו קײנער פון זײ. און אין אַ שײנעם פרימאָרגן איז אַנטשטאַנען דער געדאַנק, אַלע דרײ באַזונדערע גרופּן צו פאַראייניקן אין אײן אָרגאַניזאַציע. נאָך אַ פּאָר געמײנשאַפטלעכע באַראַטונגען איז די זאַך צושטאַנד געקומען און די נײע אָרגאַניזאַציע האָט זיך אַ נאָמען געגעבן: „דער יידישער אַרבעטער-בונד אין וואַרשע".

פון דעם דאָזיקן שידוך האָבן אַלע דרײ פאַרבינדעטע שטאַרק געוואונען. די „ווילנער" האָבן אַרײַנגעבראַכט גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע ערפאַרנקײט און אַ ברייטן בליק אויף דער אַרבעט, וואָס אונז האָט אַבסאָלוט געפעלט, ווי אויך די יידישע אַגיטאַציע-ליטעראַטור; מיין גרופּע ווי אויך די פּע-פּעבאָוועצעס — פּראַקטיקע אָרגאַניזירטע אַרבעטער-גרופּן און פאַרבינדונג מיט ברייטערע אַרבעטער-קרייזן. און עס איז אַוועק אַ טעטיקייט מיט גרויס אימפּעט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמת'ע כוואַליע פון שטרייקן אין כמעט אַלע יידישע פאַכן. אײנע נאָך די אַנדערע האָבן געשטרייקט בלעטער- און בלומען-מאַכער, הוט-מאַכער, שמוקלער, ווייכע טישלער, בײטל-מאַכער, קאַמאַשן-מאַכער (אין בראָנעכעס פאַבריק האָבן מיר געהאַט אונזער אַ בעטונג) און נאָך פיל אַנדערע. און ווי ווייט די אַרבעטער זענען געווען אַ בײגעגעבן דער נײער זאַך, איז כאַראַקטעריסטיש פאָלגנדער פאַקט. עס איז מיר אויסגעקומען אָנצופירן מיט דעם שטרייק ביי די טאַפּעציר-שמוקלערס. די אַרבעט איז געווען אַ לעבעדיקע און פאַרזאַמלונגען זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן עפטערס. אײנעם אַ מייסטער איז אָבער געלונגען אַרויסצובאַקומען פון אײנעם אַ נאַיוון ג.-אַרבעטער, אַז מיטן שטרייק פירט אָן אײנער אַ „וואַגנער" (מיין דעמאָלטיקער פּסעוודאָ-נים) און אַז שבת זאָל פאָרקומען אַ פאַרזאַמלונג דאָ און דאָ. דער מייסטער האָט דאָס גלייך געגעבן צו וויסן דער פּאָליציי, וועלכע איז צו דער באַשטימטער צייט געקומען אויפן אָרט און אַרעסטירט אַ מאַן פערציק. צום גליק האָב איך מיך פאַרשפּעטיקט, ווייל פריער האָבן מיר געהאַט אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרזאַמלונג אין בײלאַנער וואַלד, ווי מיר האָבן זיך אַ היבש ביסל צוהאַמפּערט מיט די ווילנער. מ'האָט אַלע אַרעסטירטע גענומען צום פאַרהער און געוואָלט דערגיין נאָר איין זאַך: ווער איז עס דער אַגיטאַטאָר „וואַגנער" מיט דעם שוואַרצן בערדל און ברילן. הגם דאָס רוב אַרעסטירטע זענען געווען עלטערע אַרבעטער, באַווייבטע און באַקינדערטע, האָט זיך נישט געפונען קיין אײנציקער, וואָס זאָל זיך מודה זיין, אַז עס איז עפּעס דאָ אַ „וואַגנער", וואָס פירט אָן מיטן שטרייק. דעם זעלבן טאָג האָט מען אַלעמען באַפרייט און אַז איך האָב אין אָוונט זיך געטראָפן מיט עטלעכע פון די באַפרייטע, איז זייער שמחה, וואָס איך האָב מיך „אַרויסגעדרייט", געווען אָן לשיעור און גלייך איז באַשלאָסן געוואָרן אַ נײע פאַרזאַמלונג שוין אויף אַ נײ אָרט. דערנאָך האָבן אָבער אין יענער נאַכט שלעכט אָפּגעשניטן אַלע אמת'ע וואַגנערס אין וואַרשע: ביי אַלעמען האָט מען געמאַכט רעוויזיעס, אַפילו ביי אײנעם אַ וואַגנער, אַ פּראָפעסאָר פון אוניווערזיטעט.

צום 1-טן מאַי איז ערשינען אַן אויפרוף פון „יידישן אַרבעטער-בונד אין פּוילען" אַדרעסירט צו אַלע יידישע אַרבעטער און אַרבעטערינס אין וואַרשע: דער אויפרוף האָט אויפגעקלערט די באַדייטונג פון דער מאַי-פייערונג און האָט געוועקט צום קאַמף פאַר פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פאַרבעסערונגען און רעכט. דעם טאָג פון ערשטן מאַי איז פאָרגעקומען הינטער דער שטאָט אַ געהיימע פאַרזאַמ-

לונג פון יידישע ארבעטער, אויף וועלכער ס'זענען געווען ביז 200 מאן. די רעדנער האבן גערעדט וועגן מאי-פייער, וועגן דער וואקסנדיקער באוועגונג צווישן די יידישע ארבעטער אין ווארשע, וועגן דער יידישער ארבעטער-באוועגונג אין ליטע.

זיי האבן איבערגעדריקט די האפענונג, אז דער יידישער פראלעטאריאט אין ווארשע וועט אין גיכן צושטיין צו דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער-באוועגונג. אין די פאדערונגען איז קיין ווארט נישט דערמאנט געווארן וועגן דער נויטווענדיקייט פון פוילנס באפרייונג. ס'זענען נאר ארויסגעשטעלט געווארן די פאדערונגען פון פאליטישע פרייהייט און רעכט, און פון גלייכע בירגערלעכע רעכט פאר יידן.

דאס איז געווען די ערשטע מאי-פארזאמלונג פון יידישן ארבעטער אין ווארשע, אויף וועלכער ס'איז ביי געווען די מאסע. דאס איז געווען די ערשטע פאליטישע פארזאמלונג פון יידן אין פוילן.

אין דער צייט, ווען די פוילישע סאציאליסטישע פארטיי האט זיך גארנישט אינטערעסירט מיט דער לאגע פון די יידישע ארבעטער, ווען אלע אירע באציונגען צו זיי זענען באשטאנען נור אין דעם פארלאנג, אז די יידישע זאלן איר נישט שטערן; ווען צוליב איר אינדיפערענטע שטעלונג לגבי די יידן האט זי אפגעשטופט פון זיך[1] אפילו די יידן, וואס האבן אנגענומען איר פראגראם, האבן די יידישע סאציאלדעמאקראטן אוועקגעלייגט דעם פונדאמענט פון דעם אקטיוון שטרייט פון די יידישע ארבעטער אין פוילן פאר די אידעאלן פון אינטערנאציאנאלן סאציאליזם.

די פארזאמלונג פון ערשטן מאי האט געמאכט א שטארקן איינדרוק אויף די בייוועזנדע. מיטיק זענען זיי זיך צעגאנגען

אין זייערע ענגע ווינקלען אין דער ארבעטער-געטא, אום כדי אויף מארגן צו נעמען זיך מיט דער מינטעדער ענערגיע צום ארגאניזירן דעם יידישן פראלעטאריאט צום קאמף מיט די יידישע עקספלואטאטארן און דער רוסישער רעגירונג. עס האט זיך אנגעהויבן א לעבהאפטער פעריאד פון שטרייקן, פארזאמלונגען און גאסן-אגיטאציע, וועלכע איז אויך געווען די ערשטע פאליטישע שולע פאר דעם יידישן פראלעטאריאט אין ווארשע.

נאך פארדער אין אנפאנג, ווען ס'איז נאר געגרינדעט געווארן „דער יידישער ארבעטער בונד אין פוילן", האבן זיך שוין אנגעהויבן קליינע צוזאמענשטויסן צווישן די ווינציקער איינגעהאלטענע מיטגלידער פון די גרופן. ס'איז גלייך געווען צו באמערקן, אז די פארבינדונג איז א געצוווּנגענע, אז די ס.ד.[1] און די פ.פ.ס.-ניקעס זענען געבליבן פיינטלעך איינע צו די צווייטע. דאך ביז ערשטן מאי האבן די אומצופרידנהייטן נישט געטראגן קיין שארפן כאראקטער, נאר נאכדעם. ווי עס האט זיך אנגעהויבן א שטארקע באוועגונג, איז בולט ארויסגעוויזן געווארן, אז ס'איז אוממעגלעך אפצוטיילן די פראפאגאנדע פון דער אגיטאציע, אז אזא צושפאלטענער פראגראם קען נאר שאטן און שטערן דער באוועגונג, אז ביי אן ערנסטער מאסן-אגיטאציע איז אוממעגלעך אים נאכצופאלגן, — און דער דאזיקער צוזאמענבונד האט „געפלאצט". ביי דער שפאלטונג איז די דריטע גרופע צוגעשטאנען צו די ס"ד און אויפן פלאץ זענען ארויס קענען זיך יידישע ס"ד'ען און א יידישע גרופע, וואס האט געהערט צו דער פ.פ.ס.

---

1) די יידישע גרופע פון דער פ. פ. ס. פאראייניקענדיק זיך מיט די יידישע ס. ד., איז ארויס פון דער פ. פ. ס.

1) די דריטע גרופע, וועלכע איז פריער אויך געווען ס"ד'יש געזאנען, ווען זי איז צוגעשטאנען צום „בונד", האט איינגיכן א גענומען די טאקטיק און פראגראם פון די ס"ד'ען און האט זיך איינגאנצן צונויפגעגאסן מיט זיי.

די גרופּע איז ווידער צוגעשטאַנען צו דער פּאַרטיי).

די יידישע ס"ד'ען נאָכן אָפּטיילן זיך פון די יידישע פּ.פּ.ס.ניקעס, זענען אַרויסגעטרעטן אונטער דעם נאָמען: „דער יידישער אַרבעטער בונד אין וואַרשע". די לעבנס-ערשיינונגען אין וואַרשע האָבן אינגיכן באַזייטיקט אויף אַ געוויסער צייט די מחלוקת פון פאַרשיידענע גרופּן. די מאַסן-באַוועגונג, וואָס האָט באַקומען דעם כאַראַקטער פון אַן אַלגעמיינעם שטרייק, האָט אַרויסגעצויגן אַלע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אויף דער גאַס, האָט זיי אַריינגעצויגן אין דער מאַסע, וועלכע פאָלגט נישט קיין גרופּן און פּאַרטייען, דאָס האָט דיקטירט די פאַרשיידענע גרופּן איר ווילן; האָט אויף אַ צייט איינגעשטילט די קריגערייען, געמאַכט ענדליך שלום צווישן די ס"ד'ען און די פּ. פּ. ס.

די אָרגאַניזאַציעס האָבן מיטגעמאַכט אַ גאַסן-לעבן. זענען יעדן טאָג פאָרגעקומען מאַסן-פאַרזאַמלונגען. דער יידישער אַרבעטער האָט געפייערט זיין ערשטן גרויסן טריט אויפן וועג פון קלאַסן-קאַמף, דער שטרייק איז געווען די ערשטע פּאָליטישע שולע פאַר דעם יידישן אַרבעטער אין וואַרשע. ער האָט פאַרשטאַנען, אויף וועמענס זייט עס שטייט די צאַרישע רעגירונג, ווען ער האָט דערזען, ווי מען שלעפּט צענדליקווייז זיינע ברידער — די שטרייקער אין דער „קאָזע" (טורמע); די יידישע אַרבעטער-קוואַרטאַלן זענען פאַרפולט געוואָרן מיט גערדיים-פּאָליציי און זשאַנדאַרמען. דער זעלבער שטרייק האָט אויך באַוויזן דעם יידישן אַרבעטער זיין מאַכט; ער האָט אים באַוויזן, אַז די פּאָליציי-רעפּרעסיעס זענען גאַנץ שוואַך קעגן דער מאַכט פון דער מאַסע, אַז אין אחדות איז זיין קראַפט.

„דער יידישער אַרבעטער בונד אין וואַרשע" האָט זיך באַנוצט מיט דעם שטרייק פאַר זיין עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אַגיטאַציע. ער האָט אַרויסגעלאָזט איניקע העקטאָגראַפירטע און געדרוקטע אויפרופן. פאַרשפּרייט בראָשורן און צייטונגען (עס האָט דאַן אָנגעהויבן צו ערשיינען די „אַרבעטער-שטימע"), אָרגאַניזירט פאַרזאַמלונגען.

ווי ווייט די פּ. פּ. ס. איז געווען באַקאַנט מיט דעם יידישן אַרבעטער אין פּוילן, און ווי אַזוי זי האָט געקוקט אויף אים, קאָן באַווייזן דער פאָלגנדער פאַקט: נאָכדעם ווי די יידישע בעקער-אַרבעטער האָבן געענדיקט זייער שטרייק, וועלכער האָט געדויערט דריי טעג, האָבן געוואָרפן די אַרבעט די קריסטלעכע בעקער-אַרבעטער. דער צענטראַל-קאָמיטעט פון פּ. פּ. ס. האָט אַרויסגעלאָזט צו די יידישע אַרבעטער אַן (אויפרוף, העקטאָגראַפירט אויף פּ ו י ל י ש, וועלכער האָט זיי איינגעלאַדן צו שטרייקן נאָך אַמאָל צוזאַמען מיט די קריסטלעכע בעקער-אַרבעטער. דער אויפרוף איז געווען גאַנץ אומפאַרשטענדלעך פאַר די יידישע בעקער-אַרבעטער, וועלכע האָבן געלעזן אַפילו יידיש מיט גרויס שוועריקייט. און דאָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט, ווען די פּ.פּ.ס. האָט געהאַט אין אירע רייען אַ יידישע גרופּע!

ענדע זומער 1897 האָט זיך געגרינדעט „דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער בונד אין רוסלאַנד און פּוילן", פון וועלכן עס הויבט זיך אָן אַ נייער פּעריאָד אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין וואַרשע.

אַן אַלטער באַקאַנטער.

דער גאַליציאַנער בונד.

די ייִדישע אַרבעטער=באַוועגונג אין גאַליציען האָט איר אייגנאַרטיקע געשיכטע.

איר אָנהויב פאַלט צונויף מיט דער אַנטשטייונג פון דער פּויליִשער אַרבעטער=באַוועגונג אין געוועזענעם עסטרייך. גלייכצייטיק מיט די פּויליִשע אַרבעטער=פאַריינען אַנטשטייען אמת ייִדישע פאַראַלעלע פאַריינען, אָבער זיי האַלטן זיך ניט לאַנג — און ביז צום 1905 יאָר איז די ייִדישע אַרבעטער=באַוועגונג אַ טייל פון דער פּויליִשער אין די ראַמען פון דער „סאָצ. דעמ. פאַרטיי פון גאַליציע”.

די ערשטע ייִדישע בילדונגס=פאַריינען, די „ברידערלעכקייטן”, די „יד חזקהס” לעבן ניט מיט אַן אייגענעם קולטורעלן לעבן, ווייל אַ ייִדישע וועלטלעכע קולטור איז בכלל ניט בנמצא. די קלאַסן=דיפערענצירונג איז נאָך גאָר אַ שוואַכע, און נאָר זעלטן קומט עס צו ווירטשאַפטלעכע קאַמפן. דער אינטערעס פון דער פאַרטיי צו די ייִדישע אַרבעטער ווערט וואָס ווייטער אַלץ קלענער. די ייִדישע פאַריינען, אויף וועלכע קיינער גיט ניט אַכטונג, ווערן געטירן אָדער ליקווידירן זיך גאָר אינגאַנצן.

ערשט מיט דער אַנטוויקלונג און אויפלעבונג פון דער ייִדישער קליין=אינדוסטריע אין די 90 יאָרן, הויבט זיך ווידער אָן אַ דראַנג ביי די ייִדישע אַרבעטער אויפצובויען די אויפגעלעזטע פאַריינען, צו פאַרפעסטיקן די נאָך עקזיסטירנדיקע און צו צענטראַליזירן די ייִדישע אַרבעטער=באַוועגונג. עס וואַקסט אַלץ מער די אומצופרידנקייט מיט דער אָנפירונג פון דער פאַרטיי, וועלכע האָט אגב זינט 96 יאָר געקראָגן דעם נאָמען „פּויליִשע סאָצ. דעמ. פאַרטיי פון גאַליציע”. די פאַרטיי פאַרלירט טאַקע ביסלעכווייז איר אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער; די אוקראַיִנישע אַרבעטער, הגם אין צאָל זייער שוואַך, בילדן שוין אויך אַ זעלבסשטענדיקע פאַרטיי.

די ייִדישע אַרבעטער קומט אויס צו ליידן ניט נאָר פון דעם, וואָס זיי ווערן ניט ווי געהעריק באַדינט פון דער פאַרטיי; יעדער זעלבסשטענדיקער טריט זייערער ווערט באַגעגנט ווי אַן אויסדרוק פון „סעפּאַראַטיזם”. די ייִדישע אַרבעטער האָבן אפילו זייער אַ נעפלדיקע פאָרשטעלונג וועגן „בונד” אין רוסלאַנד (די פאַרטיי=פּרעסע האָט שוין וועגן דעם געזאָרגט), אָבער דאָך וואַרפט מען זיי גאַנץ אָפט פאָר „בונדישע אפּיקורסות”, ווי נאָר זיי פאָדערן אַ ייִדישן רעפעראַט אָדער אַ ייִדישע צייטונג. און נאָך איין מאָמענט האָט גורם געווען, אַז די ייִדישע אַרבעטער זאָלן זיך וואָס

מער פֿילן פֿרעמד, אָדער כּמעט ווי איבעריק אין דער פּאַרטיי. די השפּעה פֿון דער פּ. פּ. ס. פֿון קאָנגרעס־פּוילן אויף די גאַליציאַנער פּ. פּ. ס. ד. ווערט אַלץ בולטער, און דערגרייכט איר העכסטן פּונקט אויף דעם IX קאָנגרעס פֿון דער פּ. פּ. ס. ד. אין קראָקע, וווּ עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער „בראַטני סאָיוּש בראַני" צווישן דער גאַליציאַנער פּ. פּ. ס. ד. און דער פּ. פּ. ס. פֿון קרוין־פּוילן. די פּאַרטיי האָט געקראָגן אַ בולט אויסגעשפּראָכענעם פּויליש־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, און דער ייִדישער אַרבעטער האָט אינסטינקטיוו געפֿילט, אַז אָט דער צוגעשפּיצטער נאַציאָנאַליזם איז אַ מניעה פֿאַר זיין קלאַסן־קאַמף, ווי פֿאַרן קלאַסן־קאַמף פֿון גאַנצן פּראָלעטאַריאַט אין לאַנד.

די אומפֿעיִקייט פֿון דער פּוילישער פּאַרטיי אָנצופֿירן מיטן קלאַסן־קאַמף פֿון די ייִדישע אַרבעטער קעגן דער ייִדישער בורזשואַזיע און ספּעציעל קעגן ציוניזם, וועלכער האָט דעמאָלט גענומען פֿאַרהילכן די ייִדישע גאַס, שטופּט די ייִדישע אַרבעטער אַלץ מער אויפֿן וועג פֿון זעלבסטאַקטיווקייט און מיט דער צייט קריסטאַליזירט זיך אויס אַ קלאָרע שטרעבונג צו אָרגאַניזאַציאָנעלער זעלבשטענדיקייט. די עקזיסטענץ פֿון דער אוקר. ס. ד. פּאַרטיי, כאָטש זייערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זענען אַ סך שוואַכער איידער די ייִדישע, ווירקט אויך אין דער זעלבער ריכטונג. דער ייִדישער אַרבעטער פֿאַרנעמט זיך נאַטירלעך, מיט דער פֿראַגע: פֿאַר וואָס אַ פּוילישע און אוקראַינישע פּאַרטיי יאָ און אַ ייִדישע נישט?

די גערונג געפֿינט לכתחילה איר אויסדרוק אין דער פֿאָדערונג צונויפֿצורופֿן אַ לאַנד־קאָנפֿערענץ פֿון די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. אין יאָר 1903 קומט־פֿאַר די דאָזיקע קאָנפֿערענץ, אין לעמבערג. די לידערס פֿון דער פּוילישער און אוקר. ס. ד. פּאַרטיי — דאַשינסקי, דיאַמאַנד און האַנקיעוויטש קעמפֿן ווי לייבן קעגן אַ זעלבסשטענדיקער ייִדישער פּאַרטיי. עס גיט זיך זיי איין אָפּצוהאַלטן די קאָנפֿערענץ פֿון אַזאַ באַשלוס. אָבער די זעלביקע קאָנפֿערענץ באַשליסט צו שאַפֿן „אַ ייִדישן אַגיטאַציאָנס־קאָמיטעט" פֿאַר גאַליציען.

אויף אַזאַ אופֿן איז פֿאַקטיש פֿאַרט אָנערקענט געוואָרן דער פּרינציפּ, אַז כּדי אָנצופֿירן די אַרבעט צווישן די ייִדישע אַרבעטער איז נויטיק אַ באַזונדערע פּאַרטיי־אינסטיטוציע, אַז די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג מוז אָנגעפֿירט ווערן דורך די ייִדישע אַרבעטער זעלבסט.

דער געשאַפֿענער „אַגיטאַציאָנס־קאָמיטעט" האָט פֿאַרשטייט זיך, גאָר נישט אויפֿגעטון, מחמת אים האָט געפֿעלט די נויטיקע זעלבסטשטענדיקייט. ער איז אין אַלעם געווען אָפּהענגיק פֿון דער פּאַרטיי־אָנפֿירונג. פֿון דער אַנדער זייט איז דער צוזאַמענשטעל פֿון קאָמיטעט אויך געווען אַזאַ, אַז ער האָט נישט געקאָנט אַריינברענגען קיין שום ממשותדיקע ענדערונג אין דער ביזאיצטיקער לאַגע. מיט אויסנאַם פֿון איין חבר זענען אַלע מיטגלידער געווען אויסגעשפּראָכענע קעגנער, פֿון וועלכער ס'נישט איז זעלבסשטענדיקייט פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אויף דעם נײַנטן קאָנגרעס פֿון דער פּ. פּ. ס. ד. אין 1904, געפֿינט זיך שוין אַ שטאַרקע גרופּע דעלעגאַטן פֿון ייִדישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע קריטיקירן די אומטעטיקייט פֿונם „אַגיטאַציאָנס־קאָמיטעט" און טרעטן אָפֿן אַרויס פֿאַר אַ זעלבסשטענדיקע ייִדישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. די פּאַרטיי־פֿירער זעען, אַז די „קראַמאָלע" וואַקסט, און זיי ווילן איר מיט אַמאָל דעם קאָפּ אָפּהאַקן. דער קאָנגרעס באַשליסט, קעגן פּראָטעסט פֿון די ייִדישע דעלעגאַטן, אָפּצושאַפֿן דעם „אַגיטאַציאָנס־קאָמיטעט".

עס איז געוואָרן קלאָר, די פּ. פּ. ס. ד. וועט איר הסכּמה אויף אַ זעלבסשטענדיקע ייִדישע אָרגאַניזאַציע קיינמאָל ניט געבן. נאָכן קאָנגרעס האָט די פּאַרטיי־פּרעסע אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע קעגן די „סעפּאַראַטיסטן"; ווי דער שטייגער איז ביי פּ. פּ. ס., האָט מען אָנגעהויבן פֿערזענלעך צו זידלען די אָנפֿירער פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, און דעם הויפּט־אָנפֿירער פֿון דער „קראַמאָלע" האָט מען פּשוט אױס.עשלאָסן פֿון דער פּאַרטיי פֿאַר אַ כּלומרשט באַגאַנגענעם דיסציפּלין־ברוך. דער ענערגישער פּראָטעסט פֿון די קראָקאָווער ייִדישע אַרבעטער קעגן זי דאָזיקע רעפּרעסיעס האָט געהאַט די פּעולה, דאָס דער חבר איז צוריק אָנגענומען געוואָרן אין דער פּאַרטיי. די לאַגע איז אָבער מיט יעדן טאָג געוואָרן אומדערטרעגלעכער. מען איז געשטאַנען פֿאַר דער סכּנה, דאָס אין איין שיינעם טאָג וועט מען אַלע אָנפֿירער פֿון דער באַוועגונג אויסשליסן פֿון דער פּאַרטיי—און אויף אַזאַ אופֿן איבעררייסן זייערע אָרגאַניזאַציאָנעלע באַציִונגען מיט די אָרגאַניזירטע ייִדישע אַרבעטער.

כּדי די דאָזיקע געפֿאַר אויסצומיידן, האָט מען געמוזט זיין אַנטשלאָסן, האַנדלען גיך, און שטעלן די פּאַרטיי פֿאַר אַ געשעענעם פֿאַקט. צו דעם צוועק האָט זיך געשאַפֿן אַ מין אַקציאָנס־קאָמיטעט, מיטן זיץ־אָרט אין קראָקע, וועלכער האָט זיך גלייך פֿאַרבונדן מיט אַלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד. ווי ווייט די פּאַרטיי איז געווען אָפּגעריסן פֿון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט, קאָן מען זען דערפֿון, וואָס ביזן לעצטן מאָמענט, ווען ס'איז דערקלערט געוואָרן דער אַרויסטריט פֿון דער פּאַרטיי האָבן די אָנפֿירנדיקע אינסטאַנצן ניט געוווּסט, וואָס עס קומט־פֿאָר אין די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס.

לעת עתּה האָט איינער אַ חבר דערלאַנגט אַ בקשה צום צ. ק. פֿון דער פּאַרטיי צו דערלויבן אַרויסגעבן אַ ייִדישן חודש־זשורנאַל; דער צ. ק. האָט די בקשה אָפּגעוואָרפֿן. דאַן איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל קעגן דעם ווילן פֿון צ. ק. עס האָט זיך שוין אַפֿילו געדרוקט דער ערשטער נומער „דער ייִדישער סאָציאַל־דעמאָקראַט", און זיין דערשיינונג וואָלט געוויס געווען אַרויסגערופֿן אַ שאַרפֿן קאָנפֿליקט מיטן צ. ק. די געשעענישן זענען אָבער געגאַנגען מיט אַזאַ שנעלן טעמפּ, אַז די ח'ח האָבן זיך דערזען געצוווּנגען שוין, וואָס גיכער, אַרויסצוטרעטן פֿון דער פּאַרטיי. דער טאָג פֿאַרן פּראָקלאַמירן די אַנטשטייונג פֿון דער ייִדישער ס. ד. פּאַרטיי איז באַשטימט געוואָרן אויפֿן ערשטן מאַי 1905. און כּדי

אויסצומיידן א א בעריקן קאָנפליקט, האָט מען באַשלאָסן, אז דער „יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַט“ זאָל אויף דערשיינען ערשט אין יענעם טאָג. גרייט זענען געווען די ערשטע צוויי נומערן מיטאמאָל.

צום ערשטן מאָל האָבן מיר דאָס יאָר אין די ארטיקע קאָמיטעטן דורכגעזעצט, מען זאָל דעם 1־טן מאַי איינאָרדנען באַזונדערע פארזאמלונגען פאַר די יידישע ארבעטער מיט יידישע רעפעראטן. אויף די דאָזיקע פארזאמלונגען איז עס פראָקלאַמירט געוואָרן די אנטשטייונג פון דער יידישער ס. ד. פּאַרטיי, און אונזערע חברים זענען אין דעמאָנסטראציע־צוגן אוועק צו די פּארזאמלונגען פון די פּוילישע ארבעטער. די פּירער האָבן נאָך נישט געוווּסט וועגן דער געשעענער פּראָקלאַמירונג—און האָבן דעריבער נישט רעאַגירט דערויף, וואָס מיר קומען פון „סעפּעראַטע“ פּארזאמלונגען.

עס איז געווען פאַר די יידישע ארבעטער א הערלעכער טאָג. צום ערשטן מאָל האָט דער יידישער פּראָלעטאריאַט דערשפּירט זיין כּוח און זיין ווירדע. פון דעמאָלט אן איז ער געוואָרן א פּאָליטישער כּוח אין לאַנד, מיט וועלכן אי די פּ.פּ.ס. אי די יידישע בורזשואזיע האָבן זיך געמוזט רעכענען.

נאר א קליינער טייל יידישע ארבעטער איז פארבליבן אין דער פּ.פּ.ס.ד. און אויך דער טייל האָט זיך שפּעטער, אין 1911, מיטן הסכּם און פון דער פּ.פּ.ס.ד. גופא פאראייניקט מיט דער י.ס.ד.פּ. דעם „פאראייניקונגס“־צוזאַמענפאַר האָט אין נאָמען פון פּ.פּ.ס.ד. באַגריסט דאַשינסקי.

די ראַמען פון אונזער ארטיקל דערלויבן אונז נישט, ליידער צו באַשרייבן דעם קאַמף, וועלכן די פּ.פּ.ס.ד. האָט געפירט קעגן דער יונגער ברודער־פּארטיי. די קאַמפּן, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע, וועלכע די י.ס.ד.פּ. האָט געפירט, די שטעלונג פון דער עסטרייכישער געזאמט־פּארטיי און פון די באַזונדערע נאַציאָנאַלע ס.ד. פּארטייען צו דער יידישער ס ד. פּארטיי א.ד.גל.

צום סוף נאָך א פּאָר ווערטער נאָך וועגן דעם, וואָס פאַר א ווירקונג האָט געהאַט אויף אונזער באַוועגונג דער „בונד“ פון ליטע, פּוילן און רוסלאַנד.

ס'איז קיין ספק נישט, אז בראָניסלאַוו גראָסער, וועלכער האָט זיך א שטיקל צייט אויפגעהאַלטן אין קראָקע, האָט געהאַט א גרויסע השפּעה אויף אונזער אקאַדעמישער יוגנט, וועלכע איז שוין אזוי אויך געווען געשטימט אויטאָנאָמיסטיש. אָבער דער „בונד“, אלס פּאַרטיי, האָט נישט געהאַט נישט קיין דירעקטע נישט קיין אומדירעקטע באציונגען מיט דער באַוועגונג אין גאַליציע. און מיט רעכט זאָגט זיך אין דער בראָשור „בונדיזם אין גאַליציע“, וועלכע די י.ס.ד.פּ. האָט ארויסגעגעבן צום 10 יעריקן יובילעום פון „בונד“, אז דוקא אין דעם ליגט דער כּח פון דער בונדישער אידייע, וואָס אין גאַליציען, א לאַנד מיט גאַנץ אנדערע פּאָליטישע פּאַרהעלטנישן, איז אן דעם איינפלוס פון „בונד“ אנטשטאַנען פונקט אזא אָרגאַניזאַציע, ווי דער „בונד“ אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד.

מ. פּ.

דער „בונד" און די יידישע שפּראַך.

דעם ווינקלשטיין פון יידישיזם האָט אַנידערגעלייגט די יידישע אַרבעטער=באַוועגונג.

„יידישיזם" איז נישט איבריקס אָנגעלייגט ביי אונז, און לשם פּאָלעמיק מאָלט מען אים אָפּטמאָל ווי אַ קליינבירגערלעכן שד. זאָל זיין, אַז דאָס איז רעכט אַזוי. אָבער בשעת עס גייט וועגן היסטאָרישער אָפּשאַצונג וועגן מאַכן דעם סך=הכל פון אַ תקופה – דאַמאָלס דאַרף מען דעם יידישיזם נעמען ברייטער: ווי אַ סאָציאַלע איבערקערעניש אין יידישן פאָלק. די בייזאַך, די שפּראַך פון געמיינעם פאָלק, איז דורך דעם געשיכטלעכן פּראָצעס דערהויבן געוואָרן ביז דער מדרגה פון אַ וויכטיקן נאַציאָנאַלן פאַקטאָר. און אינאיינעם דערמיט איז באַקרעפטיקט געוואָרן אין די מוחות דער געדאַנק וועגן דעם ווערט פון דער יידישער שפּראַך. נישט נאָר אָביעקטיוו איז דער אַרבעטער=קלאַס געווען דער טרעגער פון יידיש; ער איז אויך סוביעקטיוו געוואָרן דער טרעגער פון דער סובערעניטעט פון דער יידישער שפּראַך.

אַרויס זענען מיר אויף דער וועלט, בעת דער השכלה=צייט האָט אונז נאָך געהאַלטן אין געפענגעניש. האָט מען דעריבער קודם=כל געמוזט אויסטון דעם פּשט פון וואָרט; מען האָט געמוזט אָפּראַמען די פאָרם און מאַכן אַ וואַרעם פאַרן געדאַנק. די השכלה האָט געשטרעבט צו שבעים לשונות, זי האָט דער עיקר געדאַגהט וועגן דעם אויסווייניקסטן לבוש פון געדאַנק. און די נייע תורה, אַז אינהאַלט בלייבט אינהאַלט — די תורה האָבן דאָס ערשטע מאָל געלערנט די פאָר יידישע סאָציאַליסטן אין זשענעוו. „צי איז יידיש אַ שפּראַך צי ניין, צי איז יידיש שיין אָדער מיאוס — פאַראַן אָבער גרויסע מאַסן פון פאָלק, וואָס פאַרשטייען קיין שום אַנדערע שפּראַך נישט". דעם דאָזיקן גלגול האָט געמוזט איבערלעבן דאָס יידנטום איידער עס איז געקומען צו גיין די נייע צייט. די גרופּע זשענעווער סאָציאַליסטן ווענען די ערשטע אַקער=לייט ביי אונז און זייערע אויסגאַבן — דער ערשטער זוימען. און מיט יראת=הכבוד ציען מיר פון זיי די שנור פון אונזער יחוס.

פריער האָט מען געמוזט וואָכעדיק מאַכן די קדושה פון דער שאָלעכץ; דאַן ערשט איז פריי געוואָרן דער ברייטער שליאַך קיין אייראָפּע.

צי קאָן מען רעדן וועגן א יידישער נאַציאָנאַל-שפּראַך פאַר יענע יאָרן, ווען עס האָט אָקאָרשט גענומען שפּראָצן אונזער היינטוועלטיק לעבן? א גרויסער ספק. אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך איז נישט קיין קאַמער ווי מען באַהאַלט די שבת׳דיקע לייכטער — זאָלן דאָס אפילו זיין די טייערסטע לייכטער, די שענסטע חפצים. א נאַציאָנאַלע שפּראַך איז א קוואַל. נישט נאָר מיט זכרונות פון אמאָל דאַרף מען זיך קוויקן; ניין, יעדער טאָג דאַרף וועבן נייע זכרונות פון א געמיינשאַפטלעכן נאַציאָנאַלן לעבן. אָבער פאַר דער מאָדערנער מלחמה פון די קלאַסן איז נישט געווען דאָס מאָדערנע יידנטום; מחמת נאָר דער קאַמף פון די קלאַסן באַשאַפט די נאַציאָנאַלע גאַנצקייט. און דאָס מיינט צו זאָגן, אז נאָר דעמאָלט איז יידן באַשערט געווען צו ווערן גלייכע יחסנים אין דעם פעלקער-געזינדל פון דער וועלט, ווען עס האָט אויסגעגלייכט זיינע גלידער דער קלאַס פון דער צוקונפט. די קולטור פון דער נאַציע — דאָס איז די קולטור פון צוקונפטס-קלאַס. און קולטור איז דאָך ראשית-כל שפּראַך. כאַפּט זיך נישט פאַרן וואָרט: שפּראַך אליין איז נאָך נישט קולטור; אָבער אָן שפּראַך קאָן קיין קולטור נישט געמאָלט זיין.

פון פאָלקס-שפּראַך, צו נאציאָנאל-שפּראך — אָט דאָס איז דער מהלך, וואָס אונזער יידיש לשון האָט געהאט דורכצושפּרייזן אין לעבן און אין באַוווסטזיין. און ווען דער „שניידער-יונג“ האָט אויפגעהערט צו זיין א פלעק אין דער משפּחה און די וועלט האָט דערזען אין אים דעם בויער פון א גליקלעכן עתיד — אין יענעם מאָמענט האָט טריומפירט די יידישע שפּראַך.

די בונדישע פּובליציסטיק, בונדישע רעזאלוציעס — דאָס זענען די זיילן וואָס באַצייכנען דעם טריומף-צוג פון דער יידישער שפּראַך. די גרינדונג פון בינד איז קיין מתן-תורה נישט געווען; מיר האָבן זיך אנטוויקלט מיטן לעבן. און ווען דאָס לעבן האָט געגעבן א ברויז-אויף און שיער נישט פאַרטרונקען די אלטע מאכט — אין שטראַלענדיקן „פינפטן יאָר“ — האָבן מיר פאָרמולירט די פאָדערונג פון פולע רעכט פאַר דער יידישער שפּראַך.

א״ע אנדערע האָבן זיך געשלעפּט ווייט-ווייט הינטער אונז. קיין „יידישיסטן“ וואָס מאָנען היינט א חזקה אויף יידיש, האָבן מיר דעמאלסט נישט געקאָנט...

* * *

אָבער נישט נאָר די יידישיסטן זענען מיר געווען, נאָר אויך די ערשטע אַקאַדעמיקער און פילאָלאָגן. אַקאַדעמיקער און פילאָלאָגן — אָן אַ ברעקל פילאָלאָגישע געניטשאַפט. אָ, ווען אונזערע בכורים זאָלן געווען האָבן כאָטש אַ פאַרשטאַנד פאַר שפּראַך-וויסנשאַפט, פאַר דעם עצם-ענין פון שפּראַך. אונזער יידיש וואָלט היינט געהאַט אַן אַנדער פּנים. עס וואָלט נישט געגאַנ-

גען אין ניוועץ דאָס האַרציקע זיסע לשון פון אונזער פאָלקס=ליטעראַטור. באַר צַלע שפּראַכן האָבן אַזאַ מזל — די מקפּידים, די פּוריסטן, קומען שטענדיק נאָכדעם, ווי די אָנהויבער האָבן שוין אָפּגעטון זייער אַרבעט. אָבער געבענטשט זאָלן זיין די פּיאָנערן, וואָס האָבן געטאַפּט אין דער פינסטער!

יאָ, אמת, מיר האָבן שוין פאַרמאָגט דאַמאָלט מענדעלען אויך. אָבער, צי אָך און ווי צו דער וויסנשאַפטלעכער שפּראַך אונזערער אין יענע צייטן. וואָס האָט מען געקאָנט דעמאָלט דערציילן אויף יידיש וועגן אַ פּאָליטישער געשעעניש? לייענט דעם „קול מבשר“, וואָס איז אַרויס אין יענער צייט — וועט איר זען, וואָס די סאָציאַליסטן האָבן אויפגעטון. וואָס פּיאָטר דער גרויסער מיט רוסיש, דאָס האָבן זיי געטון מיט יידיש: עמערווייז האָבן זיי אַריינגעבראָכן נייע ווערטער אין דער שפּראַך, אָפט נישט געלונגענע, אָפט אומגעלומפּערטע; אָבער דער געזונטער אָרגאַניזם פון אונזער שפּראַך האָט דאָס געקאָנט פאַרדייען, און אויסגעוואַקסן איז דערפון אונזער האַרמאָנישער קלאַנגענרייכער לעקסיקאָן. דער יידישער אויער האָט פּלוצלונג דערהערט אַ ים נייע ווענדונגען. אין אַ גלאַטער צייט וואָלט זיך דאָס נישט צוגענומען. אָבער ביים יידישן אַרבעטער איז געווען הייליק אַלצדינג, וואָס האָט אַ שייכות צו דער „באַוועגונג“ און מיט מסירת=נפש האָט ער זיך אַ לאָז געטון צו די האַרבע עברי'. פון די אויבערשטע אַרבעטער=שיכטן איז דער נייער שפּראַך=אוצר אַריינגעדרונגען אין די טיפענישן פון דער מאַסע. און ווען עס האָבן זיך באַגעגנט די בונדישע אינטעליגענטן פון ליטע און פון פוילן, האָבן זיך אויסגעמישט די פּראָווינץ=לשונות, און דורך באַהעפטונג און אַבסטראַקציע איז פון די דיאַלעקטן געבוירן געוואָרן אַן איינהייטלעכע ליטעראַטור=שפּראַך. ויען דער „בונד“ וואָלט מיט די מיליאָנען בראָשורן און בלעטלעך זיינע נישט אויסגעהאָדעוועט אַ וועלט מיט לעזער — יידישע שרייבער וואָלטן געשטומט וועגן פּאָליטישע טעמעס און יידן פון אַ גאַנץ יאָר וואָלטן קיין בלאַט צייטונג נישט פאַרשטאַנען.

דער „הויזפריינד“ מיט זיין אָרימען, אויסגעמוטשעטן, הויקערדיקן לשון און דער בונדישער „יידישער אַרבעטער“ — דאָס זענען די מיילען=סלופּעס אויפ'ן באַרג=אַרויף=וועג פון דער יידישער שפּראַך.

* * *

מיר, די „שמאָלע פּראַקטיקער“, די „חיי=שעה=מענטשן“, מיר מעגן דאָס דרייסט און זיכער פאַרשרייבן: נישטאָ ביי יידן נאָך אַ צווייטער כח, וואָס אים זאָל האָבן אַזוי פיל צו פאַרדאַנקען די יידישע שפּראַך און איר היסטאָרישע באַגלייטערין — די יידישע שפּראַך=באַוועגונג.

כ'לעבן, אַ טייערע התראה איז דאָס פאַר די אַלע, וואָס האַלטן אין איין באַרימען זיך מיט זייער אַרבעט פאַר חיי=עולם, מיט זייערע „ברייטע האָריזאָנטן“.

מ. ווײנרייך.

אברהם דער בערשטער.

1.

אין דער בערשטער=פאַבריק איז דער אַרבעטס=טאָג געווען אַ לאַנגער, אַ נודנער און אַ שווערער. איבערהויפּט אָבער אַ לאַנגער. די אַרבעטער האָבן בלויז געזען אַ שטיקעלע נאַכט. דער טאָג איז געלעגן צווישן צוויי נעכט, ווי אַ לאַנגער טונקעלער וועג צווישן צוויי הויכע בערג, און דעם דאָזיקן וועג האָט מען באַדאַרפט אַדורכגיין פון עק צו עק.

יעדע פאַבריק האָט אירע האַרבע געזעצן, ווי אַ מלוכה, אָבער די דאָזיקע געזעצן ברעכן זיך, ווען עס קומט די צייט.

און אָט איז געקומען די צייט אויך פאַר דער בערשטער=פאַבריק. די אַרבעטער זענען ערנסטער געוואָרן. מען האָט געגנבעט ביי דער נאַכט און ביים שלאָף אַ פּאָר שעה און מען האָט זיך פאַרזאַמלט אין אַן אָרעם צימערל אָדער מען האָט גערעדט אין דער פאַבריק גופא. די אַרבעט האָט פאַרלאָרן איבערן מענטשן איר בייזע שליטה. דער באַלעבאָס איז פּלוצלונג אַראָפּגעפאַלן פון זיין הויכער חשובער מדריגה.

אין דער גרויער לופט פון דער פאַבריק איז אַריינגעפאַלן אַ רייצנדיק דופּטיק וואָרט — ס אָ צי אַ ל י ז ם.

דאָס איז אייגנטלעך געווען נישט קיין סאָציאַליזם, נאָר אַ משיח=שטימונג. אַ משיח — מיט אַ ברייטערן פּראָגראַם, אַזוי צו זאָגן. ס'וועלן געהאָלפן ווערן די געפּייניקטע קלאַסן פון אַלע פעלקער, אַ נייע זון וועט אויפשיינען אויפן כמורנעם הימל. דאָס מיאוסע וועט ווערן שיין, דאָס אָרעמע — רייך, דאָס נאַרישע — קלוג, און אַלע וועלן גלייך געניסן פון ליכטיקן טאָג, פון דער גאָלדענער זון.

די שטימונג האָט זיך צעוואַקסן, און די אַרבעטער האָבן געמאַכט אַ שטרייק.

קודם=כל — פאַרקירצן דעם לאַנגען אַרבעטס=טאָג, וואָס האָט זיך געצויגן פון נאַכט צו נאַכט, ווי אַ לאַנגער טונקעלער וועג, העכערן די שכירות און — אנערקענונג פאַר דער מאַכט פון די אַרבעטער. דאָס איז אייגנטלעך אַ פּסיכאָלאָגישער פּונקט, וואָס איז אָבער אויך גענוי אַרומגערעדט געוואָרן צוגלייך מיט אַלע פּונקטן. דער באַלעבאָס באַדאַרף זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּזאָגן פון דעם אַרגומענט, אַז די אַרבעט איז אַ טובה און אַז די פאַבריק איז אַ וווילטעטיקע אַנשטאַלט, וואָס האַלט זיך נאָר אויף זיין גוטסקייט און האַרציקייט. געננג צו ריידן מיט די אַרבעטער. ווי מיט קינ=

דער. זיי וועלן אים וואַרפן די טובה אין פנים אַריין און וועלן אים בעטן, ער זאָל מוחל זיין און באַפרידיקן זייערע גערעכטע פאָדערונגען, אַ נישט זאָל ער צומאַכן די פאַבריק.

— און זיך ווערגן מיט איר!—האָט אַן עלטערער אַרבעטער אויסגעשאָסן מיט גאַל.

דער שטרייק האָט זיך פאַרצויגן, און דער טובה־אַרגומענט איז צום לעצטן מאָל פאַרגליווערט געוואָרן אינם גרוי בערדעלע פון באַלעבאָס.

וואָכן און חדשים האָט זיך געצויגן דער שטרייק. די בערשטער האָבן איצט געזען דעם ליכטיקן טאָג, די זון און דעם בלויען הימל, און מעגלעך, אַז דאָס האָט זיי צוגעגעבן אַזוי פיל מוט און אַחדות, ווי די הילף און עצות, וואָס זיי האָבן באַקומען פון לאַנגהאָריקע יונגעלייט און זייטיקע אַרבעטער.

דער באַלעבאָס האָט סוף־כּל־סוף איינגעזען, אַז די אַרבעטער ווערן נישט אָפּגעצערט פאַר דער צייט, וואָס זיי שטרייקן און אַז די חוצפּה וואַקסט אין זיי פון טאָג צו טאָג. מיט מאַנכע אַרבעטער איז בכלל אַ מורא צו ריידן: די אויגען ברענען זיי, די פינגער לייגן זיך איין אין פויסטן און פון די טריקענע ליפּן פאַלן שרעקלעכע ווערטער: בלוטזויגער, חיה, רוצח, און גאָר אַ ניי משונה וואָרט: עקספּלואַטאַטאָר! האָט ער געמאַכט אַ חשבון און זיך מישב געווען: אויף אַלע פאַבריקן רודערט זיך עפּעס, אין גאַס שמועסט מען פון אַרבעטער־מרידות און פון געשלאָגענע באַלעבאַטים. די צייט לויפט דערווייל און ער האָט גרויס היזק. און מאַכט מען אַ חשבון פון דעמדאָזיקן היזק, ווערט הייס און קאַלט אין די בלוטן: שווערע טויזנטער צאַפּלען זיך פאַר די אויגן.

און ער האָט נאָכגעגעבן מיט גרויס פאַרדראָס און קריינקונג.

ביי די אַרבעטער איז געווען אַ יום־טוב, און מען האָט לאַנג גערעדט פון אחדות, פון אַרבעטער־אחדות, וואָס קען ממש איבערדרייען אַ וועלט. דער לאַנגער אַרבעטס־טאָג איז שטאַרק אַרומגעשניטן געוואָרן, די שכירות זענען געהעכערט געוואָרן און דער באַלעבאָס האט באַקומען אַ פּנים פון אַ קליין דערשראָקן יידעלע, וואָס שוויגט און קרימט זיך, ווי אַ קאַפּריזנע קינד. דאָס אַלץ איז דער דערוויילָיקער פּועל־יוצא פון דער אַרבעטער־אחדות, היינט וואָס וועט שוין זיין אין דער צוקונפט?

האָפּערדיק און מונטער איז דער עולם אַוועק צו דער אַרבעט.

אָבער גראָד אין דעמדאָזיקן מאָמענט פון נצחון און שמחה האָט איין מענטש פון די פּערציק בערשטער, וואָס האָבן געאַרבעט אין פאַבריק, אויסגעטאָן דעם פאַרטוך און איז אַוועק.

דאָס איז געווען אברהם אַלעקסאַנדרייסקי.

II.

אַ הויכער בחור מיט שמאָלע אַקסלען, מיט טיפע אויגן און מיט אַ שעמעדיק שמייכעלע אויף די ליפּן.

ער האָט געהערט צו די שטילסטע מענטשן אין פֿאַבריק. אַמאָל האָט ער געלערנט אין אַ ישיבה, און ביי דער אַרבעט פֿלעגט ער עפּעטער צוברומען אַ גמרא־נגון. מען האָט אים אָבער ליב געהאַט פֿאַר זיין שטילקייט, פּינקטלעכקייט און שעמעדיק שמייכעלע.

איצט איז ער אַריין אין דער משיח־שטימונג, ווי אַן אָפּגעשיידטער צדיק אין אַ טיפֿער איינזאַמער תּפֿילה, און איז אַזוי ווי פֿאַרכשופֿט געוואָרן אין דערדאָזיקער שטימונג. ער האָט גאָרנישט געזען אַרום זיך און דער קאָפּ האָט אים געטראָגן אין די ליכטיקע וואָלקנס פֿון אַ גליקלעכער אַרבעטער־צוקונפֿט.

די בערשטער האָט עס אָבער שטאַרק געשמייכלט. זיי האָבן געוווּסט, אַז אברהם האָט געוואָרפֿן די אַרבעט ניט פֿאַר ווילטאָג און פֿערזענלעכע גליקן, נאָר ער איז אַוועק צו די־יעניקע, וואָס טראַכטן פֿון אַ געפֿערלעכן קאַמף מיט דער ניט גערעכטער אָרדנונג אין לעבן; צו די־יעניקע, וואָס זענען ניט לאַנג געקומען די בערשטער צוהילף מיט געלט און מיט אַ מוטיק ברידערלעך וואָרט.

אין יענער צייט האָבן זיך נאָר־וואָס געוויזן די ערשטע שפּראָצונגען פֿון „בונד“. די משיח־שטימונג איז צוזייט געוואָרן, און מען האָט ניכטער געשמועסט פֿון אַ פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס באַדאַרף אַרומכאַפּן אַלע יידישע אַרבעטער. און די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע פֿאָדערט גרויסע כּוחות, ניכטערע פּלאַנמעסיקע אַרבעט, באַדאַכטקייט און אויסגעהאַלטנקייט. ניט אַלע האָבן אפֿילו געקענט זיך גלייך באַטייליקן אין דער אָרגאַניזאַציע. פֿאַראַן מענטשן מער פֿעיקע און ווייניקער פֿעיקע, און די וויכטיקסטע אָרגאַניזאַציע־פּאָסטנס בלייבן אומבאַדינגט ביי די מער פֿעיקע. דאָס איז שוין אַ שטיק האַרב לעבן, וואָס האָט צוריסן און צוזייט די זיסע חלומות פֿון אַ גליקלעכער צוקונפֿט, וואָס קען מקוים ווערן אַ ליאַדע טאָג אָן גרויסע אָנשטרענגונגען און אַרבעט ביי אַ גלייכער באַטייליקונג פֿון אַלץ און אַלעם.

אברהם איז אַרויס פֿון זיין משיח־שטימונג, ווי פֿון אַ וואַרעמען ליכטיקן חדרל. דאָס איז געווען אַ שווערער איבערברוך פֿאַר אים, אָבער ער האָט בלויז פֿאַרזשמורעט די אויגן: דער גלויבן איז געבליבן דערזעלבער.

איצט האָט ער געשפּירט איין זאַך — מען באַדאַרף אַרבעטן. ער איז אַוועק צו די ניט אָרגאַניזירטע בערשטער אין די קליינע שטעטלעך, וווּ די עקספּלואַטאַציע איז געווען משונה גרויס און ווילד. דאָרט האָבן די אַרבעטער געלעבט ווי די פֿאַרצייטיקע נעגרעס — אין שמוץ, דלות און געוואַלטיקער עם־הארצות. אברהם האָט אויפֿגערודערט דעם טויטן עולם, די פֿאַבריקן האָבן פֿאַרשטרייקט, און דעמאָלט איז עס געשאַפֿן געוואָרן דער „יידישער בערשטער־בונד“, וואָס האָט זיך קונה שם געווען מיט זיין וווּנדערלעכער אָרגאַניזאַציע און דיסציפּלין. די טויטע אַרבעטער האָבן אויפֿגעלעבט. די שטעטלעך זיינען אָנגעפֿילט געוואָרן מיט אַ לעבעדיק וואָרט, מיט ביבליאָטעקן און קרייזלעך פֿאַר אַגיטאַציע און בילדונג. דער „בערש־

טער־בונד" איז בלי שום ספק געווען איינער פון די שענסטע און הער־לעכסטע שטראָמען, וואָס זיינען פרייליך און מונטער אַריינגעפאַלן אין דעם ברייטן בונדישן טייך.

אברהם האָט זיך אָבער דאָך נישט געטויגט פאַר אַ גרויסער מאַסן־אַרבעט. ער איז נישט געווען קיין רעדנער און נישט קיין אָרגאַניזאַטאָר. אויף זיינע ליפּן איז תמיד געהאָנגען אַ צו־שעמעדיק שמייכל, און אַ גרויסע מאַסע האָט אים בלויז באַגייסטערט און געשראָקן, אָבער נישט דערהויבן איבער איר.

אברהם איז געווען אַ געבוירענער קאָנספּיראַטאָר, דאָס הייסט אַ מענטש מיט אַן אויסגעהאַלטענעם כאַראַקטער, מיט אַ שטאַרקן חוש פאַר אַ שטילער געפערלעכער אַרבעט, מיט אַ פעסטן זכרון און אַ גוט שאַרף אויג. ביי אַזוינע אייגנשאַפטן האָט אברהם געמוזט ביסלעכווייז זיך אָפּרוקן פון זיין אַרבעט אין „בערשטער־בונד" און זיך איבערציִען אין אַלגעמיינעם „בונד", ווו ער האָט, נאַטירלעך, געפונען זיין ריכטיקן אָרט.

די ערשטע שפּראָצונגען פון „בונד" האָבן זיך באַוויזן אין יאָר 1897, און אין אַ וואַסערע צוויי יאָר אַרום איז דער „בונד" שוין אויסגעוואַקסן אין אַ גרויסער שטאַרקער בריים־פאַרצווייגטער פּאַרטיי מיט אַן אייגענעם אָרגאַן און צענדליקער בראָשורן אין יידיש. דעם, וואָס האָט דעמאָלט צו־געזען די בונדישע אַרבעט אָדער געהאַט עפּעס אַ באַגריף וועגן איר, זעען איצט אויס די דאָזיקע היסטאָרישע צוויי יאָר ווי אַן אייביקייט. מענטשן האָבן אויפגעוועקט און אויפגעהויבן די יידישע גאַס. און עס האָט זיך אויפגעכאַפּט נישט בלויז דער יידישער אַרבעטער, נאָר אויך דער יידישער קרעמער, דער יידישער באַלעבאָס, ווייבער און קינדער, און דאָס אַלץ האָט זיך געדרייט און באַוועגט, אויב נישט אין דעם „בונד"־אַרבעט, איז אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, אָבער אַבי זיך באַוועגט און נישט געשלאָפן.

פאַרן קאָנספּיראַטאָר איז דאָס געווען אַ צייט פון געוואַלדיקער אָנ־שטריינגונג און מוראדיקער אַרבעט, וואָס לאָזט זיך גאָרנישט אָנשאַצן.

פון איין זייט — אַן אומגעהויער גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, פון דער אַנדער זייט — שפּיאָנען, זשאַנדאַרמען, אַרעסטן, תפיסות, סיביר. אין מאָסקווע האָט שוין זובאַטאָוו געבראַכן זיין פּראָוואָקאַטאָרישן קאָפּ אי־בער דעם, ווי אַזוי צו דערשטיקן דעם „בונד" און אין פּעטערבורג האָט האָט דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט צוזאַמען מיטן ראש פונם אינערן־מיניס־טעריום זיך שטאַרק באַשעפטיקט מיט דער דאָזיקער פראַגע.

נישט געקוקט דערויף אָבער, האָט זיך די בונדישע אָרגאַניזאַציע אַלץ פאַרגרעסערט און פאַרגרעסערט. ווי אַ טייך אין אַ געוויסער, איז זי אַרויס פון די ברעגן און האָט פאַרכאַפּט אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך.

אברהם איז דעמאָלט געווען איינער פון די בעסטע קאָנספּיראַטאָרן אין „בונד". אין אים האָבן זיך וווּנדערלעך צוזאַמענגעשמאָלצן שטילקייט מיט ענערגיע, באַדאַכטקייט מיט ריזיקע, אויסערגעוויינלעכער מוט מיט קלוי־גער פאַרזיכטיקייט.

ער איז געווען, אַזוי צו זאָגן, די פּאָסט, טעלעפאָן און טעלעגראַף פון „בונד". יעדע רעזאָלוציע און יעדע ענדערונג און יעדע פאַראָרדנונג, וואָס האָבן באַדאַרפט תיכף ומיד פאַנאַנדערגעשיקט ווערן איבער די יידישע שטעט און שטעטלעך, זיינען געפלויגן מיט אברהמען, פאַרשיפרירט אויף קליינטשקע שטיקעלעך פּאַפּיר, פאַרשטעקט אין פּאַפּיראָסן־טרייבלעך און פאַרנייט אָדער פאַרגראָבן אין זיינע מלבושים. ער איז געפלויגן מיט זיי פון שטאָט צו שטאָט, פון שטעטל צו שטעטל. בכלל איז ער שטענדיק געפלויגן, שטענדיק געהאַלטן אין איין אַרומפאָרן, שטענדיק זיך געאיילט, געיאָגט, געכאַפּט, אָבער מער איינערלעך, ווי אויסערלעך. אויסערלעך האָט ער געטראָגן אַ גוט אויסגעאַרבעטע, אָדער ריכטיקער, געבוירענער מאַסקע — אַ רויק געזיכט מיט אַ שעמעדיק שמייכעלע.

מען האָט אים געקענט אָננעמען פאַר אַ העברייאישן לערער פון אַ קליין שטעטל, אָדער פאַר אַן איידעם אויף קעסט, וואָס איז נישט שטאַרק צופרידן מיט שווער און שוויגער און זוכט אַ שטיקל פּרנסה. קיין שום סוד איז אויף אים נישט געלעגן, קיין זכר פון יענע קאָנספּיראַטיווע פּעדעס, מיט וועלכע ער איז געווען באַצויגן ווי מיט אַ נעץ.

די וואָקזאַלן, וואָס האָבן געשוויבלט און געגריבלט מיט שפּיאָנעס, איז ער שטענדיק אַדורכגעגאַנגען נאַטירלעך און זיכער, ווייל ער האָט זיך לחלוטין נישט אויסגעטיילט פון דעם גרויען שטראָם מענטשן, וואָס האָבן אַרויסגעפלייצט פון די וואַגאָנעס אָדער געוואַרט אויף אַ צוג. צו די העמד־לעך און לאַנגע האָר, וואָס זענען דעמאָלט געווען שטאַרק אין מאָדע, האָט ער קיין שום חשק נישט געהאַט. און ער האָט זיך געהאַלטן.

די אַרעסטן האָבן זיך געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג, די תפיסות זענען געווען פול און פּאַק מיט בונדיסטן, די בעסטע טוער זיינען גע־זעסן אונטערן שלאָס, נאָר אברהם האָט זיך געהאַלטן. דער עולם האָט אפילו געחוזקט איבער אים:

— אברהם, די זשאַנדאַרמעריע האָט אייך פאַרגעסן... איר וועט אויסן בלייבן...

אָבער דאָס איז נישט ריכטיק. די זשאַנדאַרמעריע האָט אים נישט פאַרגעסן. זי האָט אפילו גוט געוווסט זיין נאָמען און האָט אים שטאַרק אַרומגעזוכט, אָבער אברהם איז בעת מעשה אַרומגעפלויגן פון איין שטאָט אין אַ צווייטער מיט רעזאָלוציעס און אינסטרוקציעס אין די קעשענעס.

זי האָט געוווסט זיין נאָמען, אָבער נישט זיין געזיכט.

און אויפן געזיכט איז דאָס געווען אַ העברייאישער לערער פון אַ קליין שטעטל אָדער אַן איידעם, וואָס זיצט אויף שלעכטע קעסט און זוכט עפּעס אַ שטיקל פּרנסה...

.III

טיילמאָל פלעגט ער זיך אָפּשטעלן אויף אַן אָוונט אין יענער שטאָט, ווו ער האָט פריער געאַרבעט אויף דער בערשטער־פאַבריק, און דעמאָלט

פלעגט ער זיך טרעפן מיט א קליינעם קרייז פון זיינע חברים.

ווי עס פירט זיך ביי ארבעטער, האט מען געשיקט נאך א ביסל בראנפן און צובייסונג און מען האט געמיטלעך געשמועסט. אב־הם פלעגט ברייט אפציען דעם אטעם, זיך אוועקזעצן מיטן גאנצן גוף און פון די שמאלע אקסלען פלעגט אים אויף א ווײַלע אראפפאלן א גרויסער שווער דריקנדיקן בארג.

געריידט האט ער על־פי־רוב זייער ווייניק, אבער זיינע טיפע אויגן האבן נישט געשוויגן. זיי האבן פארציילט, דא, ביים טיש, ביי א גלעזל בראנפן און ביי א קרייז טרייע חברים, אז דער „בונד"—דאס איז זיין אטעם, זיין בלוט און זיינע נערוון. ווי קען מען לעבן אן דעם „בונד?" ווי קען מען זיין אויסער אים? אן דעם „בונד" האט דעם טאג נישט קיין זון און די נאכט נישט קיין שטערן. אן דעם בונד איז די וועלט א שווארצע און די מענטשן זעען אויס, ווי ציטריקע שאטנס. דער „בונד"—דאס איז דער ליכטיקער אמת, וואס שפריצט מיט זון און גליק און מיט אים, מיט זיין דאזיקן אמת, איז מעגלעך צו לעבן.

אייגנטלעך איז דאס געזעכן א צדיק ארעוואלוציאנער, וואס האט באהעפט זיין הארץ מיטן רעיון און האט זיי ביידן ארויפגעווארפן אויפן מזבח פון דער רעוואלוציע, דאס הייסט פון „בונד".

און, ווי א צדיק, האט ער זיך תמיד עטוואס אפגערוקט פון דיזעניקע, וואס זענען געשטאנען אויסער דעם „בונד". זיי האבן אים אויסגעזען טמע און בלינד. זיי האבן די זון און די שטערן נישט געזען.

זיינע אויגן האבן נאך אלץ פארציילט, אבער אויף די ליפן האט אים געשפילט א שעמעדיק שמייכעלע, און די חברים האבן געפרעגט:

— נו, אברהם, וואס הערט מען עפעס?

און אברהם האט געענטפערט:

— נו, וואס קען מען הערן?

נישט מיט די אויגן, נאר מיט דער צונג האט ער גארנישט געהאט וואס צו דערציילן.

— עס באוועגט זיך, הא? — האט א חבר א וווּנק געטאן צו אברהמען.

און אברהם האט אים נאכגעזאגט, פונקט ווי ער וואלט זיך געלערנט ביי אים ריידן:

— יא, עס באוועגט זיך, ברודער...

און מער האט מען נישט גערעדט דערפון.

דער אוונט האט זיך פארצויגן. און אברהם האט נישט מער ווי עטלעכע שעה אין זיין רשות: פארטאג פליט ער אוועק מיטן צוג אין אן אנדער שטאט. מען באדארף זיך אויפהויבן, מען באדארף זיך געזעגענען און אוועקגיין. אבער עס איז שווער: די חברים קענען זיך דאך נישט אפרייסן פון דעמדאזיקן צדיק־רעוואלוציאנער, וואס קען נאר ריידן מיט די אויגן און נישט מיט דער צונג און וואס האט א שעמעדיק שמייכעלע אויף די ליפן.

אויב אבער דאָס איז שווער פאר די חברים, איז עס פֿאַר אברהמען נישט שווער. ביי אים הייסט עס אָפּגערוט. זיך געזען מיט חברים, פֿאַרבראַכט, „גערעדט“, און איצט דאַרף מען לויפֿן אין אַן אָרט, ווו ער האָט נאָך צו נעמען אַ פּעקעלע און ווען ער קען כאַפּן אַ דרעמל מיט איין אויג, און פֿון דאָרט—מאַרש צו דער באַן.

און אָט הויבט ער זיך אויף און געזעגנט זיך און שמייכלט, אָבער זיינע אויגן פֿאַרציילן שוין נישט, נאָר אַ שטום פּייערל טוקט זיך פֿון זיי.

— ברידער, — שעפּטשעט ער, — איינציקווייז זאָל מען גיין. און איך וועל גיין דער ערשטער...

און ער גייט אַוועק דער ערשטער אין דער נאַכט אריין, אַ הויכער מיט שמאָלע אקסלען און שנעלע, שטיל-קלינגענדיקע טריט פֿון אַ קאָנספּיראַטאָר.

IV.

אָבער אברהם האָט זיך דאָך געענדערט.

ער האָט דערהערט פֿערזענלעכע קלאַנגען אין זיין נשמה און האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. עס איז געווען די זעלבע קדושה און דער זעלבער ברען און די זעלבע רעוואָלוציאָנערע צדקות, אָבער אין די דאָזיקע מעלות, וואָס האָבן אים אַזוי ראש אַרויפֿגעשלעפּט אויף די העכסטע טרעפּלעך פֿונם פּאַרטיי-לייטער, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ צווייטקייט און אַ ציטער.

צי דאָ איז שולדיק געווען אַ פֿרילינג-נאַכט, צי די ראָמאַנטיק פֿון זיין קאָנספּיראַטיווער אַרבעט, צי די מידקייט פֿאַר דער לעצטער צייט, צי גאָר די יאָרן (ער איז שוין נישט יונג געווען),— נאָר ער האָט פּלוצלינג דערזען די פֿרוי. די פֿרוי מיט איר קלינגענדיקן געלעכטער, מיט איר רייצנדיקן לייכטזין, מיט איר פֿיינער רונדער באַוועגונג.

עס איז זיכער געווען אַ געוואַלטיק טראַגישער מאָמענט פֿאַר אברהמען, ווארום ער האָט זיך נישט געקענט טיילן: אַ העלפֿט פֿאַר זיין ארבעט און אַ העלפֿט פֿאַר דער פֿרוי. ער האָט זיך געקענט אָפּגעבן נאָר אינגאַנצן — אָדער אהער, אָדער אהין. ער האָט נישט געוווּסט פֿון האַלבע געפֿילן און האַלבע וועגן— און איז געבליבן שטיין צווישן צוויי געוויטערס.

דער אויסגעצייכנטער קאָנספּיראַטאָר האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט. ער האָט דערהערט אַנדערע קלאַנגען, דאָס אויג האָט אומגערן דערזען נייע פֿאַרבן. די חושים פֿון אַ קאָנספּיראַטאָר האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דינען אַזוי ווי פֿריער, און ער איז אַריינגעפֿאַלן.

אברהם איז אַרעסטירט געוואָרן, און ער איז געקומען אין תפיסה מיט אַ שווער געמיט און מיט פּיינלעכע איבערלעבונגען.

אינם רעכטן מיטן קאַמף צווישן פֿרוי און קאָנספּיראַציע, צווישן ליבע און „בונד“, אַזוי צו זאָגן, איז אויסגעוואַקסן די תפיסה, און דאָרט, אינם טויטן שטילשווייגן, צווישן פֿיר ווענט, אויג אויף אויג מיט זיך, איז לייכטער געווען צו באַשליסן: די פֿרוי האָט געזיגט...

אברהם איז אָבער געווען אַ שלעכטער מאַטעריאַל פאַר ליבע און דער עיקר—פאַר אַ פערזענלעך לעבן. ליבע איז אַ קליין דעספּאָטיש איינג-האַרציג מלוכהלע, וואָס זוכט נאָר אַ ריין עגאָיסטישן תּכלית, און אברהם האָט דאָך נישט געקענט אויסלעשן אין זיך יענע ווייסע פייערלעך, וואָס זיינען אָנגעצונדן געווען אין אים אין דער משיח-שטימונג און זיך נאָכ-דעם שטאַרקער צעפלאַקערט מיטן וווקס פון דער בונדישער אַרבעט. אויסערדעם, איז ער בכלל נישט פעיק געווען זיך איינצושליסן אין די גרויע ד׳ אמות פון אַ באַלעבאַטיש לעבן.

מען האָט באַדאַרפט מיטאַמאָל אומטוישן די געוויינהייטן, סימפּאַטיעס, השגות. דאָס, וואָס איז פריער געווען ווייס, האָט איצט באַדאַרפט אויסזען שוואַרץ, און דאָס, וואָס איז פריער געווען שוואַרץ, האָט באַדאַרפט גע-נאַרן דאָס אויג מיט זיין ווייסקייט.

אָבער דאָס גרעסטע אומגליק איז געווען דאָס, וואָס ער איז באַלד פון אָנהויב צוגעגאַנגען צו דער פרוי מיט אַ צו צאַפּלדיק האַרץ, מיט אַ צו גאַנץ געפיל... מיט אַזוינע זאַכן נעמט מען נישט אויס און מען ווערט על-פי-רוב לעכערלעך.

אברהם האָט נישט אויסגעהאַלטן און זיך איינגעבראָכן, און, אַן איינגעבראָכענער, פאַרלאָרן סיי די פייערלעך פון „בונד" און סיי די ליבע פון דער פרוי.

ער איז אַוועק קיין אַמעריקע, וווהין עס ציען זיך עפּטער פאַרלי-רער און איינגעבראָכענע מענטשן. זיי דאַכט זיך, אַז דאָרט וועלן זיי גע-פינען דאָס אַמאָליקע גלייכגעוויכט און זיך צוריק אַוועקשטעלן אויף די פיס.

אברהמען איז עס נישט געלונגען.

פון אַמעריקע איז ער אפילו אין אַ פּאָר יאָר אַרום צוריק געלאָפן קיין רוסלאַנד מיט דער האָפנונג זיך אַריינצוּוואַרפן אין דער רעוואָלוציאָ-נערער כוואַליע.

עס איז אָבער געווען דאָס 5-טע יאָר מיט נייע קעמפער, נייע קאַמפסמיטלען און נייע לאָזונגען. די רעוואָלוציע איז געגאַנגען מיט מעכ-טיקע טריט, רוישיק זענען געבראָכן געוואָרן די צופעליקע פעסטונגען פון דער אַלטער אָרדנונג, און אויף אברהמען, דעם מענטשן, וואָס האָט אַריינ-געלייגט אַזויפיל כוחות און וואָרעם בלוט אין דער התחלה פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, האָט זיך קיינער נישט אומגעקוקט.

ווער האָט אים איצט געדאַרפט? און צו וואָס האָט ער זיך געטויגט?

ער איז געווען פרעמד און אומפאַרשטענדלעך די נייע מענטשן, און זיי, די נייע מענטשן, זענען אים געווען פרעמד און אומפאַרשטענדלעך.

און, נאָכמער איינגעבראָכן, איז ער אַוועק צוריק קיין אַמעריקע.

די לעצטע האָפנונג איז אים אויסגעלאָשן געוואָרן.

אַרנאָלד.

די ערשטע בונדישע לעגאַלע צייטונגען.

I. די הכנות

דעם 18. נאָוועמבער 1905 האָב איך זיך אומגעקערט קיין ווילנע פון מזרח־סיביר. באַפרייט האָט מיך דער נצחון פון דער רעוואָלוציע, און איפן גאַנצן וועג, אין משך פון דריי וואָכן, האָב איך געפילט איר שאַרפן אָטעם, וועלכער איז אָבער געווען געדיכט אויסגעמישט מיט פינסטערע בלוטיקע מיאַזמען פון דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער אָקטיאַבּרעשער כוואַליע. קיין אירקוטסק זענען מיר געקומען נאָך דער לוויה פון די דערהרגעטע סטודענטן. אויף דער סטאַציע טאַיגאַ, פאַרבייפאָרנדיק טאָמסק, האָבן מיר געהערט די פרטים וועגן דאָס שרעקלעכע פאַרברענען אַ גאַנצן מיטינג אייזנבאַן־אָנגעשטעלטע; אין טולע האָט דער שוואַרצמאהדיקער פריזירער, וואָס האָט אונז ראַזירט, דערציילט גאַנץ רויק, ווי אַזוי די עכט־רוסישע לייט האָבן דאָרטן געמאַכט אַ דעמאָנסטראַציע מיט צאַרישע פּאָרטרעטן און געהרגעט די „זאַבאַסטאָווטשיקעס"; אין מאָסקווע איז נאָך פריש געווען די מעשה מיט דער הריגה פון בוימאַנען, און עס האָבן זיך געפילט די נאָכווייענישן פון דער גראַנדיעזער לוויה־מאַניפעסטאַציע. דאָרטן האָבן מיר געזען צום ערשטן מאָל די באַוואָפנטע „דרוזשינקעס", וואָס זיי איז באַשערט געווען מיט דריי וואָכן שפּעטער צו שפּילן דאָרט אַזאַ גרויסע ראָליע. פאַר אונז אין די אויגן האָט זיך אין מאָסקווע אָנגעהויבן דער אַלרוסלענדער שטרייק פון די פּאָסט־ און טעלעגראַף־אָנגעשטעלטע. אין מינסק האָבן מיר געזען אויפן וואָקזאַל, ווי מען האָט אַריינגעטראָגן אויף אַ בעטל אין וואַגאָן אַ יידישן גימנאַזיסט, וועלכער איז געווען פאַרוווּנדעט בשעת דער באַוווּסטער שחיטה, וועלכע ס'האָט אָרגאַניזירט דער גובערנאַטאָר קורלאָוו.

אין ווילנע האָב איך געטראָפן דעם זעלבן מיש־מאַש פון דערוואָרבענע פרייהייטן און געבליבענע אויף די ערטער זשאַנדאַרמען, פּאָליציי און אַדמיניסטראַציע. עס פלעגן פאָרקומען מיטינגען אין צירק, אין דער יידישער קיך, אין בנין פון „אייזנבאַנקריידל", עס האָט געקאָכט און גערודערט מיט אָרגאַניזירן לעגאַלע פראָפ. פאַריינען, מען האָט געגרינדעט אַרבעטער־קלובן, די אָרטיקע „סעוועראָ־זאַפּאַדנאָיע סלאָוואָ" האָט געשריבן מיט אַ פרייערן לשון. קיין יידישע צייטונג און קיין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע איז דעמאָלט אין ווילנע נאָך נישט געווען.

די מענשעוויקעס האָבן שוין געהאַט אין פּעטערבורג זייער „נאַטשאַלאָ", די באָלשעוויקעס האָבן נאָך מיט צוויי וואָכן פריער געשאַפן אַ טעגלעכע צייטונג אונטערן נאָמען „נאָוואַיאַ זשיזן". די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן האָבן אויך שוין געהאַט אַן אייגענעם אָרגאַן. בלויז דער „בונד" האָט זיך נאָך נישט צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען פון פרעסע. אין דער אמתן אָבער האָט מען וועגן אַ בלאַט

געטראַכט פֿון די ערשטע טעג אָן. פֿאַר אַ שעף־רעדאַקטאָר פֿון דער קומענדיקער מעגלעכער צײַטונג איז באַשטימט געוואָרן דורכן צ.ק. פֿון „בונד" איסאַי לוואָוויטש אײַזענשטאַט [„יודין", „וויטאַלי"], און ווי נאָר איך בין געקומען קיין ווילנע, האָט ער מיך באַזוכט און מיטגעטיילט, אַז איך גיי־אַרײַן אין די רעדאַקציאָנעלע קאָלעגיע.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער מיר פֿאַרגעלייגט אַראָפּצופֿאָרן צוזאַמען מיט אים קיין דווינסק, אין די דעמאָלטיקע רעזידענץ פֿון צ. ק. דאָרטן האָב איך געפֿונען עטלעכע אַלטע באַקאַנטע, וועלכע איך האָב נישט געזען זינט מערץ 1902: „גאָט" [פֿאָרטונאַ], אַרקאַדי קרעמער, „ראַכמיעל" [ווײַנשטיין], „ליבער" [גאָלדמאַן] און „יונה" [קאָיגען]. אַ גאַנץ נײַער מיטגליד פֿון צ.ק. וועלכן איך האָב גאָרנישט געקענט, איז געווען „באַראָן", „מלכיאל", „אַבראַמאָוויטש" [רפאל ריין]. צוזאַמען מיט אײַזענשטאַטן איז דאָס געווען דער דעמאָלטיקער צ.ק. פֿון „בונד". אין דווינסק האָב געטראָפֿן אויך ה. ליטוואַק און אַ צווייטע אומבאַקאַנטע פּערזאָן — „אַלגינען" [נאָוואָמייסקי]. ביידע זענען געווען די געשוואָרענע ליטעראַטן בײַם צ.ק. און די מחברים פֿון אַלע זײַנע אויפֿרופֿן און פּראָקלאַמאַציעס פֿאַר די לעצטע צײַט.

ווען אויף דער זיצונג פֿון צ.ק. איז מען געקומען צו דער פֿראַגע וועגן פּרעסע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דעם פּרט איז עס נאָך נישט ווי געהעריק: ביידע אָרגאַנען, וועלכע מ'האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן, — די ייִדישע טעגלעכע צײַטונג „דער וועקער" און דאָס רוסישע וואָכנבלאַט „עווריייסקי ראַבאָטשי" — קען מען נאָך דערווײַל נישט אַרויסלאָזן, הגם געלט איז דאָ אויף דעם גענוג. די קורצע תּקופֿה פֿון כּמעט אַבסאָלוטער פּרעסע־פֿרייהייט האָט מען פֿאַרזוימט אויסצונוצן, און אָקאָרשט זענען שוין אַרויס די „דערווײַליקע תּקנות" פֿון 24־טן נאָוועמבער, וועלכע פֿאָדערן, אַז יעדער אָרגאַן זאָל אַרויסגיין נישט אַנדערש, ווי מיט אַן ערלויבעניש פֿון דער אַדמיניסטראַציע. בכן מוז געדויערן נאָך אַ פּאָר וואָכן, איידער מען וועט קאָנען צוטרעטן צום אַרויסלאָזן די צײַטונגען. וועגן „עווריייסקי ראַבאָטשי" האָט שוין געהאַט אָנגעגעבן אַ מעלדונג דער אינזשענער קיפּמאַן, אַ מיטגליד פֿון פּעטערבורגער בונדישער גרופּע; דאָס זעלבע האָט וועגן „וועקער" געדאַרפֿט טאָן ד"ר ל. אָרינשטיין, אַ מיטגליד פֿון קיִעווער גרופּע. דאָס רוסישע וואָכנבלאַט האָט געזאָלט אַרויסגיין אין פּעטערבורג, דער ייִדישער „וועקער" — אין ווילנע, פֿאַר אַ רעדאַקטאָר פֿון „י. ר." איז באַשטעטיקט געוואָרן „וולאַדימיר" [„קאָסאָווסקי"], וועלכער איז שוין געקומען פֿון שווייץ קיין פּעטערבורג און האָט זיך צוזאַמען מיט ה. זאַקהיימען [„דימיטרי"] גענומען אָרגאַניזירן די רעדאַקציע און די קאָנטאָר. אָנפֿאַנג דעצעמבער האָט שוין געזאָלט אַרויסגיין דער ערשטער נומער פֿון דער וואָכנבלאַט.

אין גיכן אָבער האָבן זיך אויפֿן הימל באַוויזן פֿינסטערע וואָלקנס. סוף נאָוועמבער האָט מען אַרעסטירט אין פּעטערבורג דעם פֿאָרזיצער פֿון אַרבעטער־ראַט, דעם 2־טן דעצעמבער האָט מען אַרײַנגעזעצט אַלע מיטגלידער פֿון דעם סאָוועט גופֿא, מען האָט פֿאַרמאַכט אַלע צײַטונגען און גלײַך נאָכדעם איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ נײַער אַלגעמיינער שטרייק און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער מאָסקווער אויפֿשטאַנד.

אַזוי אַרום האָט זיך די זאַך מיט די בונדישע צײַטונגען ווידער פֿאַרשלעפּט. אויסער דעם האָט מען דעם 11־טן דעצעמבער פֿאַרמאַכט און פֿאַרחתמעט י. לוריעס דרוקערײַ אין פּעטערבורג, ווו ע

האָט זיך געדאַרפט דרוקן דער „יעוור. ראַב.“ און נאָ עס זענען געלעגן די אָנגעשריבענע אַרטיקלען און אַנדערע מאַטעריאַלן פאַרן וואָכנבלאַט. במילא האָט דער ערשטער נומער ווידער פאַרשפּעטיקט. די ערלויבעניש אויף דעם „וועקער“ האָט מען באַקומען אַן ערך דעם 20-טן דעצעמבער. כּדי צו אונטעראײַלן מיט דער זאַך, איז קיין ווילנע געקומען פון פּעטערבורג, אַלס אַ באַפולמעכטיקטער פון ל. אָרינשטיינען [וואָס איז געווען דעמאָלט אין קיעוו] ח. ע ד ע ל ש ט י י ן, אַ קאַנדידאַט פון נאַטורוויסנשאַפט און אַ לאַבאָראַנט אין פּולקאָווער אָבסערוואַטאָריע. דער ווילנער גענעראַל-גובערנאַטאָר פ ר ע ז ע, איינער פון יענע אַדמיניסטראַטאָרן, וואָס האָבן אויפגענומען אַ ביסל ערנסט דעם מאַניפעסט פון 17-טן אָקטאָבער, האָט אונטערגעשריבן די ערלויבעניש אויפן „וועקער“ און האָט שמייכלענד געזאָגט צו איינעם פון די יידישע כּלל-טוערס [אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז דאָס געווען אַדאָלף גאָרדאָן], אַז היינט האָט ער ערלויבט אַ ב ו נ ד י ש ע צייטונג. דאָס הייסט, ער איז געווען גוט אינפאָרמירט מכּוח דעם, ווער איז ד״ר אָרינשטיין און וואָס אַזיינס וועט זיין דער „וועקער“.

די ערשטע בונדישע לעגאַל-רעוואָלוציאָנערע צייטונגען זענען געבוירן געוואָרן — ווי מיר זעען — נישט אין די הייסע זומער-טעג פון דער רעוואָלוציע, נאָר אין קאַלטן ווינטער, ווען עס האָט שוין געהערשט אַ בראָסט — די שוואַרצע רעאַקציע און דער ווייסער טעראָר. האָפן אויף אַ לאַנגן לעבן ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז געווען שווער, סיידן עס וואָלט נאָר גיך און אומגעריכט אויסגעבראָכן אַ נייער רעוואָלוציאָנערער שטורעם. פאַרן „וועקער“, וואָס איז אַרויס שפּעטער, ווי „יעוור. ראָב.“, איז דעם לעצטנס מזל געווען אַ ביטערע אָנצוהערעניש. דער ערשטער נומער פון „י. ר.“ איז געווען אויך דער לעצטער. פאַר קאָפּאָווסקיס אַרטיקל „פּיראָוואַ פּאָביעדאַ“, ווו ער האָט באַטראַכט דאָס דערשטיקן דעם דעצעמבער-אויפשטאַנד אין מאָסקווע, ווי אַ „נצחון פּירוס“, ד. ה. ווי אַזאַ נצחון, וואָס איז נישט בעסער, ווי אַ מפּלה און וואָס נאָך איר מוז קומען די מפּלה, האָט מען די וואָכנשריפט קאָנפיסקירט, פאַרמאַכט ביזן משפּט. און אַז עס איז שפּעטער געקומען דער משפּט, האָט דער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר קיפּמאַן באַקומען דריי יאָר טורמע. ער האָט זיך געראַטעוועט פון געפענגעניש נור אַ דאַנק דעם, וואָס ער איז גלייך נאָך דער קאָנפיסקאַציע אַנטלאָפן קיין לאָנדאָן, ווו ער האָט זיך יאָרן-לאַנג געוואַלגערט, ווי אַן עמיגראַנט, און שרעקלעך געהונגערט מיט זיין פאַמיליע.

די הכנות צום אַרויסגעבן דעם „וועקער“ זענען געווען אין פולן גאַנג. אַוועקשטעלן אַ גרויסע טעגלעכע צייטונג איז בכלל נישט קיין גרינגע זאַך. אַ סך שווערער איז געווען איינצואָרדענען אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישע צייטונג און נאָך מער — אַ יידישע בונדישע צייטונג; און באַזונדערש אַ שווערע אויפגאַבע איז דאָס געווען צום ערשטן מאָל פאַר אַזעלכע מענטשן, וועלכע האָבן נישט געהאַט די נייטיקע ערפאַרונג און זענען געוווינט געווען צו אַרבעטן נאָר אין די אומלעגאַלע נישט רעגולערע אויסגאַבן, ווי למשל „די אַרבעטער-שטימע“. מען האָט געדאַרפט אָרגאַניזירט אַ רעדאַקציע, אַ קאָנטאָר, אַן עקספּעדיציע, באַקומען אַ דרוקעריי, צונויפקלייבן דעם שטאַט ליטעראַטן, כראָניקערן, איבערזעצער; קאָרעספּאָנדענטן אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד. און מען האָט דאָס געדאַרפט אַוועקשטעלן אַזוי, אַז דער אַפּאַראַט זאָל גלייך ביים ערשטן דריי פון ראָד אָנהויבן צו אַרבעטן כּסדר, אָן

שטערעניש, אָן האַקלונגען און אָן הפסקות.

דער שעף־רעדאַקטאָר פון קומענדיקן בונדישן הויפּט־אָרגאַן, ח' [illegible]יזענשטאַט, איז געווען די אמתע נשמה פון בלאַט, ער האָט געהאַט אַ ביסל טעכנישע דערפאַרונג און אַ שטיקל פּראַקטישן באַגריף וועגן אַרויסלאָזן אַ טעגלעכע צייטונג, מחמת די לעצטע חדשים האָט ער געאַרבעט אין „בעווערא־זאַפּאַדנאָיע סלאָוואָ"; ער האָט געוווּסט, אַז פריער פאַר אַלץ דאַרף מען האָבן גענוג מיטאַרבעטער. ער אַליין פלעגט שרייבן ווייניק און צופיל פייען אויף זיך האָט ער נישט געוואָלט.

מען דאַרף מודה זיין, אַז דער צ.ק. פון בונד האָט אויף דעם קומענדיקן אָרגאַן געקוקט, ווי אויף זיין הויפּט־אויפגאַבע, וואָס איר דאַרף מען אָפּגעבן אַלע נייטיקע כוחות. ער האָט מאָביליזירט אַלע מיטגלידער, וואָס קאָנען נאָר האַלטן אַ פען אין האַנט. ער האָט אַרויסגערופן כמעט דעם גאַנצן פּערסאָנאַל, וואָס האָט יאָרן־לאַנג באַדינט דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד, און האָט אַוועקגעגעבן זיינע אייגענע געשווירענע ליטעראַטן. זיי האָבן אַלע אָנגעהויבן צוזאַמענצוקלייבן זיך אין ירושלים דליטע.

עס איז געקומען ח. ליטוואַק, וועלכער האָט פון ערשטן טאָג אָן און ביז דעם לעצטן, אין אַ משך פון צוויי יאָר, גענומען דעם נאָענטסטן אָנטייל אין דער צייטונג. זיין ספּעציאַליטעט איז געווען פּאָליטישע אַרטיקלען אויף לויפנדיקע טעמעס, וועלכע האָבן זיך געדרוקט גלייך נאָכן לייט־אַרטיקל און „יידישע טעמעס": פּאָלעמיק מיט די „דערגרייכער", מיט די ציוניסטן און אַז. וו. אָפטער פאַר אַלץ פלעגט ער זיך אונטערשרייבן מיט די איניציאַלן „א. ל.". אַמאָל פלעגט ער אַרויסשלעפן זיין אַלטן פּסעוודאָנים „חיה זעלדעס" פון די „ווינטער־אָוונטן"־צייטן.

עס איז געקומען ח. א. אָלגין, אַ געוועזענער קיעווער סטודענט, אַ יידישער פּאָעטישער פּובליציסט אָדער אַ פּובליציסטישער פּאָעט, זיין ספּעציאַליטעט איז אייגנטלעך געווען די זעלביקע, וואָס ביי ליטוואַקן — קליינע פּאָליטישע איבערזיכטן און אַמאָל אַ „יידישע טעמע". נאָר ער פלעגט אָפטמאָל זיך אַריינלאָזן אין זיינע פּאָעזיע, אָנשרייבן אַ שטיקל בעלעטריסטישע דערציילונג, אָדער אַ געדיכט. אין זיינע אַרטיקלען האָט שטענדיק געזידט, געקאָכט, געברענט, געבלאַקערט און געשטראַלט. ער האָט דעמאָלט אָפטמאָל געליטן אויף אַנפאַלן פון אַסטמע, פלעגט אויף עטלעכע טעג ווערן נישט־אַרבעטס־פעיק און ליגן ביי זיך אין צימער, ווי אַ געשטאָרבענער. זיינע אַרטיקלען פלעגט ער שרייבן אין רעדאַקציע אָדער — אָפטער — בריינגען פאַרטיקע פון דערהיים. ער פלעגט זיי אונטערשרייבן פאַרשיידן: „אָלגין", „ג." [נאָוואָמיסקי], „מ." [משה], „יוסף", „יוסף ניימאַן", „דער עוויג יונגער". ער אַליין האָט מער פאַר אַלץ געהאַט דרך־ארץ צום פּסעוודאָנים „אָלגין" און דעם בעסטן פון די 2—3 אַרטיקלען, וואָס ער פלעגט טעגלעך געבן, פלעגט ער דעריבער אונטערחתמ'ענען מיט „אָלגין" און די ווייניקער, לויט זיין מיינונג, געלונגענע, פלעגט ער אונטערשרייבן אַנדערש: „מ" אָדער ג.

געקומען איז אויך ח. ב. לעווינסאָן, אַ סטודענט מעדיקער פון די לעצטע קורסן, וואָס האָט זיך געלערנט אין דער שווייץ. נישט לאַנג פאַר דעם האָט דער „בונד" אַרויסגעלאָזן זיינע צוויי פּאָפּולערע בראָשורן: „די קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג" און „די קאָנסטיטוציע און אונזער פּראָגראַם". אינטערעסירט האָט ער זיך מער פאַר אַלץ מיט דער פראַגע פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע און ער האָט זיך שפּעטער גענומען באַאַרבעטן די טעמע אין

„וועקער“ און „פֿאָלקסצייטונג“. די ערשטע טעג, ווען דער „וועקער“ האָט שוין אָנגעהויבן אַרויסצוגיין, האָט ער זיך געפֿילט גאָר נישט צוגעפּאַסט צו דער אַרבעט. אין גיכן אָבער האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַן אויסגעצייכנטן סעקרעטאַר פֿון רעדאַקציע, און אויף דער דאָזיקער שטעלע האָט ער געהאָרעוועט פֿון אין דערפֿרי ביז שפּעט ביינאַכט אָנדערהאַלבן יאָר צייט. אויסערגעוויינלעך גוטמוטיק, איז ער געווען אַ זעלטענער חבר. זיינע אַרטיקלען פֿלעגט ער אונטערשרייבן „ב—סקי“ און מען האָט אים דערפֿאַר גערופֿן „בענסקי“. אַז עס איז דאָ „אַן—סקי“, דאַרף פֿאַרשטייט זיך זיין אויך אַ בענסקי. ער האָט אויך אויף זיך גענומען די אָפּטיילונג „פֿון אויסלאַנד“ און אָפֿטמאָל האָט ער געגעבן איבערזיכטן וועגן לעבן פֿון אויסלענדישע אַרבעטער.

ווי אַ ספּעציאַליסט אויף ייִדישע ענינים איז אָנגעקומען אין רעדאַקציע ה. י. בלומשטיין, אַ דאָקטאָר כעמיע, אַ פּריוואַט-דאָצענט אין איינעם פֿון די שווייצערישע אוניווערזיטעטן; אין יעדן נומער פֿון „וועקער“ און „פֿאָלקסצייטונג“ פֿלעגט ער זיך רייסן, בייסן, קריגן, שלאָגן, רייצן און פּאָלעמיזירן מיט דערגרייכער, מיט ציוניסטן, פּועלי-ציוניסטן, ציון-סאָציאַליסטן מיט דובנאָוון, מיט זשאַבאָטינסקי, מיט סאָקאָלאָוו, — אין באַזונדערע אַרטיקלען און אין דער אָפּטיילונג „פֿון דער פּרעסע“. זיין פּסעוודאָנים ביים אַריינטרעטן אין „וועקער“ איז געווען „אַ ייִד“, נאָר אין גיכן האָט ער זיך געגעבן נייע נעמען — „בלומין“ און „פּרומין“. אַזוי ווי „אָלגין“, „אַנין“, „לענין“ און פֿיל אַנדערע, שטאַמען זיי פֿון אַ ווייבערשן נאָמען, דעמאָלט איז דאָס געווען אַזאַ מנהג אין דער ליטעראַטור.

מען האָט אַרויסגערופֿן קיין ווילנע אויך דעם ה. מ. טערמאַן, דעם מחבר פֿון דער באַוווּסטער בראָשור „רעליגיע און סאָציאַליזם“. ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט צופּאַסן צו דער צייטונג. ער האָט פּרובירט נעמען פֿאַר זיך די אָפּטיילונג „פֿון דער פּראָווינץ“, נאָר מער ווי צוויי וואָכן האָט ער נישט אויסגעהאַלטן. ער איז געוואָרן קראַנק און איז אָפּגעפֿאָרן.

מען האָט אַראָפּגעבראַכט פֿאַרן „וועקער“ אויך ה. ב. האָפֿמאַן. ער האָט געוווינט די לעצטע צייט אין ריגע און איז געווען אַ מיטאַרבעטער פֿון „פֿריינד“. מען האָט אים געהאַלטן — און גאַנץ ריכטיק — פֿאַר אַ גוטן ייִדישן סטיליסט. זיין אויפֿגאַבע איז געווען אויסצופּאַריכטן ביי די מיטאַרבעטער פֿון „וועקער“ די שפּראַך אין די אָרטאָגראַפֿיע און צוגעבן זיי אַן איינהייטלעכן כאַראַקטער. נאָכן אָפּפֿאָרן פֿון טערמאַנען, האָט ער גענומען אויף זיך זיין אָפּטיילונג „פֿון דער פּראָווינץ“ און פֿלעגט אויך פֿון צייט צו צייט אָנשרייבן אַ הומאָריסטישן קליינעם פֿעליעטאָן „מכּח דאָס אין יענץ“ און טאַקע אונטער אַזאַ קעפּל. זיין אונטערשריפֿט איז געווען: „צביון“. אַמאָל פֿלעגט ער זיך פֿאַרבייטן אויף „איש תקוה“.

עס איז אויך אַריבערגעפֿאָרן קיין ווילנע מיט זיין פֿאַמיליע ה. טיומין. אין דער שווייץ, ביים אויסלענדישן קאָמיטעט פֿון „בונד“, האָט ער געאַרבעט, ווי אַן איבערזעצער פֿון ערשטן טאָג און אויף דעם זעלביקן פּאָסטן האָט מען אים מאָביליזירט פֿאַרן „וועקער“. דאָ האָט ער געהאַט אַ שטענדיקע אָפּטיילונג — די כראָניק, און ער פֿלעגט זי גאַנץ גוט צוזאַמענשטעלן. כּדי צו באַקומען די מאָסקווער „רוסקאָיע סלאָוואָ“, וואָס האָט געהאַט אַ סך אייגענע פּרישע טעלעגראַמעס, נישט אויף דעם דריטן טאָג, נאָר אויפֿן צווייטן, האָבן מיר שפּעטער אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלן וועג. אונדזער אַגענט אין מאָסקווע פֿלעגט אַריינוואַרפֿן די צייטונג אין שנעלצוג אויף רעזשיצע, וואָס פֿלעגט אָפּגיין אין דער-

פּר", אין דער אַנדערער אַגענט, אין רעדיציע, פלעגט דרײַ בײַנאַכט באַקומען די צײַטונג איבער וואָקזאַל און מיט אַ האַלב שעה שפּעטער אַראָפּלאָזן זי אין פּאָסט־קעסטל פון דעם שנעלצוג אויף ווילנע. מיר פלעגן די צײַטונג האָבן בײַ זיך אַרום איינס בײַטאָג. טיומין איז געווען דער בעסטער איבערזעצער פון לייט־אַרטיקלען און פון אַנדערע זאַכן. אויסער דעם פלעגט ער שפּעטער פון צײַט צו צײַט אָנשרײַבן קליינע פעליעטאָניסטיקעס מיטן אונטערשריפט „פּאַשין" און „עמיראָן".

אַלס איבערזעצער האָבן אויך געאַרבעט ה. ירושלמי (שמואל עבראַס), וואָס האָט זיך גערופן אַזוי, ווײַל זײַן טאַטע איז אַרויסגעפאָרן קיין ארץ־ישראל און ה. באַקקין, אין וועמענס נאָמען ס׳איז שפּעטער אָרגאַניזירט געוואָרן אונזער אייגענע דרוקערײַ.

די גאַנצע שווערן האָט זיך מיט איין וואָרט צונויפגעקליבן אין ווילנע אַרום דעם „וועקער".

די „שווערע אַרטילעריע" דאָס זענען געווען אײַנשטאַט און איך. אונזער שעף האָט אָבער געשריבן ווייניק, ערשטנס, ווײַל ער איז געווען פאַרנומען מיט רעדאַקציע און טעכניק, צווייטנס, ווײַל ער פלעגט בכלל שרײַבן נישט קיין סך און דריטנס, ווײַל מען האָט אים אין גיכן אַרעסטירט. ער האָט אָנגעשריבן אינגאַנצן צוויי לייט־אַרטיקלען אין נומער 1 און אין נומער 4, ביידע אָן אונטערשריפטן. וואָס אָנבאַלאַנגט מיך, האָב איך זיך דעמאָלט זייער אינטערעסירט מיט דער פאַרגלייכעניש פון פאַרשיידענע רעוואָלוציעס. די ערשטע רוסלענדער רעוואָלוציע האָט געגעבן דערצו גענוג שטאָף. דאָס איז געווען מײַן ליבלינגס־טעמע און ה. ירחמיאל האָט איראָניזירט, אַז כמעט אין יעדער מײַן אַרטיקל דערמאָנען זיך די יאָרן 1848, 1789 און דאַסגלײַכן. איך האָב אויך געשרײַבן אויף אַלגעמיינע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע טעמעס און פון נומער 17 אָן פלעג איך אין אַ משך פון כמעט צוויי יאָר רעגולער צושטעלן אַ טאָג איבער אַ טאָג לייטאַרטיקלען. זיי זענען געווען אָן אונטערשריפטן. די איבעריקע אַרטיקלען זענען געווען געחתמעט „פ", „ר", „פ. א." „פ. א—ן" און „א".

אַלע מיטאַרבעטער פון „וועקער" האָבן נישט געטאָרט אָנטיילנעמען אין דער אָרטיקער באַוועגונג, כדי נישט צוציען די אָכראַנקע צו דער צײַטונג און פאַרקערט, נישט צו פאַרשלעפּן צו דער אָרגאַניזאַציע די שפּיאָנען, וועלכע האָבן געהיט די רעדאַקציע. שווערער פאַר אַלעמען איז דאָס געווען דורכצופירן בנוגע ל י ט וו אַ ק ן. קוים קוים האָט מען דאָס בײַ אים געפּועלט. פאַרשטייט זיך, האָט ער דאָס קיינמאָל נישט אָפּגעהיט.

פאַר דער רעדאַקציע מיט דער קאָנטאָר צוזאַמען האָט מען געפונען און געדונגען אַ דירה אויף מילאָנע גאַס, הויז נומער 3, וווינונג נ. 7. זי איז באַשטאַנען פון דרײַ צימערן, אין דעם פאָדערשטן חדר האָט מען אײַנגעאָרדנט די קאָנטאָר, און די הינטערשטע צוויי חדרים — די רעדאַקציע. פאַר אַן אָרגאַניזאַטאָר און שעף פון דער קאָנטאָר איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן מאַקס מ אַ ז אָ וו ע ר (מאַקס ביעלי). ער האָט אײַנגעפירט בײַ זיך אַ טעראָריסטישן רעזשים און פלעגט אַזוי אומפרײַנדלעך אויפנעמען די בונדישע חברים, וועלכע האָבן געוואָלט פון די ערשטע טעג אָן פאַרוואַנדלען די דירה אויף מילאָנע אין אַ פּאַרטייאישן קלוב, און אַן אָרט פאַר באַגעגענישן, אַז אַ פחד פלעגט אַרויספאַלן אויף די באַזוכער. ביכהאַלטער איז געווען „דימיטרי" (זאַקהיים), קאַסירערין — זײַן שוועסטער פאַני; אין דער עקספּעדיציע איז געזעסן „וואָלאָדיאַ" (יעווזעראָוו). דער טעכנישער פאַרבינדער צווישן רעדאַקציע און

דרוקעריי [פון ברידער און אַלמנה ראָם] איז געווען איטר דראַבקין. ער האָט אויך געהאַט צו טון מיטן צענזאָר. דער שטאַט זעצער פאַרן „וועקער" איז געווען אונזערער, שכירות פלעגן זיי באַקומען פון דער ציטונג, נישט פון ראָמען; קאָרעקטאָר איז געווען ח. פייסאַכזאָן [„אַן אַלטער באַקאַנטער"], אַ טיכטיקער בונדישער טוער.

דאָס סיסטעם פון באַלוינונג פאַר די מיטאַרבעטער איז אָנגענומען געוואָרן אַן עכט=קאָמוניסטישע. אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער רעדאַקציע האָט מען באַרעגלייגט און באַשטעטיקט אייניהייטלעכע שכירות פאַר אַלעמען — צו 50 רובל מאָנאַטלעך, סיי פאַר באַווייבטע, סיי פאַר בחורים. קיין באַזונדער האָנאָראַר פון שורה האָט נישט עקזיסטירט. אַן אויסנאַם האָט מען געמאַכט בלויז פאַר צביונען, ווייל ער האָט פאַרן קומען קיין ווילנע געשטעלט אַ תּנאַי — צו באַקומען געהאַלט נישט ווייניקער, ווי 125 רובל אַ חודש. ער פלעגט אויף אַזאַ אופן האָבן דריטהאַלבן מאָל מער, ווי דער שעף=רעדאַקטאָר.

מען האָט זיך צונויפגעשריבן מיט די חברים, וואָס זענען געבליבן אין אויסלאַנד, אַז זיי זאָלן ווערן שטענדיקע קאָרעספּאָנדענטן פאַרן „וועקער". פון לאָנדאָן האָט רעגולער געשיקט אינטערעסאַנטע קאָרעספּאָנדענציעס ח. ת. ראָטשטיין, פון פּאַריז האָט אַ ביסל שפּעטער אָנגעהויבן צו שרייבן „מאַקסימאָוו" [אָגוז], פון בערלין פלעגט קאָרעספּאָנדירן אייסנער [א. ק.] און בוסיק קרענצעל, אַ סטודענט. דער טרייער „פראַניק" [אויך באַקאַנט אַלס „שמיט", „קורסקי"], וואָס איז פאַרבליבן פון יענער זייט גרענעץ, האָט באַקומען צוזאָגן צו שרייבן פאַרן בלאַט פון קאַרל קאַוטסקי, בעבעל, ליבקנעכט און פיל אַנדערע.

אין די ערשטע נומערן פון „וועקער" איז געווען אָפּגעדרוקט אַ לאַנגע רשימה פון מיטאַרבעטער און קאָרעספּאָנדענטן. איך ברענג זי דאָ אינגאַנצן און אָן קיינע פאַרענדערונגען, ווייל זי האָט אַן אינטערעס.

אין דער ציטונג האָבן געדאַרפט נעמען אַן אָנטייל:

אַבראַמאָוויטש ר. [פסעווד.], איזביצקי י. [בעל ברית], אָרינשטיין ל., אייזנשטאַט י. בערג מ. [פסעווד.], בערנשטיין ל. [ל—קא], בלומשטיין י. [אַ ייִד], ב—סקי ב. [פסעווד.], גאָזשאַנסקי ש., דעוועניִשסקי י. [נ. אַנין], אַלפערן מ., האָפמאַן ב. [צביון], הייליגמאַן מ., ווינאָקור מ., זאַסלאַווסקי ד. [האָמונקוליס], טייטש מ., טערמאַן מ., לונין מ., ליבער מ. [פסעווד.], ליטוואַק אַ. [פסעווד.], מיצקון ד., מעדעם וו., נאָוואָמינסקי מ. [אָלין], נאַחימזאָהן מ., נעמאַנסקי א. [פסעווד.], פרומקין ב., פרומקין מ., קאָסאָווסקי וו. [וולאַדימיר], ראַבינאָוויטש שרה ראָזענטאַל פּ. און נ. אַ.

אויסער דעם האָבן צוגעזאָגט זייער מיטהילף: אַש ש., נאָרקין מ., טשיריקאָוו ע., נאָמבערג ה., פרץ י. ל., רייזען אַ.

פון די אויסלענדישע חברים וועלן נעמען אַן אָנטייל אין דער ציטונג:

פון אַמעריקע: אַלעקסאַנדראָוו [סאָרע=ריוועס], וואַלט אַ. [ליעסין], ווינטשעווסקי מ. [דער משוגענער פילאָזאָף], סטאָן נ., פאָרנבערג ק., פינסקי ד., פעסקין ש., קאָברין ל.

פון דייטשלאַנד: אייסנער ק., בעבעל א., גראַדנייער ק., ליבקנעכט ק., מאָלקענבור, מעהרינג פ., פפאַנקוך, קאַוטסקי ק.

פון פראַנקרייך: בראָקע, וואַליאַן, לאַפאַרג פּ., קריטשעווסקי ב.

פון ענגלאַנד: ראָטשטיין ט.

אַ באַדייטנדער טייל פון די דערמאָנטע אין דער רשימה חברים און ליטעראַטן האָבן פאַר דער ציטונג קיין איין שורה נישט אָנגעשריבן. דערפאַר זענען צוגעקומען שפּעטער פיל אַנדערע מיטאַרבעטער, וואָס זענען דאָ נישט דערמאָנט.

און דעם זעלביקן טאָג, װען עס האָט זיך באַקומען די ערלויבעניש אויפן „װעקער", האָט אײזענשטאַט צוזאַמענגעקליבן די נאָענטסטע מיטאַרבעטער אין אַ קאַפּע אויף ברײטער גאַס, כדי צו באַטראַכטן עטלעכע פּראַקטישע פראַגן. עס איז געװען דאָ אויך ח. ע ד ע ל ש ט ײ ן, װאָס איז געקומען פון פּעטערבורג. מען האָט גערעדט, צװישן אַנדערע, אויסאַרבעטן אַ דעקלאַראַציע, װעלכע זאָל אויפקלערן די פיזיאָנאָמיע פון דער צײטונג; הגם עס איז געקומען שוין אַ פינסטערע צײט, האָט מען דאָך נישט געדאַרפט באַהאַלטן זיך, פאַרשלײערן דעם בונדישן כאַראַקטער פון אָרגאַן. יעדער פון אונז האָט גענומען אַ שטיקל פּאַפּיר און אַ בלײשטיפט און האָט פּרובירט אָנצושרײבן אַזאַ דעקלאַראַציע. אָבער עס פלעגט בײ יעטװעדן אַרויסקומען אָדער צו לאַנג, אָדער צו שװאַך. סוף כל סוף האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויף אַזאַ פאָרמולירונג, װאָס עס האָט פאָרגעלײגט אײזענשטאַט: „אונזערע פּרינציפּן זענען די פּרינציפּן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, אונזער פּראָגראַם איז די פּראָגראַם פון דעם א ל ג ע מ ײ נ ע ם י י ד י ש ן א ר ב ע ט ע ר-ב ו נ ד א י ן ל י ט ע, פ ו י ל ן א ו ן ר ו ס ל א נ ד („בונד"). אונזער ציל איז מיטהעלפן דער אַנטװיקלונג פון דעם קלאַסן-באַװוסטזײן פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט".

מיט דער דאָזיקער דעקלאַראַציע, אין װעלכער דער לאַנגער נאָמען פון „בונד" איז געװען אויסגעזעצט מיט קידוש-לבנה-אותיות, איז אַרויס דער ערשטער נומער פון „װעקער", און זי האָט זיך איבערגעחזרט אין אים יעדער טאָג ביז דעם 1-טן יאַנואַר (נומער 9). נאָכדעם איז זי פאַרשװונדן געװאָרן אויף אײביק. די קאַלטע װינטן האָבן אָנגעהויבן דעמאָלט בלאָזן אַזוי שטאַרק, אַז מיר האָבן געפונען פאַר אוממעגלעך צו רײדן װײטער מיט אַזאַ אָפענער שפּראַך. דעם זעלביקן טאָג איז געקומען פון פּעטערבורג דער עקס-שעף פון פאַרמאַכטן „עװר. ראַב." און מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז אַרעסטירט געװאָרן דער שעף-רעדאַקטאָר פון „װעקער", ד ר' א ײ ז ע נ ש ט א ט.

II. דער ערשטער נומער „װעקער".

דעם 25-טן דעצעמבער, איז געבוירן געװאָרן דער ערשטער נומער „װעקער". געװאַרט האָט אויף אים דער עולם מיט גרויס אומגעדולד, און מען האָט געלײגט אויף אים אַ סך מער אויפמערקזאַמקײט און מי, װי אויף די קומענדיקע נומערן. אַרויס איז ער אין זעקס זײטן און מיט אַ זײער רײכן אינהאַלט. ער האָט זיך אָנגעהויבן מיט צװײ ברײטע מודעות װעגן אַבאָנאַמענט אויפן „װעקער" און „עװרײסקי ראַבאָטשי". אין אַ קורצן אָנהײב „פון דער רעדאַקציע" האָט זיך געשריבן: „שפּעטער פון אַלעמען זענען מיר אַרויסגעטראָטן מיט אונזער לעגאַלן פרײען װאָרט. אַ גאַנצע רײע פּאָליטישע און פּאָליציײאישע שטערונגען, װי דער נײער געזעץ פון „פּרעסע-פרײהײט", די שטענדיקע פאַרדעכטיגונג פון פּאָליצײ א.ד.גל., װי אויך פיל טעכנישע אורזאַכן: דאָס, װאָס עס פעלט די נײטיקע שריפט אַ ראָטאַציאָנס-מאַשין א.אַז.װ. א.אַז.װ. דאָס אַלײן האָט אונז געמאַכט פיל שטערונגען אויף אונזער װעג. צוליב טעכנישע אורזאַכן זענען מיר אויך געצװונגען אַרויסלאָזן די ערשטע נומערן פון אונזער צײטונג אָן נקודות. אָבער מיר האָבן אָנגענומען אַלע מעגלעכע מיטלען צו באַזײטיקן די אַלע מניעות. און אונזער צײטונג װעט זיך מיט יעדן טאָג איבערבעסערן אין אַלע אופנים".

דער לײט-אַרטיקל מיטן קעפּל „אונזערע צילן", אָן אַ אונטערשריפט, איז געװען אָנגעשריבן פון אײזענשטאַטן. ער האָט גע-

נומען די דריי פריער דערמאָנטע טעזיסן, וואָס זענען געשטאַנען אין דער מידעה וועגן „וועקער“, אַז אונזערע פּרינציפּן זענען די פּרינציפּן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ס.-ד. א.אַ.ה., און האָט זיי איסגעטייטשט אין אַ גרויסן אַרטיקל. דעם צווייטן אַרטיקל, אויך אָן אַן אונטערשריפט, מיטן קעפּל „די געזעלשאַפטלעכע קלאַסן אין דער רעוואָלוציע“ האָב איך אָנגעשריבן. צוויי אַרטיקלען מיט זיינע איניציאַלן [א.ל.] האָט געגעבן ליטוואַק, איינעם אַ פּאָליטישן, דעם אַנדערן אויף אַ יידישע טעמע. „אַ טריט נעענטער צו באַנקראָט“ — דאָ האָט זיך גערעדט וועגן דעם פאַקט, אַז דער „גאָלדענער פאָנד“ פון דער מלוכה האָט זיך פאַרקלענערט אויף 140 מיליאָן רובל. אין דעם צווייטן — „ביי די דערגרייכער איפן צוזאַמענפאָר“, מיטן אונטערקעפּל: 1. „אונזערע ליבעראַלן“, האָט ח. ליטוואַק געגעבן אַן אָפּשאַצונג פון צוזאַמענפאָר. אַלגין האָט אָנגעשריבן צו דעם נומער גאַנצע דריי אַרטיקלען: איינער אונטערן נאָמען „אַ נייע ביטש“ איז געווען אַ גע-פּעפּערטע קריטיק פון די דערוויילקע תקנות פון 2-טן דעצעמבער וועגן שטרייקן און פון „אוקאַז“ פון 11-טן דעצעמבער, וועלכער האָט איבערגעגעבן דעם קאַמף קעגן די איזנבאַן-שטרייקן אַ הויי-קאָמיטעט פון איזנבאַן-פאַרוואַלטער, מיליטער-אָפּי-צער און זשאַנדאַרמסקען. דער צווייטער אַרטיקל מיטן קעפּל „נייע לאַטעס אויפן אַלטן בגד“ האָט געטענהט וועגן נייעם וואַל-געזעץ פון 11-טן דעצעמבער, אין דעם דריטן אַרטיקל האָט אַלגין דער-קלערט, „וואָס באַווייזט דער מאָסקווער אויפשטאַנד“. ער באַווייזט, ערשטנס, אַז דער גאַסן-קאַמף איז נישט קיין חלום; צווייטנס, אַז אין דער שטאָטישער קליינ-בורזשואַזיע איז פאַראַן אַ גרויסער זאַפּאַס רעוואָלוציאָנערער ענערגיע און, דריטנס, אַז אויף דעם גרעסטן טייל סאָלדאַטן האָט די רעגירונג בשעת הדחק ווייניק זיך געקאָנט שטיצן.

י. בלומשטיין האָט געגעבן מיטן אונטערשריפט „אַ ייד“, אַ פּאָלעמישן אַר-טיקל: ה. דובנאָוו וועגן די חטאים פון „בונד“. ת. ראָטשטיין האָט צוגע-שיקט זיין ערשטע קאָרעספּאָנדענץ פון לאָנדאָן, דייער לעבעדיק אָנגעשריבן אויף דער טעמע: „ענגלאַנד און די רוסישע רעוואָלוציע“.

קאַרל קאַוטסקי האָט ספּעציעל אָנ-געשריבן פאַרן „וועקער“ אַ גרויסן אַרטיקל „אַלטע און נייע רעוואָלוציעס“, וועלכער איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אין ערשטן נומער אין פעליעטאָן, צוזאַמען מיט זיין באַגריסונגס-בריוו. „ווערטע חברים! — האָט ער אין דעם דאָזיקן בריוו געשריבן — מיט פרייד האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער-בונד טרעט-צו אַרויסצוגעבן אַ טעגלעכע ציטונג. נאָכמער, ווי יעדער אַנדערער פּראָלעטאַ-ריאַט נייטיקט זיך איצט דער יידישער פּראָ-לעטאַריאַט אין רוסלאַנד אין אַ שאַרף געווער, און אַ טעגלעכע ציטונג איז איינס פון די וויכטיקסטע געווערן אין דעם קלאַסן קאַמף פון היינטיקער צייט... איך שיק אַ ברידערלעכן גרוס דעם נייעם אָרגאַן פון בונד“*].

פאַר אַ קליינעם פעליעטאָן איז אַריינגע-שטעלט געוואָרן אַן איבערזעצונג פון י. טשיריקאָווס וויציקער מעשהלע „אָן אָדלער און אַ הון“, וואָס איז געווען געדרוקט אין נום. 1 פון „נאָוואַיאַ זשיזן“.

אַסך אָרט האָט פאַרנומען די אָפּטיי-לונג פון „פּאַרטיי-לעבן“. דאָ איז געווען אַן איינבינדלעכער באַריכט וועגן דעם 6-טן צוזאַמענפאָר פון בונד, וואָס איז פאָרגעקו-

---

*] דער זעלביקער אַרטיקל איז אַריין אויך אויף רוסיש אין דעם ערשטן און לעצטן נומער פון „יעווריסקי ראַבאָטשי“.

מען מיט 2 א האלב חדשים צוריק אין אויבלאנד אין רעכטן ברען פון אלגעמיינעם אקטאבער־שטרייק און אלע רעוואלוציעס פון דעם דאזיקן צוזאמענבאר. אויך איז געדרוקט געווען א לאנגער אויפרוף פון אינטערנאציאנאלן סאציאליסטישן ביוראָ, צוזאמען מיט די לעצטע שורות: נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! עס לעבע דער אינטערנאציאנאלער סאציאליזם!

אויב מיר וועלן צוגעבן די אפטיילונג „פון דער פרעסע", כראניק, טעלעגראמען און קארעספאנדענציעס [פון ווילנע און בערדיטשעוו], וועט יעדער מוזן מודה זיין, אז דער ערשטער נומער איז הגם געווען צו מאגער, צו שוואך פאר א טעגלעך בלאט, אבער ער איז צוזאמענגעשטעלט געווען אינטערעסאנט און פארשיידנארטיק און קיין באלאסט איז אין אים נישט געווען.

צי האט ער געהאט אן ערפאלג? אן ענטפער אויף אזא פראגע וואלט איך נישט געקאנט געבן. פארשפרייט האט ער זיך גאנץ גוט. מען האט אים פשוט געכאפט פון די הענט. אזוי ווי קיין ראטאציאנס־מאשינען איז ביי אונז נישט געווען און מען האט געדרוקט דאס בלאט אויף פלאך־מאשינען, האט מען אים געדרוקט דעם גאנצן טאג און נאך אויף מארגן [פאר דער פראווינץ]. אינגאנצן האט מען דעם נומער ארויסגעלאזן אן ערך אין 40,000 עקזעמפלארן. די פאלגנדיקע נומערן האט מען אויך געדרוקט אין אזא צאל; אין גיכן אבער האט זיך ארויסגעוויזן, אז א היבשע טייל עקזעמפלארן, וואס מען האט געשיקט אין פראווינץ, פלעגט פארבלייבן ביי די אגענטן. די עקספעדיציע האט די ערשטע צייט שטארק געהינקט.

III די אלגעמיינע פיזיאנאמיע פון „וועקער" און די ווייטערדיקע נומערן.

די נאענטסטע נומערן זענען באשטאנען פון 4 זייטן, אבער אזוי ווי קיין פריוואטע מודעות האבן מיר נישט געהאט, זענען זיי געווען געפאקט מיט מאטעריאל פון אייבן ביז אראפ. בכלל האבן זיי געטראגן דעם זעלביקן כאראקטער, וואס דער ערשטער נומער. „דער וועקער" איז געווען נישט נאר א רעוואלוציאנערע סאציאל־דעמאקראטישע בונדישע צייטונג, נאר אויך א זייער קאמבאטיווע און מוטיקע צייטונג. הגם זי האט פארשפעטיקט מיטן ארויסגיין און איז געקומען אויף דער וועלט אין א פינסטערע צייט, האט זי פונדעסטוועגן געגרינט דעם זעלבן טאג, ווי מען פלעגט שרייבן גלייך נאכן 17־טן אקטאבער. אויב זי וואלט אזוי געשריבן אויף רוסיש, וואלט מען איר פארמאכט באלד דעם ערשטן טאג, ווי מען האט דאס געטון בנוגע דעם „עווד־ראב.". אויף יידיש אבער האט ער זיך נישט געווארפן אזוי אין די אויגן. אגב איז ביי אונז געווען מיטן יידישן צענזאר א געוויסער אפמאך. ער פלעגט באקומען א באשטימטן מאנאטלעכן געהאלט און זיך נישט קיין גרויסן*). די צייט איז געווען א שווערע, מיר האבן געטאנצט, ווי אויף א ווולקאן, יעדן טאג האט מען מיט אלע מיטארבעטער געקאנט ארייננעמען אין די הענט פון זשאנדארמען, אבער דאס איז אויך געווען די צייט פון רעוואלוציאנערן באיקאט דער קומענדיקער דומע, די צייט, ווען מען האט געערנט די רעוואלוציאנערע דערגרייכונגען נישט הינטער זיך, נאר פאר זיך. מיר זענען געווען אפטימיסטן. מיר האבן געגלייבט אין די נאענטע אויפ־

*) שפעטער, ווען אנשטאט דעם „וועקער" האט אנגעהויבן ארויסצוגיין די „פאלקס־צייטונג", איז די מאנאטלעכע סומע געווען פיקסירט אויף 40 רובל

לעבונג פון דער רעוואָלוציע, און נייע גראַנדיעזע אַרויסטרעטונגען און נצחונות.

אין דער צייטונג האָבן מיר אויף קיין פאַל נישט דערלאָזן קיין דירעקטע אויפרופן צום באַוואָפענטן אויפשטאַנד, נאָר זי האָט זייער פיל גערעדט וועגן אויפשטאַנדן, וועגן באַריקאַדן, וועגן גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, זי פלעגט שטענדיק פונסניי אַרומרידן דעם אָקאָרשט איבערגעלעבטן דעצעמבער־שטרייק. וואָס באַווייזט דער מאָסקווער אויפשטאַנד? — האָט — ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט — געשריבן אַליין אין נומער 1. וואָס לערנט אונז דער דעצעמבער־שטרייק? — האָט פון זיין זייט געפרעגט וול. קאָסאָווסקי [נומער 2]. „די מאָסקווער באַריקאַדן" איז ווייטער געווען אַן אַרטיקל אין נומער 14. „די מאָסקווער טעג" האָט זיך גערעדט אין נומער 17, „די רעוואָלוציאָנערע טעג אין דאָנראַיאָן", „די רעוואָלוציע אין עסטלאַנד", אַרטיקלען, קאָרעספּאָנדענצן, כראָניק — אַלץ האָט געדאַרפט דינען דעם איין ציל. „איבן שוועל פון צ ו ו י י ט ן רעוואָלוציאָנערן יאָר?" — אַזוי האָט געהייסן דאָס קעפּל פון מיינעם אַ לייט־אַרטיקל פון נומער 2. ער האָט זיך געענדיקט מיט פאָלגענדיקע געהויבענע ווערטער: „אָט איז די סצענע און אָט זענען די הויפּט־אַקטיאָרן; אָט איז דער פאָן און אָט איז דאָס בילד, אויף וועלכע ס'לאָזט זיך איצט אַראָפּ אַ פאַרבלוטיקטער פאָרהאַנג, מיט אַ פייער־רויטן אויפשריפט:

1905 יאָר, דער ערשטער יאָר פון דער רעוואָלוציע!".

אין דער זעלבער צייט איז דער „וועקער" געווען אַ כשרער ייִדיש־בונדישער אָרגאַן, ער האָט זיך אין יעדן נומער געריסן מיט אַלע פּאַרטייען, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויף דער ייִדישער גאַס, געקעמפט קעגן דער אידייע פון צונויפרופן אַ ייִדישע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, פאַרטיידיקט, פּראָפּאַגאַנדירט און ערקלערט די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע, פּאָלעמיזירט מיט אַלע צייטונגען פון אַלע קאָלירן. דער „וועקער" האָט אָפּגעשפּיגלט דאָס פּאַרטיי־לעבן פון בונד, געגעבן באַריכטן פון צוזאַמענפאָרן, קאָנפערענצן און באַראַטונגען, פּובליקירט די צירקולאַרן פון צ.ק., געדרוקט קאָרעספּאָנדענצן פון אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס. די בעלעטריסטישע אָפּטיילונג, מיט וועלכער מען האָט זיך אין אָנפאַנג ווייניק אָפּגעגעבן [אַ ליקסוס־זאַך, פאַרנעמט אָרט און קאָסט גוטע געלט], האָט זיך מיט דער צייט פאָרט איינגעוואָרצלט. שטענדיקע צושטעלער פון קליינע נאָוועלן זענען געווען מ ש ה ט י י ט ש, א. ר י י ז ע ן, און לעצטן נומער פון „וועקער" איז שוין צוגעקומען ש ל ו ם אַ ש.

דער „וועקער" האָט זיך געדרוקט אויף גוטן פּאַפּיר מיט ריינעם קלאָרן שריפט, אַפילו איצטער איז די אַלטע פאַרבליבענע נומערן פון דער צייטונג צען מאָל לייכטער און גיכער צו לייענען, ווי די הייַנטיקע צייטונגען. אין דעם ערשטן נומער האָט זיך די רעדאַקציע אַנטשולדיקט פאַר די לעזער, וואָס זי מוז דערווייַלע אַרויסלאָזן דאָס בלאַט אָן נקודות. פון נומער 17 אָן האָט זיך די גאַנצע צייטונג שוין געדרוקט מיט נקודות.

אַ גרויסע צרה פאַר דער צייטונג איז געווען דאָס, וואָס מען האָט געמוזט אין דער רעדאַקציע איבערזעצן אַ סך מאַטעריאַלן. נישט רייַדנדיק שוין וועגן דעם, אַז די טעלעגראַמען, די כראָניק, אַ טייל „פון דער פּרעסע" און אַז. וו. פלעגט מען מוזן איבערזעצן פון רוסיש, איז אויסער דעם אויסגעקומען צו איבערזעצן אַ סך אַרטיקלען און אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענצן. אייזענשטאַט, וול. קאָסאָווסקי, איך, וול. מעדעם, שפּעטער זאַסלאַווסקי פלעגן שרייבן אויף ר ו ס י ש, מאַקסימאָוו פלעגט אויך צושיקן פון פּאַריז זיינע קאָרעספּאָנ־

דענצן און אַרטיקלען אויף רוסיש. ה. „זעלצער" [גראָסער] פלעגט שרייבן זייַנע אינטערעסאַנטע „בריוו פון פוילן" אויף רוסיש. עס זענען געווען אויך איבערזעצונגען פון דייטש. דער „וועקער" האָט דעריבער פאַרמאָגט אַ גרויסן שטאַט איבערזעצער. די צייטונג האָט פון דעם נאַטירלעך געליטן. ערשטנס, האָט דאָס שלעכט געווירקט אויף דעם סטיל פון די אַרטיקלען; צווייטנס, האָט דאָס שטאַרק פאַרלאַנגזאַמט די אַרבעט.

IV נאָכ'ן אַרעסט פון ח' אייזענשטאַט.

אין אַ פּאָר טעג נאָכן ערשיינען פון ערשטן נומער „וועקער" איז געקומען קיין ווילנע ל. אָרינשטיין זייער פאַרזאָרגט און אויפגערעגט. די תקופה פון די אָקטאָבערישע רעוואָלוציאָנערע פרייהייטן איז פאַרשוונדן, ווי אַ חלום און מיט איר צוזאַמען איז פאַרפאַלן געוואָרן די דאַמאָלדיקע געהויבענע שטימונג, וועלכע האָט געטריבן קיפּמאַנען און אָרינשטיינען צו געבן זייערע נעמען פאַר אַ בונדישע צייטונג. איצטער האָט זיך אינגאַנצן געביטן די לאַגע און מיט איר די שטימונג. יעדער פרישער נומער האָט געקאָנט דעם פאַראַנטוואָרטלעכן רעדאַקטאָר אַוועקזעצן אויף דער באַשולדיקונגס-באַנק; וואָס אָבער האָבן מיר געקאָנט ענטפערן דעם ה. אָרינשטיין? אָפּשוואַכן דעם טאָן, כדי צו באַוואָרענען דעם רעדאַקטאָר — דערויף האָבן מיר בשום אופן נישט געקאָנט איינגיין. די איינציקע זאַך, וואָס מען האָט יאָ געקאָנט טון, איז אויסבייטן דעם רעדאַקטאָר; דער ענין האָט זיך פאַרצויגן און ביז דעם לעצטן נומער איז די אונטערשריפט פון רעדאַקטאָר-אַרויסגעבער געבליבן די זעלביקע.

אין גיכן האָבן מיר אָנגעווירן אונזער פאַקטישן רעדאַקטאָר, אונזער „שעף". אין ערך דעם 6-טן יאַנואַר איז מען געקומען בײַ דערנאַכט צו אייזנשטאַטן און מען האָט אים אַרײַנגעזעצט אין לוקישקער טורמע, ווו עס זענען שוין געזעסן אַ סך ווילנער אינטעליגענטן און אַרבעטער, ייִדישע, פּוילישע, רוסישע, ליטווישע, פון אַלע קרייזן און ריכטונגען. דאָס זענען אַלין געווען מענטשן, וואָס האָבן זיך מער אָדער ווייניקער אַרויסגערוקט אין דער אָקטאָבער-דעצעמבער תקופה. אין דער רשימה פון די פאַרדעכטיקטע איז געשטאַנען אויך ד ע ו ו ע נ י ש ס ק י [אַנין, ווייטער], אָבער ער האָט זיך צו דער צייט אָפּגעטראָגן. אין שטאָט האָט מען שוין לאַנג גערעדט, אַז פון דורנאָוואָ איז אָנגעקומען צום ווילנער גענעראַל-גובערנאַטאָר פרעזע אַ באַפעל אַרײַנצוזעצן אַ גאַנצע רייע געזעלשאַפטלעכע טוער לויט אַ צוגעשיקטן צעטל, וואָס מ'האָט צוזאַמענגעשטעלט די ווילנער אָכראַנקע; נאָר דער ליבעראַל-געשטימטער פרעזע האָט זיך נישט געאײַלט דאָס אויסצופירן, פאַר וואָס ער איז טאַקע אין גיכן אַראָפּ פון זיין שטעלע.

קומענדיק אויף מאָרגן נאָך אייזנשטאַטס אַרעסט אין רעדאַקציע אויף מיליאָנע גאַס, האָבן מיר, די מיטאַרבעטער פון „וועקער", זיך דאָ דערוווּסט פון דער בשורה טובה. מיר האָבן גלייך אויפן אָרט געמאַכט אַן אסיפה און איינשטימיק בין איך באַשטימט געוואָרן אַלס צייטווייליקער „שעף". אויף מאָרגן איז די צייטונג אַרויס צו דער צייט. מיט אַ טאָג שפּעטער איז געקומען ה. ליבער און געבראַכט אַ פאַראָרדענונג פון צ.ק. [דער צ.ק. איז שוין דעמאָלט געווען אין ווילנע], אַז אין „וועקער" איז באַשטימט געוואָרן ווי. קאָסאָווסקי, וועלכער איז אָקאָרשט געקומען פון פעטערבורג נאָכן פאַרמאַכן דעם „יעור. ראַב.", און מען האָט געבילדעט אַ רעדאַקציע-קאָלעגיע פון צוויי פערזאָן: ער און איך. ב—סקי איז געוואָרן אָפיציעלער סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע. און פון דעם טאָג אָן בלײַבן מיר זאַלבעדריט דורכ-

קוקן אַלײן, װאָס פֿלעגט אָנקומען אין רעדאַקציע, און אַלײן, װאָס האָט געדאַרפֿט אַרײַנגײן אין נומער.

אין דער זעלבער צײַט האָבן מיר געמוזט אויפֿהערן זיך צו באַנוצן מיט דער דירה נומער 7 אויף מיליאָנע גאַס פֿאַר אונזער רעדאַקציאָנעלע אַרבעט. די פּאָליציי װאָלט אונז אין העלן טאָג געקאָנט לײכט פֿאַרכאַפּן. מיר האָבן אָנגעהויבן צו פֿאַרזאַמלען זיך אין פּריװאַטע װױנונגען און אַזוי אַרום װאַנדערן פֿון אײן דירה אין אַן אַנדערע. די דאַמאָלסדיקע ליבעראַלע יידישע אינטעליגענץ פֿלעגט זיך נישט אָפּזאָגן אַװעקצוגעבן אונז אויף די מאָרגנדיקע שעהן ביז מיטאָג אַ צימער, װוּ מיר פֿלעגן קומען אַרום צען אין דער פֿרי און פֿאַרבלײַבן ביז דרײַ. די פֿרײַנדלעכע באַלעבאַטים פֿון װױנונג פֿלעגן אַפֿילו טראַקטירן אונז מיט טײ און אַמאָל מיט געבעקס אויך. אַזוי פֿלעגן מיר זיך צוזאַמענקלײַבן אין די פֿינסטערע טעג, אַמאָל בײַ ד״ר יעקב װיגאָדסקי, אַמאָל בײַ ניקאָלאַי װיגאָדסקי, דעם אַגענט פֿון פֿאַרזיכערונגס-געזעלשאַפֿט „יאַקאָר״, אַמאָל בײַ מײַן שװאָגער אינזשינער מאַזעל, אָפּטמאָל בײַ זײַן ברודער דעם זעמלעמער מאַזעל, אָפּטמאָל בײַ צבֿיונס באַלעבאַטים אויף צװיעטנאָי נומער 7 און אַז. װ.

די סטרוקטור פֿון יעדן נומער איז געװאָרן זײער אײנפֿאַך. די לײַט-אַרטיקלען פֿלעגן שרײַבן איך און קאָסאָװסקי. די צװײטע פּאָליטישע אַרטיקלען און נאָטיצן האָבן געגעבן די פֿרישע צײַטונגען און דאָס פֿלעגן שרײַבן: ליטװאַק און אָלגין, בלומשטײן האָט געהאַט צו טון מיט דער יידישער אָפּטײלונג און מיט די איבערזיכטן פֿון דער פּרעסע. ב—סקי פֿלעגט רעדאַגירן און צוזאַמענשטעלן די אָרטיקע קאָרעספּאָנדענצן, די אויסלענדישע אָפּטײלונג און די פּאַרטײ-אָפּטײלונג, טומין פֿלעגט צוזאַמענשטעלן די כראָניק און די טעלעגראַמעס.

שװערער פֿאַר אַלײן איז געװען צו געפֿינען יעדער טאָג אַ פּאַסענדע טעמע פֿאַרן לײַט-אַרטיקל. אין צײַטונגס-װעלט איז געװען פּוסט און װיסט, װען עס איז נישט געװען קײן אײן סאָציאַליסטישער אָרגאַן, און אין די ליבעראַלע צײַטונגען פֿלעגט מען קײן װיכטיקן און אינטערעסאַנטן װאָרט נישט געפֿינען. װל. קאָסאָװסקי האָט זיך אין גיכן גענומען צו די קאַדעטן און פֿלעגט זײ צולײגן אויף טעלערלעך. מיר האָבן געזוכט יעדע געלעגנהײט אויסצונוצן פֿאַר אַ לײַט-אַרטיקל אַ פּאַסנדן צוגעשיקטן מאַטעריאַל. אין נומער 25 האָבן מיר, למשל, אַװעקגעשטעלט אויבן-אָן ראָטשטײנס קאָרעספּאָנדענץ „די פּאַרלאַמענטאַרישע װאַלן אין ענגלאַנד״, אין נומער 23 איז פֿאַר אַ לײַט-אַרטיקל געגאַנגען די איבערזעצונג פֿון קאַוטסקיס אַרטיקל אין „פֿאָרװערטס״ — „די אויסזיכטן פֿון דער רוסישער רעװאָלוציע״, װאָס האָט פֿאַרנומען די גאַנצע ערשטע זײַט פֿון צײַטונג, אַזױנע גװאַלטיק-גרויסע לײַט-אַרטיקלען האָבן געמאַכט דעם „װעקער״ צו האַמאָטנע, מיר האָבן אָבער געקוקט אויף אים, װי אויף אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישן אָרגאַן.

אין נומער 16 איז געװען אָפּגעדרוקט מײַן אַרטיקל אונטערגעשריבן דורך „פּ.״: „דער בונד און די רוסלענדער ס.ד.אַ. פּאַרטײ״. דאָרטן האָב איך געשריבן, אַז אין אַ צײַט פֿון אַ רעװאָלוציע טאָר דער בונד נישט זײַן אָפּגעזונדערט פֿון דער רוסלענדער פּאַרטײ. דער אַרטיקל האָט אָנגעמאַכט אַ גאַנצן גערודער. עס האָט זיך אַ שאָט-געטון בריװ אין רעדאַקציע. די לעצטע האָט זיך אויך אָפּגערופֿן מיט אַ גרויסן רעדאַקציאָנס-אַרטיקל, אָנגעשריבן דורך װל. קאָסאָװסקי: דער קורצער זין פֿון זײַן לאַנגן אַרטיקל איז געװען אַז קײן האָפֿענונג אויף פֿאַרײניקונג איז נישטאָ

ווייל די פּאַרטיי וויל דאָס נישט, און וועט נישט גיין אויף קיינע הנחות. דאָס איז געווען סוף יאַנואַר, און קיינער פון אונז האָט זיך דעמאָלט נישט פאָרגעשטעלט, אַז אין מערץ וועט שוין די פּראַגע אַריינגעטראָגן ווערן אויף די בונדישע קאָנפערענצן אין בערן און וועט דאָרט ווערן פּאָזיטיוו באַשטימט, אַז אין אַפּריל וועט זי באַטראַכט ווערן אויף דעם פאַריינינקונגס־צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער פּאַרטיי אין שטאָקהאָלם און אויך ערלעדיקט ווערן אין פּאָזיטיוון זין, און אין אויגוסט וועט די פאַריינינקונג אויף דעם 7־טן צוזאַמענפאָר פון בונד ווערן אַ געשעענע זאַך.

V דער סוף פון „וועקער“.

די טעג פון „וועקער“ זענען שוין אָבער געווען געציילטע. עטלעכע מאָל האָט שוין דער צענזאָר צוגעשטעלט דעם פּראָקוראָר געפערלעכע אַרטיקלען פון „וועקער“ אויף זיין איינזען, אָבער דער פּיפּיקער, דורכגעטריבענער אַלטער צענזאָר פלעגט אויסקלייבן נישט די אַרטיקלען, פאַר וועלכע מען וואָלט אונז תיכף פאַרמאַכט, נאָר פיל מער אומשולדיקע. דער פּראָקוראָר פלעגט נישט געפינען אין זיי קיין שום סימנים פון פאַרברעכן און פלעגט נישט פאַרפירן קיין פּראָצעס. דער צענזאָר פלעגט דערביי ווייזן, אַז ער שטייט אויפמערקזאַם אויף דער וואַך און... פלעגט נישט פאַרלירן זיין כשרן גראָשן. צו לאַנג אָבער האָט אַזאַ שפּיל נישט געקאָנט דויערן, שוין דעם 26־טן יאַנואַר איז אָפּגעדרוקט געווען אין ווילנער צייטונג „נאַשאַ זאַריאַ“ אַ נאָטיץ אין כראָניק, אַז דער „וועקער“ איז אָפּגעשטעלט ביזן געריכט און אַז אַנשטאָט אים רעכנט מען אַרויסצוגעבן דעם „גלאָק“ [!!]. אויף מאָרגן איז דער „וועקער“ אַרויס געזונטערהייט, און מיר האָבן דאָרטן געשריבן: „פון וואַנען האָט די „נאַשאַ זאַריאַ“ גענומען, אַז אַנשטאָט דעם „וועקער“ וועט אַרויס דער „גלאָק“, ווייסן מיר לחלוטין נישט, און וועגן דער ידיעה, אַז די סודעבנע פּאַלאַטע האָט אָפּגעשטעלט דעם „וועקער“, קענען מיר זאָגן, ווי יענער ייד, וועמען מ'האָט דערציילט, אַז ער איז געשטאָרבן: „די ידיעה וועגן מיין טויט איז נאָך אַ ביסל צו פרי“.

דער מלאך־המות אָבער מיט זיין חלף האָט געשוועבט איבער אונזערע קעפּ. עס זיינען אַוועק בשלום נאָך צוויי טעג און אין דער זעלביקער „נאַשאַ זאַריאַ“ רודט זיך איבער די זעלביקע ידיעה, שוין אָן אַ „גלאָק“. דאָ זענען מיר שוין געוואָרן שטאַרק אין כעס. „די „נאַשאַ זאַריאַ“ איילט זיך — האָבן מיר געשריבן אין נומער 33 — שוין דאָס צווייטע מאָל, ווי זי איז מודיע, אַז די סודעבנע פּאַלאַטע האָט אָפּגעשטעלט די אויסגאַבע פון „וועקער“. מיר קאָנען בשום אופן נישט פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ ציל האָט זי זיך דערמיט געשטעלט. מיר רעכענען, אַז זי וועט עס נישט פאַרזאַמען אָנצוזאָגן בעת דער „וועקער“ וועט שוין טאַקע באמת פאַרמאַכט זיין; אין דער איצטיקער צייט קאָנען עקזיסטירן נאָר אַזעלכע צייטונגען, ווי „נאַשאַ זאַריאַ“ און איר גלייכן“.

אָט דאָס איז געווען דער לעצטער וויי־געשריי. דער נומער 33 איז געווען דער לעצטער נומער פון „וועקער“. די „נאַשאַ זאַריאַ“ האָט זיך זייער מיאוס צוגעאיילט מיט דער ידיעה, אָבער אין תוך איז זי געווען גערעכט. דער באַשלוס פון סודעבנע פּאַלאַטע איז טאַקע אָנגענומען געוואָרן דעם 26־טן יאַנואַר, נאָר דער אַדמיניסטראַטיווער אַפּאַראַט האָט זיך נישט אויסגעאיילט אויסצופירן דעם באַשלוס. פון אין דערפרי האָט די פּאָליציי אָנגעהויבן צו קאָנפיסקירן דעם „וועקער“ ביי די פאַרקויפער. דערנאָך איז זי געקומען אין קאָנטאָר און אין דרוקעריי, ווו מען האָט געזעצט דעם נומער 34. די זעצער האָבן אָנגענומען די געסט זייער נישט פריינדלעך.

די האָבן געשריִען: עס לעבּע דער „וועקער“! נידער מיט דער פינסטערער צייט! געמיינט האָבן זיי די ציוניסטישע טעגלעכע צייטונג „די צייט“, וואָס האָט זיך געדרוקט אין דער זעלביקער דרוקעריי. דער „וועקער“ איז געשטאָרבן פרייטאָג, דעם 3-טן פעברואַר.

VI „די נייע וועלט.“

אָנשטאָט דעם „וועקער“ האָט מען תיכּף געדאַרפט אַרויסלאָזן אַ נייע בלאַט. פאַרטיקע ערלויבענישן אויף צייטונגען האָבן מיר געהאַט צוויי: איינע איז געווען אויף דעם נאָמען פון י. מענדעלעוו, דעם אינספּעקטאָר פון רוסלענדער פאַרזיכערונגס-געזעלשאַפט און האָט זיך גערופן „די נייע וועלט“. די צווייטע — „די פאָלקס-צייטונג“ — איז געווען אויפן נאָמען פון חנה וואַלק. ביידע האָבן שטאַרק סימפּאַטיזירט מיטן בונד, אָבער ביידע האָבן גענומען די ערלויבעניש אויף אַ צייטונג גאָר נישט כּדי צו ריזיקירן. חנה וואַלק האָט מסכּים געווען צו פאַרבלייבן אַרויסגעבערין פון „פאָלקסצייטונג“ נאָר מיט דעם תּנאַי, אַז אַ פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר וועט זיין אַן אַנדערער; עס האָט געדאַרפט אַוועקגיין אַ פּאָר וואָכן, איידער מען וואָלט דורכגעפירט די פאָרמאַליטעטן. כּדי נישט צו פאַרלירן אומזיסט די צייט, האָבן מיר באַשטימט דערווייל אַרויסצולאָזן 2—3 נומערן פון אַ וואָכנבלאַט. דאָס האָט געדאַרפט זיין „די נייע וועלט“. מיט גרויס מאַטערניש האָב איך באַקומען דערויף די באַוויליקונג פון י. מענדעלעוו, ערשט נאָכדעם, ווי איך האָב אים געגעבן אַ וואָרט, אַז מיר וועלן אים נישט פאַרפירן, אַז אין נומער וועלן נישט זיין אַזעלכע זאַכן, וואָס קענען אַרויסרופן אַ קאָנפיסקאַציע און אַ פּראָצעס, האָט ער געגעבן זיין ערלויבעניש.

דער נומער איז אַרויס דינסטאָג, דעם 14-טן פעבּרואַר. ער האָט פאַרנומען 24 גרויסע זייטן אין אַ פאָרמאַט אַ העלפט פון „וועקער“. ער איז געווען גרויס, ווי דריי נומערן פון אַ טעגלעכער צייטונג. זיין אינהאַלט איז געווען זייער רייך. אין דעם לייט-אַרטיקל, אָנגעשריבן דורך וו. קאָסאָווסקי, האָט זיך גערעדט וועגן דער אַגראַר-פראַגע אין מיניסטאָרן-ראַט, ב—סקי האָט געגעבן אַן אַרטיקל וועגן קולטור-נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע [די פינאַנץ-פראַגע]. איך האָב אָנגעשריבן אַ גרויסן אַרטיקל וועגן „די ראָליע פון לומפּנפּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָלוציע“. נאָך אים איז געגאַנגען מאַקסימאָווס „אַנאַרכיזם“. ב. האָפמאַן, אונטערן נאָמען „איש תּקוה“, האָט אָנגעשריבן אַ פּאָלעמיק קעגן סירקינען. רייך איז געווען אויך די אויסלענדישע אָפּטיילונג. ח. ראָטשטיין האָט צוגעשיקט אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגן דער דעמאָנסטראַציע פון אַרבעטסלאָזע אין לאָנדאָן, מאַקסימאָוו — וועגן דעם קאַמף פון די פראַנצויזישע אַרבעטער פאַרן 8 שעה-דיקן אַרבעטס-טאָג א. נ. [„ניעמאַנסקי“, זעלדאָוו] — וועגן דעם פאַרטייטאָג פון דער שווייצאַרישער אַרבעטער-פאַרטיי. א. ק. [אַייסנער] האָט מיטגעטיילט פון בערלין וועגן בעבעלס רעדע אין רייכסטאַג. גרויס איז אויך געווען די אָפּטיילונג פון דער פרעסע, יידישע, רוסישע, און פּוילישע. עס איז געווען פיל קאָרעספּאָנדענצן פון בונדישן ראַיאָן. ווי אַ פעליעטאָן זענען געגאַנגען „טערמע מאַטיוון“ פון דוד קאַסעל און אַן ערציילונג „אויף דער וואַך“, איבערגעזעצט פון רוסיש דורך אליהו יעקב [גאָלדשמידט].

דער נומער האָט געקאָסט אינגאַנצן 5 קאָפּיקעס[!] און ער האָט זיך פאַרקויפט זייער גוט; ער האָט זיך פאַרשפּרייט אין פיל צענדליקער טויזנט עקזעמפּלאַרן. די אַרטיקלען וועגן אַנאַרכיזם און לומפּנפּראָלעטאַריאַט זענען געווען זייער צו דער צייט. די אַנאַרכיסטישע שטרעמונגען, די עקספּראָפּריאַציעס און די אָנפאַלן מיט

באַמבעס האָבן זיך דעמאָלט שטאַרק פאַרגרעסערט און אַלע האָבן זיך אינטערעסירט מיט די דאָזיקע פראַגן.

מיין אַרטיקל וועגן לומפּנפּראָלעטאַריאַט האָט געהאַט אַ באַזונדערן מזל. אין פּעטערבורג איז ער ערשינען אַלס אַ באַזונדער בראָשור אין פאַרלאַג „טריבונע“, אונטערן פּסעוודאָנים „פ. ראָל“. אין יידיש האָט אים אַרויסגעגעבן אַלס אַ באַזונדערע בראָשור אונזער בונדישער פאַרלאַג „די וועלט“. מאַקסימאָזון האָט מען שיר נישט אָנגעבראָכן די ביינער צוליב דעם, וואָס מען האָט אים אָנגענומען פאַר דעם מחבר פון דער בראָשור. דאָס האָט זיך געטראָפן אין אָדעס, ווען מען האָט אים אַרעסטירט. עמיצער האָט אין טורמע געמאַכט אויף אים דעם דאָזיקן בלבול, און די קרימינעלע אַרעסטאַנטן פון אָדעסער טורמע האָבן געוואָלט פון אים נקמה-נעמען פאַר אַזאַ באַליידיקנדיקער באַציאונג צום לומפּנפּראָלעטאַריאַט. גאָר נישט לאַנג, אין אַפּריל 1920, בין איך צופעליק געפאָרן פון ניעזשין קיין קיעוו אין איין וואַגאָן מיט סעראַפימאָוו, געוועזענעם „חבר פּראָקאָפּ“, איצט אַ הויכע פּערזאָן אין ראַטנרוסלאַנד, אַ מיטגליד פון פּרעזידיום פון אוקראַאינישן „צ.ק.“, אַ געוועזענער קאָמאַנדיר פון דער 12-טער אַרמיי און אַז. וו. מיר האָבן געשמועסט שעהן-ווייז. ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איך שרייב אונטערן פּסעוודאָנים „פ. ראָל“, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט געלייענט די בראָשור „די ראָליע פון לומפּנפּראָלעטאַריאַט“. זי האָט מיר פיל נוצן געבראַכט — האָט ער געזאָגט — ווען איך האָב אין 1906—7 געפירט איבער דרום-רוסלאַנד אַ קאַמפּאַניע קעגן די אַנאַרכיסטן, איך האָב זי שטאַרק אויסגענוצט!“

דעם ערשטן נומער פון „די נייע וועלט“ האָט מען פאַנאַנדערגעשיקט אַלע אַבאָנענטן פון „וועקער“. י. מענדעלעוו האָט אָנגעהויבן צו באַקומען פון אַלע קאַנטן בריוו, מיט גראַטולירונגען, מיט קשיות, מיט בקשות. ער איז געווען זייער שטאָלץ און וואָלט געוויס מסכים געווען אַרויסלאָזן נאָך אַ נומער. נאָר פּלוצים האָט זיך אַריינגעלאָזן פון הימעל צו אים אין קאַבינעט... זיין טאַטע, אַן אינספּעקטאָר פון דער געלביקער רוסלענדער פאַרזיכערונגס-געזעלשאַפט, נישט טויט, נישט לעבעדיק, איז ער געקומען צולויפן קיין ווילנע, ווי נאָר ער האָט דערזען „די נייע וועלט“ מיט זיין זונס אונטערשריפט אַלס רעדאַקטאָר-אַרויסגעבער. וואָס פאַר אַ גאַב האָט פון אים זיין זון באַקומען, ווייס איך נישט, נאָר אַלע האָפענונגען אויף אַ צווייטן נומער זענען גלייך פאַרשווּנדן געוואָרן.

מיט אַ יאָר שפּעטער האָבן מיר אַרויסגעלאָזן אין אַ צענדליק עקזעמפּלאַרן אַ צווייטן נומער, מער נישט, ווי אַ פאָרמאַליטעט, כדי נישט צו פאַרלירן לויטן געזעץ דאָס רעכט אויף דער צייטונג. דאָס איז געווען אַ קליין בלעטל אָן שום ווערדע. מען האָט זי אַריינגעשיקט נאָר דעם צענזאָר און אין די געהעריקע „קאַזיאָנע“ איינריכטונגען. דערמיט האָט זיך געענדיקט די געשיכטע מיט דעם צווייטן יידישן לעגאַלן אָרגאַן פון בונד.

גלייך נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע **סדרה** — סדרה „פאָלקסצייטונג“. דער ערשטער נומער איז אַרויס דעם 19-טן פעברואַר 1906, און אַז עמיצער וואָלט אונז דעמאָלט געזאָגט, אַז די דאָזיקע צייטונג וועט עקזיסטירן מער ווי אָנדערטהאַלבן יאָר, אַז זי וועט איבערלעבן אַפילו דעם שרעקלעכסטן סעזאָן נאָכן פאַנאַנדערטרייבן די ערשטע און די צווייטע דומע, וואָלטן מיר אים אָנגעקוקט, ווי אַ משוגענעם. נאָר וועגן דעם — אַן אַנדערש מאָל...

פ. אַנמאַן.

דער „בונד“ און די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג.

I. ביז דער ערשטער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

אייגענטלעך איז אין דער ערשטער צייט פון דער עקזיסטענץ פון „בונד“ שווער געווען אונטערצושיידן, וואו ענדיקט זיך די פּראָפעס. באַוועגונג און וואו הייבט זיך אָן די פּאָליטישע. די הויפּט-אַרבעט פון די בונדישע טוער און פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס איז באַשטאַנען אין אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעטער-מאַסן אויפן באָדן פון זייערע טאָג-טעגלעכע פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן, צונויפזאַמלען די צעשטויבטע יידישע פּראָלעטאַריער, וועלכע זענען געווען צעזייט אין די קליינע וואַרשטאַטן און פאַבריקלעך, אויפקלערן זיי זייער ביטערע לאַגע, ווייזן זיי דעם וועג, ווי אַזוי די דאָזיגע לאַגע צו פאַרבעסערן און פירן זיי טאַקע אין קאַמף אויפ'ן דאָזיקן וועג. ווען אַ פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין מאָדערנעם זין פון וואָרט, האָט נאָך חאָן קיין רייד נישט געקאָנט זיין. מ'האָט נאָך געדאַרפט דער דאָזיקער פינצטערער מאַסע אויפקלערן פריער פאַר אַלץ די מעגלעכקייט צו פירן אַ קאַמף פאַר אויסבעסערן די עלעמענטאַרסטע אַרבעטס-באַדינגונגען, — פאַר אַ קירצערן אַרבעטס-טאָג, פאַר אַ העכערן לוין און פאַר אַ מענשלעכע באַהאַנדלונג מצד די מייסטער. אויף דער נידריקער שטופע פון באַוואוסטזיין, אויף וועלכער די יידישע אַרבעטער האָבן זיך דאַן געפונען, איז שוין דער פאַקט גופא, וואָס פון צייט צו צייט איז געלונגען זיי צוזאַמענצונעמען צו געמיינזאַמע שטרייקן, וועלכע פלעגן אָפט מאָל דויערן גאַנצע וואָכן, געווען אַ גענוגענדער באַווייז פון זייער קאַמפּס-גרייטקייט און אַז זיי וועלן מיט דער צייט ווערן פעאיק צו בילדן שטאַרקע אָרגאַניזאַציעס. מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז אונטערן צאַרישן רעזשים איז יעטוועדער ריין-עקאָנאָמישער שטרייק אַפילו געווען פאַררעכנט אַלס פאַרברעכן, און די פאַרפינסטערטע אַרבעטער, אַרויסטרעטענדיג אין אַ עקאָנאָמישן שטרייק, האָבן שוין הערמיט אַליין דערקלערט אַ קאַמף נישט בלויז זייערע בעלי-בתים, נאָר אויך די מאַכט-אָרגאַנען פון דער צאַרישער הערשאַפט, וועלכע פלעגן אַלע מאָל זיך שטעלן אויף דער זייט פון די בלי-הבתים.

אויף אַזאַ אופן האָבן לכתחילה שוין די ריין-עקאָנאָמישע שטרייקן געטראָגן אויך אַ פּאָליטישן כאַראַקטער. און אָנגעפירט מיט זיי האָט אויך די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע — דער בונד. וועגען אויסטיילן ספּעציעלע עקאָנאָמישע אָרגאַניז., וועלכע זאָלן אָנפירן מיט'ן ריין-עקאָנאָמישן קאַמף, האָט מען אין די ערשטע יאָרן פון דער באַוועגונג נישט געקאָנט טראַכטן. דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער קאַמף (אין יענע פאָרמען, אין וועלכע דער לעצטער האָט זיך חאָן געקאָנט אויס-

־רניקן) זענען געווען ענג צוזאַמענגעקניפּט און אָנגעפירט מיט זיי האָט איינע און דיזעלבע אָרגאַניזאַציע. און דעם דאָזיקן בליק אויף'ן כאַראַקטער פון עקאָנאָמישן קאַמף האָט פיקסירט דער דריטער צוזאַמענפאָר פון בונד (דעצעמבער 1899) און זיין רעזאָלוציע וועגן עקאָנאָמישן קאַמף, וועלכע לויטעט: „דער צוזאַמענפאָר באַטראַכט דעם עקאָנאָמישן קאַמף, אַלס איינעם פון די מיטלען פאַר די אַנטוויקלונג פון פּאָליטישן און קלאַסן־באַוואוסטזיין אין דער אַרבעטער־מאַסע“.

אמת, ווען די באַוועגונג האָט זיך פאַרשפּרייט און אַרומגענומען ברייטערע מאַסן, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ נויטווענדיקייט צו שאַפן אין יעדן פאַך די אַזוי גערופענע עקאָנאָמישע „סקאַרקעס“, וואָס זייער דירעקטע אויפגאַבע איז געווען אָנצופירן מיט די שטרייקן, אונטערהאַנדלען מיט די בעלי־בתים בעת אַ קאָנפליקט. צוגלייך מיט די עקאָנאָמישע סקאַרקעס האָבן אין יעטווידן גרעסערן פאַך עקזיסטירט אויך באַזונדערע פּאָליטישע „סקאַרקעס“, וואָס זייער דירעקטע אויפגאַבע איז געווען אָנצופירן מיט דער פּאָליטישער אַגיטאַציע, זיין פאַרבונדן מיט דעם פּאָליטישן צענטער פון שטאָט און דורך אים מיט דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע. אָבער דאָס זענען נישט געווען באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס, איינע פון די אַנדערע אומאָפּהענגיק, פאַרקערט, האָס רוב מיטגלידער פון די עקאָנאָמישע סקאַרקעס זענען געווען אויך מיטגלידער פון די פּאָליטישע; די ערשטע זענען געווען אַ מין פאַרבערייטונגס־שול צו די צווייטע. האָט עמיצער פון דער עקאָנאָמישער סקאַרקע זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אַקטיוויטעט, מיט זיין איבערגעגעבנקייט מיט מער אינטעליגענטישקייט און — וואָס איז דאַמאָלט געווען איינע פון די בעסטע מעלות — מיט זיין קאָנספּיראַטיווער האַלטונג, — פלעגט ער אַריבער אין „העכערן קלאַס“, אַזוי, אַז נישט בלויז לויט'ן גייסט, וואָס האָט אין זיי געהערשט, נאָר אויך דורך זייער פּערזענלעכן צוזאַמענשטעל זענען די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע סקאַרקעס ענג געווען פאַרקניפּט צוזאַמען.

אַ בולט'ן ביישפּיל פון'ם ענגען צוזאַמענבונד צווישן דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע און עקאָנאָמישער האָבן מיר געזען אין'ם „אַלגעמיינעם יידישן בערשטער־בונד אין ליטע און פּוילן“. די דאָזיקע, לויטן נאָמען גאָר, ריין פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע פון די יידישע אַרבעטער, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן כמעט אין איין און דערזעלבער צייט מיט'ן „בונד“ *), איז געווען פאַקטיש אַ טייל פון לעצטן. דער בערשטער־בונד האָט געהאַט זיין באַזונדערע פאַרטרעטונג אויף די צוזאַמענפאָרן פון „בונד“; מיטגלידער פון צ. ק. פון בערשטער־בונד האָבן אויך געהערט צום צ. ק. פון „בונד“; די אָרגאַניזאַטאָרן און פונקציאָנערן פון בערשטער־בונד, ווי למשל, די באַוואוסטע חברים־בערשטער אברהם אַלעקסאַנדריסקי, און אַהרציק טערצאָוו, שפּעטער זלמן בערשטער — זענען פאַקטיש אויך געווען פונקציאָנערן פון דער פּאַרטיי און פלעגן אַרומפאָרנדיק איבער די שטעט און שטעטלעך פון בער־

*) דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די בערשטער־גרופּן איז פאָרגעקומען נאָך אין יאָר 1895; אָבער דער צענטראַלער בערשטער־פאַריין איז געגרינדעט געוואָרן מיט 3 חדשים שפּעטער נאָכ'ן בונד — אין יאַנואַר 1898. אין דעצעמבער דעמזעלבן יאָר איז ערשינען דער 1־טער נומער פון'ם אָרגאַן פון בערשטער־בונד „דער וועקער“.
ו. ש.

שטער־ראַיאָן, ערפילן די שליחות פון צ. ק. פון בונד וועגן אַלגעמיין־פּאַרטייאישע ענינים. דעם אָרגאַן פון בערשטער־בונד — „דער וועקער“ האָט פּאַקטיש אַרויסגע־געבן די פּאַרטיי. זײַן רעדאַקציע איז באַשטימט געוואָרן דורכ'ן צ. ק. פון בונד.

דאָסזעלבע איז אויך געווען מיט'ן שפּעטער געגרינדעטן „גאָרבער־בונד“ (1901); מיט זײַן גאַנצער אַרבעט האָבן אָנגעפירט די טוער פון דער פּאַרטיי, און ער איז פּאַקטיש געווען אַ טייל פון דער פּאַרטיי.

אַזאַ לאַגע האָט געהערשט ביז דער 1־טער רוסישער רעוואָלוציע — ביז'ן יאָר 1905.

II. נאָכ'ן יאָר 1905.

ס'זײַנען אָנגעקומען די שטורמישע יאָרן 1904—1905; אין דער באַוועגונג זײַנען אַרײַנגעצויגן געוואָרן אַלץ מער ברייטערע אַרבעטער־מאַסן: זי איז אַרויס פון איר שמאָלע אונטערערדישע ד' אמות אויף דער ברייטער אַרענע פון דער עפנטלעכקייט און האָט אָנגענומען אַן אויסגעשפּראָכענעם פּאָליטישן כאַראַקטער. מאַסן־שטרייקן, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע, דעמאָנסטראַציעס, צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי און מיליטער זײַנען געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע ערשײַנונג. דער פריערדיקער אָרגאַניזאַציע־אַפּאַראַט — די פאַכאָווע קאַסעס, וועלכע האָבן גע־קאָנט, אין בעסטן פאַל אַרומנעמען בלויז אַ קליינעם טייל פון די פאַך־אַרבעטער, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ניט צוגעפּאַסט צו די נײַע ברייטע פאָרמען פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, צו איר מאַסן־כאַראַקטער. פון דער צווייטער זײַט, האָט דער ברייטער פאַרנעם פון דער פּאָליטישער באַוועגונג, די מער קאָמפּליצירטע פאָר־מען, וואָס זי האָט אָנגענומען, דרינגענד געפאָדערט, ס'זאָל אויסגעבילדעט ווערן אַ ספּעציעלער אַפּאַראַט, וואָס זאָל אָנפירן מיט דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, וועל־כע האָט שוין אַרומגענומען ברייטע מאַסן מיטגלידער, און זאָל זײַן באַפרייט פון דעם באַלאַסט אָנצופירן אויך מיט'ן טאָג־טעגלעכן פּראָפעסיאָנעלן קאַמף, אין וועל־כען ס'איז שוין געווען אַרײַנגעצויגן כמעט די גאַנצע אַרבעטער־מאַסע.

ס'איז אַנטשטאַנען די פראַגע וועגן בילדן ספּעציעלע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס אויף אָנצופירן מיט'ן דירעקט־עקאָנאָמישן קאַמף.

אַז די דאָזיקע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן זײַן פאַרבונדן און אַ וועלכער ניט איז פאָרם מיט דער פּאָליטישער פּאַרטיי, אַז די לעצטע דאַרף האָבן די מעגלעכקייט צו ווירקן אויף זיי און איר גײַסט, אַז איר דופק דאַרף דאָרטן תמיד זיך הערן קלאַפּן, — וועגן דעם איז בײַ די דאַמאָלסדיקע בונדישע טוער קיין מיינונגס־פאַרשיידענהייטן ניט געווען. די פראַגע איז בלויז באַשטאַנען דערין: אין וועלכע פאָרמען דאַרף די דאָזיקע צוזאַמענווירקונג זיך אויסגיסן; ווי אַזוי רעגולירן די דאָזיקע ביידע שטראָמען — דעם פּראָפעסיאָנעלן און פּאָליטישן — פון דער אַלגעמיינער קלאַסן־באַוועגונג פון פּראָלעטאַריאַט.

אַ טייל חברים — דאַן זייער אַ קליינער — וועלכע האָבן געהאַט אויפן אויג די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אין מערב־אייראָפּע, הויפּטזעכלעך אין דײַטשלאַנד און עסטרײַך — זײַנען געווען דערפאַר, אַז די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זאָלן זיך ניט געפינען אין קיין שום אָרגאַניזאַציאָנעלן צוזאַמענבונד מיט דער פּאַ

ליטישער פּאַרטיי; די לעצטע — האָבן זיי געטענה'ט — דאַרף אונטערהאַלטן איר ווירקונג אין די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס בלויז דורך אירע מיטגלידער, וועלכע זענען טעטיק אויפ'ן פּראָפעסיאָנעלן געביט און גייען אַריין אין די אָנפירנדע איינריכטונגען פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. די לעצטע קאָנען אָבער ניט זיין אַ טייל פון דער פּאַרטיי און קאָנען איר ניט זיין אונטערגעוואָרפן אין דער אָדער יענער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאָרם.

דער ווייט גרעסטער טייל בונדישע טוער איז אָבער דערמיט ניט געווען מסכּים. מערב-אייראָפּא — האָבן זיי אָנגעוויזן — איז פאַר אונז ניט קיין ביי-שפּיל אין דער הינזיכט; דאָרטן איז די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג און פאַרשיידענע פאַריינען אַנטשטאַנען פ ר י ע ר, איידער די פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן זיך אויס-קריסטאַליזירט; ס'האָט דאָרטן דעריבער ניט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן אַ די-רעקטער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאַרבינדונג צווישן דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און די שפּעטער אַנטשטאַנענע פּאַרטייען. ביי אונז אָבער האָט די פּאַרטיי אַרויס-גערופן און באַשאַפן די פּראָפ. באַוועגונג, האָט מיט איר די גאַנצע צייט אָנגעפירט, זי איז געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פון דער פּאַרטיי; צוליב וואָס-זשע — פרעגט זיך — זאָל זי זיך איצטער אָפּזאָגן פון איר העגעמאָניע? די פּראָפ. פאַראיינען דאַרפן זיין פּ אַ ר ט ײ א י ש ע אָרגאַניזאַציאָנעל פאַרבונדן מיט דער פּאַרטיי, זיך אונטער-וואַרפן איר פּאָליטישער אָנפירונג.

דער דאָזיקער לעצטער שטאַנדפּונקט איז אויסגעדריקט געוואָרן אין אַ ספּע-ציעלן צירקולאַר פון צ. ק. פון בונד (דעצעמבער 1905) וועגן גרינדן פּאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. די דאָזיקע פּאַרטייאישקייט איז פאָרמולירט געוואָרן אין פאָלגנדע הויפּט-פּונקטן: 1) די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אָנערקענען די אָנ-פירונג פון דער פּאַרטיי; 2) זיי טראָגן אַריין אַ געוויסן פּראָצענט פון זייערע הכנסות אין קאַסע פון דער פּאַרטיי; 3) פאַרשטייער פון די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס גייען אַריין אין די פאַרוואַלטונגען פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען; זיי האָבן דאָס רעכט אַרויפצולייגן זייער וועטאָ אויף די באַשלוסן פון די פאַרוואַלטונגען, אויב, לויט זייער מיינונג, געפינען זיי זיך אין אַ סתירה צו דער אַלגעמיינער פּאָליטישער ליניע פון דער פּאַרטיי.

דעם דאָזיקן באַשלוס וועגן פּאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבן דע-מאַגאָגיש אויסגענוצט די פאַרטרעטער פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם, — די ס. ס. און פּועלי-ציון, וועלכע האָבן זיך דאַן באַוויזן אויף דער יידישער גאַס. אונטער דעם לאָזונג פון אומפּאַרטייאישקייט פון דער פּראָפ. באַוועגונג האָבן זיי זיך געפּרובט אָפּרייסן טיילן פון די יידישע אַרבעטער פון'ם אַלגעמיינעם מעכטיקן שטראָם, וואָס איז געגאַנגען אונטער דער פאָן פון „בונד“, — און גרינדן אויסערפּאַרטיי-אישע פּראָפ. פאַראיינען. די לעצטע זענען אָבער מער ניט געווען פּאַרטייאישע קלייזלעך אונטער דער מאַסקע פון אומפּאַרטייאישקייט, אַפילו די נעמען פון אַזעלכע פאַריינען זענען צומאָל געווען גאַנץ קוריאָזע, ווי, למשל: „אומפּאַרטייאישע פּראָפ. פאַריין פון ב. כ.“, אומפּאַרטייאישער פּראָפ. פאַריין בי פּועלי ציון א. ד. גל. קיין ברייטע מאַסן האָבן אָבער די דאָזיקע כּלומרשט „אומפּאַרטייאישע“ פאַריינען ניט צוגעצויגן.

די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג האָט אָבער גאַנץ גיך געצוואונגען דעם בונד גופֿא זיך אָפּצוזאָגן פֿונ'ם פּרינציפּ פֿון ריין-פּאַרטייאישע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראײַנען, אַזוי ווי דאָס איז געווען פֿאָרמולירט אינ'ם געבראַכטן צירקולאַר פֿון צ. ק. פּאַרטייאיש-בונדישע האָבן די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראײַנען געקאָנט זײַן נאָר דאַן, ווען זיי האָבן אַרומגענומען אויסשליסלעך ייִדישע אַרבעטער, ד. ה. ווען זיי זענען פֿאַקטיש געווען נאַציאָנאַלע. האָבן אָבער די רעוואָלוציע-יאָרן אויפֿגעוועקט צום פּאָליטישן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן די ברייטערע מאַסן פֿון נישט-ייִדישע אַרבעטער פֿון ליטע און ווײַסרוסלאַנד, וועלכע זענען ביז יענער צײַט געווען אָפּגעשטאַנענע און האָבן נישט פֿאַרמאָגט זייערע פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס; אין פּוילן און אין דרום-רוסלאַנד האָבן שוין עקזיסטירט פֿון פֿריער פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס פֿון די נישט ייִדישע אַרבעטער, וועלכע זענען געווען אָנגעפֿירט — אין פּוילן דורך פּ. פּ. ס., און אין אַ קלענער מאָס אויך דורך ס. ד. — אין דרום-רוסלאַנד — דורך דער ר. ס. ד. א. פּ. אין אײַנע און די זעלבע פֿאַכן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפֿן בעת שטרײַקן און אַנדערע עקאָנאָמישע קאָנפֿליקטן ייִדישע און נישט ייִדישע אַרבעטער; ס'האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן, אַז אַ נאַציאָנעלע פּראָפֿעסיאָנעלע באַוועגונג קאָן ווי געהעריק זיך אַנטוויקלען נאָר דאַן, ווען זי וועט טראָגן אַן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער, ווען די פּראָפֿ. פֿאַראײַנען וועלן אַרומנעמען אַלע אַרבעטער — אָדער לכל הפּחות דעם גרעסטן רוב זייערן — אָן אונטערשייד פֿון נאַציע, וועלכע געהערן צום געגעבענעם פֿאַך אָדער אינדוסטריע-צווײַג.

די 7-טע קאָנפֿערענץ פֿון בונד (אַפּריל 1906) האָט טאַקע אָפּגעשאַפֿט דעם פּרינציפּ פֿון פּאַרטייאישע (בונדישע) פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראײַנען, אָפּגעשאַפֿט דאָס פֿאָרמעלע רעכט פֿון די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס אַרויסצולייגן זייער וועטאָ אויף די באַשלוסן פֿון די פּראָפֿ. פֿאַראײַנען, אָפּגעשאַפֿט די התחייבֿות פֿון די לעצטע אַרײַנצוטראָגן אַ באַשטימטן פּראָצענט פֿון זייערע הכנסות אין קאַסע פֿון דער פּאַרטיי. לויט דער אָנגענומענער רעזאָלוציע דאַרפֿן די פּראָפֿ. פֿאַראײַנען זײַן סאָציאַלדעמאָקראַטישע, דאָס זאָל הייסן, אַז זיי דאַרפֿן אָנערקענען די הויפּט-אָנפֿירונג פֿון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין פּאָליטישע פֿראַגן; די פֿאַרבינדונג צווישן דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע און דער פּראָפֿ. באַוועגונג דאַרף זײַן גיכער אַ פּערסאָנאַלע, ד. ה. אַז די טוער פֿון דער פּאַרטיי זענען אויך טעטיק אין דער פּראָפֿ. באַוועגונג און פֿאַרקערט, אָבער נישט קיין אָרגאַניזאַציאָנעלע; די פֿאַראײַנען דאַרפֿן זײַן אינטערנאַציאָנאַלע, דאַרפֿן אַרומנעמען אַלע אַרבעטער פֿון געגעבענעם אינדוסטריע-צווײַג אָן אונטערשייד פֿון נאַציע; אויף אָנצופֿירן מיט דער קולטור-און אויפֿקלערונגס-אַרבעט צווישן די באַזונדערע נאַציאָנאַלע טיילן פֿון אַלגעמײַנעם אינטערנאַציאָנאַלן פֿאַראיין דאַרפֿן געבילדעט ווערן נאַציאָנאַל-קולטורעלע סעקציעס; די דאָזיקע סעקציעס פֿירן זייער אַרבעט אין דער מוטער-שפּראַך פֿון זייערע מיטגלידער, צוגעפּאַסט צו זייער ספּעציפֿישער סבֿיבֿה און אײַנגעשאַפֿטן.

די דאָזיקע רעזאָלוציע איז געווען אַ טריט ווײַטער אויפֿ'ן וועג צו ליקווידירן די אויסערלעכע פֿאָרמעלע פּאַרטייאישקייט פֿון די פּראָפֿ. פֿאַראײַנען. וואָס איז שייך דעם אינערלעכן כאַראַקטער פֿון די פֿאַראײַנען איז די ווירקונג פֿון בונד אין זיי געבליבן באַזונדערס שטאַרק ווי פֿריער. אין וואַרשע, לאָדז, ביאַליסטאָק, ווילנע, קיעוו, אָדעס

האָבן אין די יאָרן 1906—1908 עקזיסטירט לעגאַלע פּראָפ. פאַראיינען, וועלכע האָבן אַרומגענומען גרעסערע מאַסן יידישע אַרבעטער און וועלכע זענען פּאַקטיש אָנגעפירט געוואָרן דורכ׳ן בונד. ביים צ. ק. פון בונד האָט עקזיסטירט אַ ספּעציעלע פּראָפ. קאָמיסיע, וועלכע האָט געהאַט די אויפגאַבע מיטצוהעלפן און מיטצווירקן אין דער פּראָפ. באַוועגונג; דער צ. ק. האָט אַרויסגעגעבן פון צייט צו צייט ספּעציעלע ליטעראַטור (ביילאַגע צו דער ווילנער „פאָלקס-צייטונג“, בראָשורן) געווידמעט דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע זענען אין יענע יאָרן (1907—08) שוין געגאַנגען מיט אַ האַסטיקן טעמפּ באַרג אַראָפּ; די פּאַרטיי איז וואָס ווייטער אַלץ מער אַראָפּגעדריקט געוואָרן אונטער דער ערד, האָט זיך צוריק געמוזט אומקערן צו דער אַמאָליקער אומלעגאַלער עקזיסטענץ. אויף דעם אויבערפלאַך איז גאָר [illegible] געבליבן אין פּאָזיציע, וואָס דער אַרבעטער-קלאַס האָט זיך דערוואָרבן אין די רעוואָלוציאָנערע יאָרן — די לעגאַלע פּראָפ. פאַראיינען. אויסערליך-פאָרמעל האָבן די פאַראיינען נישט געקאָנט טראָגן אַ פּאַרטייאישן שטעמפּל, אָבער דער גייסט אין זיי האָט געהערשט אַ בונדישער, די אָנפירונג מיט זייער גאַנצער אַרבעט איז געלעגן אין די הענט פון די אַקטיווע טוער פון בונד. אַזוי, למשל, זענען אין וואַרשע אין יענער צייט די סעקרעטאַרן פון די גרויסע מאַסן-פאַראיינען: לעדער-אַרבעטער, שניידער, מעטאַל-אַרבעטער, בעקער, לעדער-גאַלאַנטעריע, וועש-נייטאָרינס, האַנדלס-אָנגעשטעלטע און אאַנד. געווען מיטגלידער פון וואַרשעווער קאָלעקטיוו און קאָמיטעט פון „בונד“, און זענען אויך געווען טעטיק אין דער אומלעגאַלער פּאַרטיי-אַרבעט. דאָסזעלבע איז געווען אין ווילנע (אינטערנאַציאָנאַלער זאָקענמאַכער פאַריין, לעדער-, פּאַפּיר-אַרבעטער, זאַמשער, בעקער, האַנדלסאָנגעשטעלטע און אאַנד.), לאָדז (טעקסטיל-אַרבעטער, בעקער און אאַנד.) ריגע (צוראַטן-מאַכער), קיעוו, אָדעס און אאַנד. גרעסערע צענטרען פון בונד וואו ס׳האָבן עקזיסטירט לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

ביי דער אויסערלעכער פאָרמעלער פּאַרטייאישקייט האָט זיך נאָך דערמאָלט עקשנות׳דיק געהאַלטן אין פּוילן בלויז די פּ. פּ. ס. אויף די מיטגליד-ביכלעך פון יענע לעגאַלע פאַראיינען, וועלכע זי האָט געהאַט אונטער איר ווירקונג איז געווען אָפּגעדרוקט די פירמע פון דער פּאַרטיי. פאַר די דאָזיגע דאָקטרינערישע עקשנות האָבן טאַקע טייער געצאָלט צענדליקער מיטגלידער פון די פאַראיינען, ביי וועמען מ׳האָט געפונען אַזעלכע מיטגליד-ביכלעך און וועלכע זענען אויף דעם סמך באַשולדיקט געוואָרן פאַר אָנגעהערן צו דער פּאַרטיי און געמשפּט לויטן אַרטיקל 102.

III. אין די פינסטערע יאָרן פון רעאַקציע (1908—1912)

ס׳זענען אָנגעקומען די פינסטערע יאָרן 1908 — 1912. די רעאַקציע איז פעסט געזעסן אין זאָטל און האָט געהאַלטן אין איין ליקווידירן די פּראָלעטאַרישע עראָבערונגען פון רעוואָלוציע-פּעריאָד; אויך די לעצטע פעסטונג — די לעגאַלע פּראָפ. פאַראיינען — זענען געפאַלן; אונטער פאַרשיידענע אויסריידן פלעגט מען זיי אָדער אינגאַנצן פאַרמאַכן, אָדער פאַרפאָלגן אויף יעטוועדן שריט און טריט; אַרעסטן אין רעוויזיעס און די פאַריינס-לאָקאַלן איז געווען אַ טאָג-טעגלעכע ערשיינונג.

די פֿאַרײנען האָבן ביסלעכווײַז זייער לעבנס־אָטעם אויסגעהויכט.

און ווידער אַמאָל, ווי אין די ערשטע יאָרן פֿון „בונד“, האָט מען דעם פּראָפֿעסיאָנעלן קאַמף, וועלכער האָט, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אויך אין טאָג זיך נישט געקאָנט אָפּשטעלן, געמוזט אָרגאַניזירן און פֿירן אומלעגאַל, אונטער דער ערד. און ווידער אַמאָל זײַנען חאָם געווען די בונדישע טוער און די אָפּגעשוואַכטע בונדישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אין דער דעמאָלדיקער פֿינסטערער צײַט מיט'ן דאָזיק'ן קאַמף אָנגעפֿירט; ס'איז גענוג צו דערמאָנען דעם גרויסן בעקער־שטרײַק אין וואַרשע (1909), דעם לאַנגען שטרײַק אין גאַנצן בערשטער־ראַיאָן פֿאַר אײַנהאַלטן דעם 8־שעה'דיקן אַרבעטס־טאָג אין דער דאָזיקער שעדלעכער פֿאַר'ן געזונט פּראָדוקציע (1911) און אַ רײַע אַנדערע גרעסערע און קלענערע פּראָפֿ. קאַמפֿן.

די פֿראַגע וועגן נייטראַליזם פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג, וואָס איז אין יענער שווערער רעאַקציע־צײַט אַנטשטאַנען האָט נישט באַקומען קיין ברייטע אַנטוויקלונג. אַז די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַרײנען זאָלן בלײַבן אינגאַנצן נייטראַל צו דער פּאָליטישער קלאַסן־באַוועגונג פֿון פּראָלעטאַריאַט, וואָס איר אויסדרוק איז זײַן פּאָליטישע פּאַרטיי, — דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט האָט אַפֿילו אין יענעם פֿינסטערן פּעריאָד קיין סך אָנהענגער נישט באַקומען. אַ טייל חברים האָבן דורך דעם נאָר געדאַכט אויסצומײַדן די רעפּרעסיעס מצד דער פּאָליציי, רעכענענדיק, אַז אויב די פּראָפֿ. פֿאַרײנען וועלן פּראָקלאַמירט ווערן אַלס פֿולשטענדיק נייטראַלע בנוגע די פּאָליטישע פּאַרטייען, וועט די וואַכזאַמע אויג פֿון דער פּאָליציי זיי אויפֿהערן צו פֿאַרפֿאָלגן.

אַ מער שטאַרקערע באַוועגונג פֿאַר'ן נייטראַליזם איז געווען צווישן די חברים אין דרום־רוסלאַנד, ווו דער פּאַרטיי־קאַמף פֿאַר די העגעמאָניע אין דער פּראָפֿ. באַוועגונג איז געווען באַזונדער שטאַרק סײַ צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס אינעווייניק פֿון ר. ס. ד. א. פּ., סײַ צווישן דער לעצטער און די ס. ר.; די אָנהענגער פֿון נייטראַליזם האָבן דורכדעם געוואָלט אויסמײַדן די פּאַרטייאישע און פֿראַקציאָנעלע רײַסענישן אויפֿ'ן פֿעלד פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג. אָבער אויך זייער נייטראַליזם איז מער נישט געווען געווענדעט קעגן דער אָפֿיציעלער פּאַרטייאישקייט פֿון די פֿאַרײנען, אָבער נישט בנוגע פּאָליטיק בכלל. אַז די פּראָפֿ. פֿאַרײנען דאַרפֿן זיך פֿאַרמאַכן אין די שמאָלע ד' אַמות פֿון ריין פּראָפֿעסיאָנעלן קאַמף, אַז זיי דאַרפֿן זײַן אָפּגעריסן פֿון דער פּאָליטישער באַוועגונג, אַז זיי דאַרפֿן זײַן נייטראַל צום פּאָליטישן קלאַסן־קאַמף, — אָנהענגער פֿון אַזאַ אַרט נייטראַליזם זײַנען אין „בונד“ נישט געווען בנמצא.

די 8־טע קאָנפֿערענץ פֿון „בונד“ (אויגוסט 1910) האָט אונטערגעפֿירט אַ סך הכל צו אַלע דיסקוסיעס, וועלכע זײַנען אין יענעם פֿינסטערן פּעריאָד אַנטשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאַמאָלדיקע באַדינגונגען פֿון דער פּאַרטייאישער און פּראָפֿעסיאָנעלער אַרבעט; אין דער רעזאָלוציע וועגן דער פּראָפֿעסיאָנעלער אַרבעט ווערט אונטערגעשטראָכן די נויטיקייט פֿון אַ ענגער אידייאישער פֿאַרבינדונג צווישן דער פּאַרטיי און די פּראָפֿ. פֿאַרײנען; וועגן אַנדערע פֿאָרמען פֿון פֿאַרבינדונג רעדט זיך אין דער רעזאָלוציע נישט. ס'זײַנען אויף אַזאַ אופֿן ענדגילטיק ליקווידירט געוואָרן די רעשטלעך פֿון דער אַמאָליקער אָפֿיציעלער

פֿאַראייניקייט, און ס'איז פֿאָרמולירט געוואָרן דער פּרינציפּ וועגן פּאָליטישן אינהאַלט פֿון דער פּראָפֿ. באַוועגונג, וועגן דער וויכטיקייט, אַז אין די פּראָפֿ. פֿאַרײנען זאָל זיך הערן שלאָגן דער דופּק פֿון פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף, אַז האַרטן זאָל אויך אַ מינוט ניט אָפּגעלאָזט ווערן פֿון אויג די אַלגעמיינע פּערספּעקטיוו פֿונעם דאָזיקן קאַמף, דער ענד־ציל פֿון דער פּראָלעטאַרישער קלאַסן באַוועגונג — דער סאָציאַליזם.

IV. אין די שטורמישע יאָרן פֿון דער רעוואָלוציע.

שמאָל זײַנען געווען די ראַמען, אין וועלכע די פּראָפֿ. באַוועגונג איז אַרײַנגע־פּרעסט געוואָרן אין די פֿינסטערע רעאַקציע־יאָרן און אויך שפּעטער אין דער אויפֿ־בלי־צײַט (1912—1916). ס'האָט אין אַזאַ צײַט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן וועגן אַ ברייטער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג אין מאָדערנעם זין פֿון וואָרט, וועגן בילדן גרויסע פּראָפֿ. פֿאַרײנען, וואָס זאָלן אַרומנעמען דעם רוב גרעסטן טייל אַרבעטער פֿון געגעבענעם אינדוסטרי־צווײַג, אָן אונטערשייד פֿון נאַציע און געשלעכט. ס'זײַנען דעריבער אין יענער צײַט ניט אַנטשטאַנען די פֿראַגן וועגן פֿאַכאָווע אָדער אינדוסטרי־פֿאַרײנען, וועגן אינטערנאַציאָנאַלע אָדער נאַציאָנאַלע פֿאַרײנען א. אז. וו.

ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, האָט דער „בונד“ נאָך אין יאָר 1906 אויף זײַן זיבעטער קאָנפֿערענץ פֿאָרמולירט דעם פּרינציפּ פֿון אינטערנאַציאָנאַלע פּראָפֿ. פֿאַרײנען מיט נאַציאָנאַלע סעקציעס אויף צו פֿירן די קולטור־און אויפֿקלערונגס־אַרבעט צווישן די מיטגלידער פֿון די באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס געהערן צום פֿאַרײן. דורכפֿירן דעם דאָזיקן פּרינציפּ אין לעבן אין אַ ברייטן מאַס־שטאַב *) האָט געשטערט דעם „בונד“ ניט זײַן „נאַציאָנאַליזם“ און „סעפּאַראַ־טיזם“, — וואָס האָט עקזיסטירט אַלײן בלויז אין דער פֿאַנטאַזיע פֿון זײַנע קעג־נער, — נאָר די שווערע צײַט פֿון דער רעאַקציע, וועלכע, ווי געזאָגט, האָט ניט דערלויבט צו אַנטוויקלען זיך אַ ברייטע פּראָפֿעסיאָנעלע באַוועגונג. ערשט נאָכן אויסברוך פֿון דער 2־טער רוסישער רעוואָלוציע (1917) האָט דער „בונד“ זיך גענומען פּראַקטיש פֿאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן פּרינציפּ און אַנטוויקלט אים אין צענטער פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג.

אויף דער אַלרוסלענדער קאָנפֿערענץ פֿון די פּראָפֿ. פֿאַרײנען (יוני 1917), ווו ס'זײַנען געווען פֿאַרטראָטן אַ מיליאָן מיט 400 טויזנט פּראָפֿעסיאָנעל אָרגאַ־ניזירטע אַרבעטער פֿון גאַנץ רוסלאַנד האָט דער „בונד“ געהאַט 14 דעלעגאַטן (פֿון 200); דעם רעפֿעראַט וועגן קולטור־אַרבעט אין די פּראָפֿ. פֿאַרײנען האָט געהאַלטן דער בונדיסט ליבער; ער האָט באַגרינדעט דעם שטאַנדפּונקט פֿון „בונד“ וועגן אינטערנאַציאָנאַלע פּראָפֿ. פֿאַרײנען מיט נאַציאָנאַלע קולטורעלע סעקציעס; דער צוזאַמענפֿאָר האָט אָנגענומען דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט און באַשלאָסן צו בילדן אין יעטווידן אינטערנאַציאָנאַלן פֿאַרײן נאַציאָנאַל־קולטורעלע קאָמיסיעס.

*) איינצעלנע אינטערנאַציאָנאַלע פֿאַראייניגן האָבן יאָ עקזיסטירט אין ראַיאָן פֿון „בונד“, ווי למשל, אין ווילנע (זאָקן־מאַכער, לעדער־אַרבעטער, טאַבאַק־אַרבעטער), קיעוו (קאָמאַשן־מאַכער), ריגע (קאָמאַשן־מאַכער) און אַנד. ה. ל.

וועלכע זאָלן אַרבעטן אונטער דער השגחה פון פאַרוואַלטונג. דאָס איז געווען אין די ערשטע חדשים פון דער רעוואָלוציע, ווען די שאַפונגס־אַרבעט האָט נאָך נישט אָנגענומען אַ ברייטן אומפאַנג. ווען מיט אַ יאָר שפּעטער (מאַי 1918) האָט זיך צונויפגעקליבן אין קיעוו דער צוזאַמענפאָר פון די פּראָפ. פאַריינען פון גאַנץ אוקראַינע, זיינען פון 550 דעלעגאַטן, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט אַ האַלבן מיליאָן פּראָפעסיאָנעל אָרגאַניזירטע אַרבעטער, געווען 80 בונדיסטן; אין אַל־אוקראַינישן ראַט פון די פּראָפ. פאַריינען (37 מיטגלידער) זיינען אַריין 9 בונדיסטן; אויך דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען די טעזיסן פונם בונדישן רעפערענט וועגן נאַציאָנאַל־קולטורעלע סעקציעס אין די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָפ. פאַריינען. פון די באַריכטן אויף יענעם צוזאַמענפאָר איז געווען צו זען, אַז אין אַלע פּראָפ. פאַריינען פון יענע אינדוסטריע־צווייגן, וואו ס'זיינען באַשעפטיקט אַ גענוגענדער צאָל יידישע אַרבעטער, האָט דער „בונד" געשפּילט אַ פירענדיגע ראָל.

V. אין פּוילן בעת און נאָך דער רעוואָלוציע.

אַ ברייט פעלד פאַר פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט האָט זיך געעפנט פאַרן בונד אין פּוילן מיט'ן אַוועקגיין פון דער צאַרישער מאַכט. אויסנוצענדיג די געלעגנהייט, וואָס די אַלטע מאַכט איז אַוועק און די נייע האָט נאָך נישט בעוויזן אַרויפצולעגן איר אייזערנע פויסט אויפ'ן געזעלשאַפטליכן לעבן האָבן די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין וואַרשע, לאָדז, ווילנע תיכף אויפגעבויט אַ גאַנצע רייע פון פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען; אַהין זענען אַריינגעצויגן געוואָרן ברייטע מאַסן מיטגלידער. צוליב דער שרעקליכער אַרבעטסלאָזיגקייט, וואָס האָט געהערשט כמעט די גאַנצע צייט פון דער אָקופּאַציע, האָבן די פאַריינען זיך פאַרנומען הויפּטזעכליך מיט ווירטשאַפטלעכער הילף: ס'זענען איינגעאָרדנט געוואָרן ביליקע טיי־האַלעס, קיכן, אַ ביליגער ברויט־פאַרקויף א. ד. גל., וואָס האָט פיל מיטגעהאָלפן צו לינדערן די שרעקלעכע נויט פון די ברייטע מאַסן אַרבעטסלאָזע; די פאַריינען האָבן אויך געפירט אַ ברייטע אויפקלערונגס־אַרבעט דורך איינאָרדנען פאָרלעזונגען, שמועסן, אָוונטן א. ד. גל.

לויט די סטאַטוטן זענען די געגרינדעטע פאַריינען געווען אינטערנאַציאָנאַלע און צענטראַלע; אין זיי האָבן געקאָנט איינגעשריבן ווערן אַלס מיטגלידער אַלע אַרבעטער פון געגעבענעם אינדוסטריע־צווייג אָן אונטערשייד פון נאַציע; זיי האָבן אויך געקאָנט עפענען אָפּטיילונגען אין אַנדערע שטעט. דאָס לעצטע איז אָבער געווען זייער שווער דורכצופירן צוליב די שיקאַנעס מצד דער אָקופּאַציע־מאַכט, וועלכע מאָלעסטירענדיק די שוין עקזיסטירענדע פאַריינען האָט נישט דערלויבט צו עפענען נייע און בכלל מיט אַלע מיטלען געשטערט די אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט פון די פאַריינען. וואָס איז שייך דעם אינטערנאַציאָנאַליזם איז ער אויך די ערשטע צייט געבליבן בלויז אין סטאַטוט אין וואַרשע און לאָדז, וואו די די אָרגאַניזירונג פון די אַרבעטער איז געגאַנגען לויט דער נאַציאָנאַלער און פאַרטייאישער ליניע. אַזוי ווי די אָקופּאַציע־מאַכט האָט נישט דערלויבט קיין שום טעטיקייט פון אַ פּאָליטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, האָבן די פּאַרטייען זיך באַמיט צו שאַפן זייערע עקספּאָזיטור דורך גרינדען פּראָפ. פאַריינען; אויף דער פּוילישער גאַס זענען דאָס געווע־

בײדע פּאַרטײען פֿון פּ. פּ. ס. (פּראַװיצאַ און לעװיצאַ) און די פּ. ס. ד., אױף דער ייִדישער גאַס — בונד, פּ. צ. און ס. ס. בלױז אין װילנע זענען דאָס רוב פֿאַרײנען געװען אינטערנאַציאָנאַלע און דאָס צענטראַל־ביוראָ איז באַשטאַנען פֿון קריסטן און ייִדן. אין װאַרשע איז נאָר דער טאַבאַק־פֿאַרײן געװען אַ אינטערנאַציאָנאַלער, מעגליך אױך דער פֿאַרײן פֿון בױ־אַרבעטער.

הגם די גרינדער און טוער פֿון דער פּראָפֿ. באַװעגונג אין פּױלן בעת דער אָקופּאַציע זענען געװען בונדיסטן, הגם אין זײערע הענט איז געלעגן דער גאַנצער פֿאַרװאַלטונגס־אַפּאַראַט פֿון די פֿאַרײנען און אומעטום האָבן זײ געבילדעט די מערהײט, — זענען דאָך די פֿאַרײנען געבליבן אין אָרגאַניזאַציאָנעלער הינזיכט אומפּאַרטײאיש; אין אַלע פֿאַרװאַלטונגען זענען צוגלײַך מיט די בונדיסטן געזעסן אױך אומפּאַרטײאישע חברים, װעלכע האָבן זיך אױסגעצײכנט מיט זײער אַקטיװי־קײט אין די פֿאַכן. דער גײַסט פֿון בונד און זײַן פּאָליטישער אײַנפֿלוס אין די פֿאַרײנען איז אונטערגעהאַלטן געװאָרן דורך די פּאַרטײ־חברים, װעלכע זענען געװען עוסק אין פּראָפֿעסיאָנעלן געביט און װעלכע פֿלעגן אױף אַזאַ אופֿן אַלע מאָל דורכפֿירן באַשלוסן אונטערצושטיצן דעם בונד אין אַלע זײַנע פּאָליטישע אַרױס־טרעטונגען; אַזױ איז דאָס געװען בעת די װאַלן צו די שטאָט־ראַטן און אַנדערע פּאָליטישע אַקציעס. און דעם דאָזיקן פּרינציפּ װעגן דער אידײאישער פֿאַרבינדונג צװישן דער פּאַרטײ און די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַרײנען האָט אױך פֿיקסירט די 1־טע פֿאַר דער צײַט פֿון דער אָקופּאַציע, קאָנפֿערענץ פֿון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פּױלן, (לובלין, דעצעמבער 1917), װעלכע האָט אין אַ רעזאָלוציע װעגן די פּראָפֿ. פֿאַרײנען פֿאַרפֿליכטעט יעדן פּאַרטײ־חבר צו זײַן אַ מיטגליד פֿון זײַן פּראָפֿ. פֿאַרײן און דורכדעם אונטערהאַלטן דאָרטן די אידײאישע װירקונג פֿון דער פּאַרטײ.

דאָס אַװעקגײן פֿון דײַטשן אָקופּאַנט און דאָס ענטשטײן פֿון אַן אומאָפּהענגיק פּױלן האָט געגעבן אַ שטױס פֿאָרױס די פּראָפֿעסיאָנעלע באַװעגונג. די פֿאַרײנען האָבן זיך גענומען צענטראַליזירן און עפֿענען פֿיליעס איבערן גאַנצן לאַנד, אין יעט־װעדער גרעסערע שטאָט זענען געשאַפֿן געװאָרן צענטראַל־ביוראָס און ראַטן, װאָס פֿאַראײניקן אַלע פֿאַרײנען אין שטאָט; ס'איז צוזאַמענגערופֿן געװאָרן אַ לאַנד־קאָנ־פֿערענץ פֿון די פּראָפֿ. פֿאַרײנען פֿון ייִדישע אַרבעטער, ס'איז געבילדעט געװאָרן אַ צענטראַלע פֿאַרן גאַנצן לאַנד — דער לאַנד־ראַט פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַרײ־נען. די מלחמה מיט רוסלאַנד און רעפּרעסיעס, װאָס האָבן זיך דאַן אַ שאָט געטון אױפֿן בונד, האָבן אױף אַ קורצן משך צײַט פֿיל געשטערט אױך דער װײַטערדיקער אַנטװיקלונג פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַרײנען. אָבער גאָר גיך האָבן זײ זיך ערהאָלט פֿון די באַקומענע קלעפּ, די אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט איז װידער אַװעק מיט אַ האַסטיקן טעמפּאָ. די קלײנע פּאַר־פֿאַראײניגלער, װעלכע האָבן זיך געפֿונען אונטער דער װירקונג פֿון די פּ. צ. און „פֿאַראײניקטע", האָבן זיך אַרײַנגעגאָסן אין די גרױסע אינדוסטריע־פֿאַרײנען; דער פּאָליטישער אײַנפֿלוס פֿון די דאָזיקע פּאַרטײען איז בטל בשישים געװאָרן און ס'רוב מנין ורוב בנין פֿון די פּראָפֿעסיאָנעל אָרגאַני־זירטע ייִדישע אַרבעטער, װעלכע גײען אונטער דער פֿאָן פֿון „בונד", װאָס ס'האָט בולט באַװיזן די 2־טע לאַנד־קאָנפֿערענץ פֿון די ייִדישע פּראָפֿ. פֿאַרײנען (מאַי 1922) און אױך דער אַלגעמײנער קאָנגרעס פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַרײנען פֿון

פּוילן, וואָס איז דעם זעלבן חודש פֿאָרגעקומען אין קראָקאָ: פֿון די 33 דעלעגאַטן אויף דער קאָנפֿערענץ זענען געווען 28 בונדיסטן, 5 „רויטע“, 4 פּ. צ. און 1 פֿאַראייניקטער, אויפֿן קאָנגרעס זענען פֿון די אַנוועזנדע 31 ייִדישע דעלעגאַטן געווען 25 בונדיסטן, 3 פּ. צ. און 3 „רויטע“.

מאַכנדיק אַ סוף צו דער צושפּליטערונג פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג אויף דער ייִדישער אַרבעטער-גאַס, זענען די חברים פֿון „בונד“ צוגעטראָטן צו דער צווייטער וויכטיקער אויפֿגאַבע — צו פֿאַרייניקן די פּראָפֿעסיאָנעל אָרגאַניזירטע ייִדישע אַרבעטער מיט די פּויליש. אויך די האָזיקע אַרבעט איז געקרוינט געוואָרן מיט ערפֿאָלג אַדאַנק דער אויסגעהאַלטענער טאַקטיק פֿון „בונד“. זײַן פּרינציפּ, וועלכן ער האָט פֿון אָנהויב-אָן (נאָך אויף דער 7-טער קאָנפֿערענץ אין יאָר 1906) אַרויסגערוקט בנוגע דער זעלבסטשטענדיקער קולטור-אַרבעט אין די אינטערנאַציאָנאַלע פֿאַראיינען, האָט ער אויך דאָ פֿאַרטיידיקט מיט גרויס מוט און פֿעסטקייט און ענדליך, נאָך אַ לאַנגען און שווערן קאַמף, האָט דער האָזיקער פּרינציפּ געזיגט: אין פֿאַראייניקונגס-אַקט, וואָס דער לאַנדראַט פֿון די ייִדישע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען האָט געשלאָסן מיט דער צענטראַל-קאָמיסיע פֿון די פּוילישע פּ. פֿ. און וועלכער איז אַקצעפּטירט געוואָרן דורכן קאָנגרעס פֿון די פּראָפֿ. פֿאַראיינען פֿון פּוילן (קראָקאָ, יוני 1922) — איז דער דאָזיקער פּרינציפּ דורכגעפֿירט געוואָרן: מיט דער קולטור- און אויפֿקלערונגס-אַרבעט צווישן די ייִדישע אַרבעטער אין די פֿאַראייניקטע פּראָפֿ. פֿאַראיינען וועלן זיך פֿאַרנעמען ספּעציעלע קאָמיסיעס, געקליבן דורך די ייִדישע אַרבעטער גופֿא; אין יעטווידער שטאָט וועט געבילדעט ווערן אַ צענטראַל-אַמט פֿאַר קולטור-אַרבעט, דאָסגלײַכן געקליבן פֿון די ייִדישע אַרבעטער גופֿא.

די פֿאַראייניקונג פֿון די באַזונדערע פֿאַראיינען האָט זיך שוין אָנגעהויבן (נאָדל, לעדער, טעקסטיל, דערנערונג און אַנד.) און ווערט דורכגעפֿירט אין לעבן; דער פּראָצעס איז אַ קאָמפּליצירטער, דער וועג איז אַ שווערער, אָבער אויפֿן האָזיקן שווערן וועג גייען די פּראָפֿעסיאָנעל אָרגאַניזירטע ייִדישע אַרבעטער אונטער דער אַלטער אויסגעפּרוּווטער פֿאָן, וועלכע איז פֿאַנאַנדערגעוויקלט געוואָרן אויף דער ייִדישער אַרבעטער-גאַס מיט 25 יאָר צוריק — אונטער דער קאַמפּף-פֿאָן פֿון אַלגעמיינעם ייִדישן אַרבעטער-בונד.

*

ס'זײַנען אַוועק 25 יאָר. פֿאַרפּלאָנטע, פֿאַרהאָרעוועטע האָבן געפֿינסטערט די ייִדישע פּועלים אין אַלע שטעט און שטעטלעך פֿון תּחום; אַ אומבאַגרענעצטער אַרבעטסטאָג, אַ נידעריקער לוין, קיין שפּור פֿון מענטשלעכער באַהאַנדלונג. אויסגעטריקנטע ביינער, צושאָטענער מענטשן-שטויב.

ס'איז געקומען דער „בונד“ און האָט אויף דער האָזיקער פֿאַרפֿינסטערטער אַרבעטער-גאַס פֿאַנאַנדערגעוויקלט די רויטע פּראָלעטאַרישע פֿאָן, האָט אין די אויסגעטריקנטע ביינער אַ רוח-חיים אַרײַנגעבלאָזן, האָט פֿון צושאָטענעם פּראָלעטאַרישן מענטשן-שטויב מעכטיקע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען אויסגעבויט. די פֿאַרפֿינסטערטע פּועלים האָבן זיך דעם רוקן אויסגעגלײַכט, און שטאָלצע קאַמפּסלוסטיקע פּראָלעטאַריער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן; זיי פֿאַרהערשן איצט די פּראָדוקציע אין זייערע פֿאַכן, זיי באַשטימען דעם לוין, האָבן אויסגעקעמפֿט דעם 8-שעה'דיקן אַרבעטסטאָג און שטייען גרייט אין קאַמף פֿאַר ווײַטערדיקע נצחונות אונטער דער זעלבער אַלטער פֿאָן פֿון „בונד“.

ו. שולמאַן

אן אויפטו פון דער צארישער אכראנע.

(אנ׳עפיזאד פון די יארן 1905—1904).

אין פרילינג 1904 האט מיר דער צ. ק. פון בונד „איבערגעגעבן" די רעזידענץ פון דער איצטיקער ליטווישער מלוכה — קאונע. איך האב באקומען א „פעסיל" („אפאעזיע") אויפ׳ן נאמען „סימכעל דאווידאוו סעגאל", א קארב מאי-ליטעראטור, א „יאווקע", און בין בשלום אנגעקומען קיין קאוונע צוזאמען מיט דער ליטעראטור.

איך האב דארט געטראפן זייער א שוואכע באוועגונג, סיי צווישן די ארבעטער, סיי צווישן דער אינטעליגענץ. געקומען בין איך ענדע אפריל, קוים-קוים איינגעשטעלט אביסל די „סכאדקעס" און „צענטר", און שוין אין יולי בין איך געבליבן אליין ביי דער ארבעט: אין א געוויסן יולי-אוונט האט די פאליציי ארעסטירט אויף א דיסקוסיע די בעסטע מענטשן פון דער באוועגונג. ווי ס׳פלעגט זיך אפט פירן אין יענע צייטן, פלעגט מען, גייענדיק אויף א גרעסערע קאנספיראטיווע זיצונג, כאטש איינעם פון די אנפירער לאזן אויף „זאפאס": טאמער „פארשיט" מען זיך, זאל אמווייניקסטען פארבלייבן איינער, וואס האט פארבינדונגען מיט דער מאסע און מיט׳ן צ. ק. דאס מאל איז דער אומאנגענעמער גורל געפאלען אויף מיר.

ביז פארטאג בין איך געשטאנען ביי׳ם פענסטער פון מיין „זומער-וווינונג" (אזוי פלעגט מען רופן די וווינונג פון א בורזשוי א סימפאטיקער, וואס פלעגט אליין ווירקלעך ארויספארען אויף א זומער-וווינונג, און זיין שטאדטישע וווינונג לאזן פאר אונז), וועלכע האט זיך געפונען אין צענטער פון שטאט, אויפ׳ן ווינקל פון צוויי גאסן, און ארום 6 אין דערפרי האב איך דערזעען, ווי פאליציי פירט איינציקווייז די „פארברע-כערס"—מיינע חברים, צווישן זיי די חבר׳טע „העלענע" (כאצקילס, דאן, א איבערגעבענע די בעוועגונג קאוונער לערערקע), מיין איינציקע מיטאר-בייטערין אין קאמיטעט.

איך בין געבליבן גאנץ אליין. איך האב אנגעהויבן אויפסניי צוזא-מענשטעלן „סכאדקעס", איינארדנען א „צענטר", און די ארבייט איז ביס-לעכווייז אוועק. לשם קאנספיראציע האט מען נישט געטארט וויסן, אז איך בין אין קאמיטעט אנ׳אמתער בן-יחיד. איך פלעג קומען אויף די זיצונג פון „צענטר" מיט באשלוסן און פארשלאגן פון „קאמיטעט": דע קאמיטעט

האָט בעשלאָסן, דער קאָמיטעט לייגט פֿאָר א. אַ. וו. איך מיין, אַז די אַנדערע מענטשן האָבן גוט פֿאַרשטאַנען, אַז דער קאָמיטעט—דאָס בין איך קליין, אָבער קיינער האָט נישט, געוואַגט צו פֿרעגן. „קאָמיטעט" — איז „קאָמיטעט".

און איז דאָ אַ קאָמיטעט, מוז ער אויף אַלץ רעאַגירן. אָט איז „באַזייטיקט" געוואָרען דורך די ס-ר'ן דער באַרימטער פּלעווע. ווייל דער „קאָמיטעט" נישט שווייגן. זאָלן די אַרבעטער וויסן, אַז דער „קאָמיטעט" אנערקענט דעם טעראָר פֿון יחידים, אַלס אַ נישט-צוועקמעסיק מיטל, זאָלן דערהויפּט אַלע זען, אַז דער קאָמיטעט עקזיסטירט, זאָל די פּאָליציי וויסן, אַז זי האָט נאָך ווייט נישט ליקווידירט דעם בונד. דער „קאָמיטעט" שרייבט-אָן אַ בלעטל אויף יידיש און רוסיש — „אַ קראַנץ פּלעווען". דער „טעכניק" קלאַפּט-אָפּ אויף אַ העקטאָגראַף דעם אויפרוף אין אַ פּאָר הונ-דערט עקזעמפּלאַרן, און אַ פּאָר צענדליק אַרבעטער פֿאַרשפּרייט דאָס בלעטל צווישן דער מאַסע און אין די הייזער, דערביי ווערן ווידער אַרעסטירט אפּאָר אַרבעטער.

מיט קאָוונע האָט זיך, ווייזט אויס, דער צ. ק. ווייניק גערעכנט ער האָט נישט צוגעשיקט קיין נייע מענטשן יעדנפֿאַלס—קיין אַנטשפּרעכנ-דיקע מענטשן. אָט שיקט למשל צו רחמיאל (וויינשטיין, מיטגליד פֿון צ. ק.) אַ האַלב-פֿאַרשלאָפֿענעם אַרבעטער און שרייבט אין רעקאָמאַנדאַציע, אַז דער בעל דבר „כאַפּט נישט קיין שטערן אין הימל".

שלעכט, מ'מוז פֿאָרן קיין ווילנע, וווּ ס'האָט שטענדיק געוווינט דער פֿאָרשטייער פֿון צ. ק. ח' יודין (אייזענשטאַט) זען, אַז דער צ. ק. זאָל זיך מרחם זיין סיי אויף קאָוונע, סיי אויף מ.ר., וואָס בין שוין ממש געפֿאַלן פֿון די פֿיס פֿון דער שווער אָנגעשטרענגטער אַרבעט. האָט אָבער פּאַסירט דאָס, אַז געפֿאָרן בין איך טאַקע קיין ווילנע, אָבער צוריק בין איך דערפֿאָרען נור ביז דער ערשטער סטאַציע פֿון ווילנא—לאַנדוואָראָווע.

און געשעען איז דאָס אַזוי, אַז אַ געוויסן פֿרימאָרגן בין איך אַוועק קיין ווילנע אויסגעקלאָגט מיין ביטער האַרץ פֿאַר דעם ח' יודין. ער האָט מיר צוגעזאָגט גלייך זיך צו ווענדן צו צ. ק. דערווייל דערציילט ער מיר, אַז ס'איז נאָר וואָס אָנגעקומען אַ בלעטל פֿון צ. ק. קעגן דער מלחמה (רוסיש-יאַפּאַנישן). איך האָב באַשלאָסן צו ריזיקירן און אַליין מיט-נעמען דאָס בלעטל קיין קאָוונע.

איך האָב אַזוי אויסגעקאָמבינירט, אַז פֿאָרן צוריק אין קאָוונע זאָל איך אין אָוונט, כּדי די „שפּיקעס" זאָלן מיך אַזוי נישט קאָנען באַמערקן.

איך האָב די בלעטלעך (עפּעס אַ 1500 שטיק) אַרומגעוויקלט אַרום מיין קערפּער, פּעסט אַרומגעשנירט און אַרומגעבונדען מיט אַ רימענדל און בין אַוועק צום וואָקזאַל דורך הינטערגעסלעך. אַ קאָוונער אַרבעטער, וועלכן איך האָב אָפּגעזוכט אין ווילנע, האָט מיר גענומען אַ באַן-בילעט און איך בין בשלום אַריין אין וואַגאָן.

פּאַסאַזשירן איז געווען ווייניק, מיין קופּע ליידיק, אין וואַגאָן טונקל.

אַלץ צוגעפאַסט צו מיין רייזע. אָט עפנט זיך די טיר, און ס'גייען דורך איינער נאָכן אַנדערן עטלעכע פאַרדעכטיקע יודלעך; ס'לויפט דורך אַ געדאַנק — „שפיצלעך". ס'איז שוין דער 2-טער קלינג, באַלד פאָרן מיר. צווישן צווייטן און דריטן קלינג קומט אַריין אַ מיטל-יעריקער פאַרשוין, אַ קריסט, ער זוכט כלומרשט אַ פלאַץ, און ער זעצט זיך פונקט וויזאַווי. פאַסקודנע אויגעלעך, בלאָנדע וואָנסן, אַ רוסישער קאַשקעט מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק אויפן קאָפ. דער חפץ הויפט מיך אָן צו באַאומרויקן. מיר פאָרן שוין. דער גאַסט לייגט זיך אויפן באַנק קעגן מיר, און פאַרמאַכט די אויגן.

איך טראַכט: מ'דאַרף אַרויסוואַרפן די ליטעראַטור. אָבער אַ צווייטער געדאַנק זאָגט — ביז קאָוונע איז דאָ נאָך 3 שעה רייזע, ווען מ'האָט מיך נישט אַרעסטירט אין ווילנע, וויל מען דאָך געוויס זען, צו וועמען איך פיר די ליטעראַטור, ד. ה. מען באַגלייט מיך קיין קאָוונע, דאַרף מען זיך נישט איילן, אפשר אַ טעות. אַ שאָד די בלעטלעך. בעסער אָפוואַרטן און זיך גוט אָריענטירן אין דער סיטואַציע.

איך גיי אַרויס אין קאָרידאָר. אָט-אָט בין איך גרייט אַרויסצווואַרפן די פראָקלאַמאַציעס, אָבער עפעס לאָזט מיך נישט. איך קום צוריק אין וואַגאָן, און באַמערק אַז מיין פאַרדעכטיקער פאַרשוין דרייט זיך עפעס אומרויִק. מיך דערזען, מעסט ער אָפ מיט די אויגן מיין פולע פיגור, און מאַכט ווידער צו די אויגן. איך בין שוין פולשטענדיק זיכער, אַז דער פאַרשוין פאָרט צוליב מיין נשמה וועגן. איך דעצידיר זיך שוין אַנטגילטיק אַרויסצוּוואַרפן די ליטעראַטור, אָבער ס'איז שוין צו שפעט. דער צוג הויבט אָן צו פאַרקלענערן זיין מאַרש. ס'הערט זיך אַן אויסגעשריי פון קאָנדוקטאָר: „לאַנדוואַראָווע!", און אין דעם מאָמענט שטייט שוין אין מיין קופע אַ הויכער געזונטער זשאַנדאַרם.

מיין „פאַרשוין" שטייט שוין אויף די פיס, און... זוכט כלומרשט ביי זיך אין די טאַשן, אויף דער באַנק, אונטער דער באַנק.

— פאַסאַזשיר — ווענדעט זיך צו אים דער זשאַנדאַרם — וואָס איז מיט אייך? האָט איר עפעס פאַרלוירן?

— ס'פעלט מיר מיין פאָרטמאָנעטקע... מיט 2 זילבערנע רובל — ענטפערט מיט אַ וויינענדיקער שטימע מיין חפץ.

— אפשר זייט איר עמיצן ח'שד?

— יאָ. אָט אָט דעם פאַסאַזשיר, — ענטפערט דער „שפיק" און ווייזט אָן אויף מיר.

— האָט איר אַ בילעט? — פרעגט מיך דער זשאַנדאַרם.

— יאָ, — ענטפער איך.

— ווייזט מיר נאָר אייער בילעט.

איך נעם אַרויס דעם בילעט, און אין איין מינוט איז ער שוין טיף אַריינגעשטעקט אין מאַנקעט פון זשאַנדאַרמישן פאַלטאָ.

— גיט מיר אייער פאַס.

דער פּאַס קריכט אויף אַריין אין דעמזעלבן מאַנקעט.

— קומט אַראָפּ אויף די סטאַציע — ווענדעט זיך צו מיר דער זשאַנדאַרם.

איך הויב־אָן שאַרף צו פּראָטעסטירן, פּאָדער מ׳זאָל מיר אומקערן מיין פּאַס און בילעט. ס׳הויבן זיך אָן קלייבן צו אונזער ווינקל איינציקע פּאַסאַזשירן. אַ טייל האָבן די דרייסטקייט צו פּראָטעסטירן, זאָגן עדות, אַז די גאַנצע צייט בין איך אפילו נאָנט נישט צוגעגאַנגען צום „באַ׳גנב׳עטן" פּאַסאַזשיר.

מ׳גיט שוין דעם 2־טן קלינג. דער זשאַנדאַרם איילט מיך, ער דראָט מיך אַראָפּצונעמען מיט גוואַלט. די פּאַסאַזשירן רוקן זיך אָפּ אין אַ זייט. ס׳איז נישטאָ קיין ברירה.

אויף דער סטאַציע פירט מען מיך אַריין אין אַ זשאַנדאַרמען־צימער. דער זשאַנדאַרם מיט׳ן „שפּיצל" גייען אַרויס און שליסן מיך צו.

ס׳פאַלט מיר איין אַ געדאַנק, ווי פּטור צו ווערן פון מיין סחורה. אין דעם צימער ליגן, ווי אין יעדער ביוראָקראַטישער קאַנצעלאַריע, גאַנצע בערג פּאַפּירן, אַקטן, ווען איך מיין סחורה אַריינפּאַקן אונטער די פּאַפּירן און רוף מיך קנאַקניסל. איך הויב־אָן ראַש אָפּצובינדן די שטריקלעך, אָבער צום אומגליק בין איך פעסט און געדיכט אַרומגערינגלט מיט שנורן, און דאָ הערן זיך שוין טריט. ס׳גייען שוין מיינע לייט. מ׳עפנט די טיר. ס׳איז שוין דאָ נאָך אַ פּאַרשוין — ווי ס׳האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, דער בופעטשיק פון וואָקזאַל. דאָס וועט ער זיין דער „אומפּאַרטייאישער" עדות.

איך האַלט אָבער מיין זאַך נאָך נישט אינגאַנצן פאַר פאַרלוירן. איך ערקלער, אַז איך לייד אויפ׳ן מאָגן, און פּאָדער מ׳זאָל מיך גלייך פירן, ווי מ׳דאַרף אין אַזאַ פאַל.

דער זשאַנדאַרם ערפילט מיין ווונש און פירט מיך אַריין אין אַ געוויסן צימער אין 1־טן קלאַס.. ווידער נישט קיין מזל. ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז שעה׳ן־לאַנג וואָלט מען דאָ באַדאַרפט רויק אַרבעטן, כדי פּטור צו ווערן פון דעם באַרג אויפרופן, און דאָ קלאַפּט שוין דער זשאַנדאַרם אין טיר.

איך נעם ענדלעך אַראָפּ פון זיך די גאַנצע מאַסע, מאַך אַ פּעקעלע, פאַרבינד עס מיט׳ן רימענדל, ברייננג אין אָרדנונג מיין טואַלעט און עפן די טיר.

דער זשאַנדאַרם מיט׳ן שפּיצל מעסטן מיך מיט די אויגן... איינער קוקט אויפ׳ן צווייטן: דער פּאַסאַזשיר זייערער איז מיט אַמאָל מאָגערער געוואָרן. דער בופעטשיק ברייננגט אַ האַנט־לעמפּל, דער „שפּיצל" זוכט ענערגיש און הויבט־אויף מיט שמחה מיין פּעקעלע.

— דאָס איז אייערס? — פרעגט מיך דער זשאַנדאַרם.

— ניין. איך האָב נישט געהאַט קיין פּעקלעך.

— וועמענס דען איז דאָס, אַז נישט אייערס?

— איך וויס? ס׳איז דאָך אַ וואָקזאַל.

מ׳פירט מיך צוריק אין זשאַנדאַרמען־צימער, מ׳באַזוכט מיך, אָבער איך האָב שוין נישט קיין פאַרדעכטיקע זאַך.

— נו — פרעג איך נאַאיִוו — ווען האָב איך מיין נאָנטסטן צוג קיין קאָוונע?

— איר וועט שוין קיין קאָוונע ניִשט צוריקפאָרן.

וואָס הייסט — טענה איך — איר האָט דאָך ביי מיר ניִשט געפונען ניִשט קיין געגנבטן פאָרטאָמאָנעטקע, ניִשט קיין זילבערנע רובל.

דער „שפּיק“ שטייט שווייגנדיק מיִט זיינע גלאַנצנדיקע גנבישע אייגעלעך, וואָס קוקן אונטערן דאַשעק. דער זשאַנדאַרם גיט אַ מאַך מיט'ן האַנט:

— נישט וועגן דעם האַנדלט זיך. אָ, יונגערמאַן, יונגערמאַן, וואָס טויג אייך זיך צו פאַרנעמען מיִט אַזעלכע זאַכן.

— איך בין ניִשט קיין גנב — טענה איך מיינס.

דער זשאַנדאַרם ענטפערט שוין גאָרניִשט און פיִרט מיִך אַוועק אין עפּעס אַ מין „קוטוזקע“, ווו מ'פּאַקט מיִך אַריין אין אַ שמוציק, האַלבפינסטער צימערל מיִט אַ גרויסער רוסישער „נאַרע“.

גלייך אין דער פרי האָט מיִך מיין זשאַנדאַרם מיִט זיינעם אַ קאָלעגע אַוועקגעפירט קיין ווילנע אין פּאָליציייִשן אַרעסט, ווו איך בין דאָרט אָפּגעזעסן גאַנצע 8 טעג ביי די ערגסטע באַדינגונגען.

אויפן 8-טן טאָג רופט מען מיִך אין קאַנצעלאַריע. דאָרט וואַרטן שוין אויף מיר אַ זשאַנדאַרמען-אָפיציר (פּאָדפּולקאָווניק פּאַטאַראַקי) און אַ יונגער בייזער געהילף-פּראָקוראָר.

מ'באַשולדיקט מיִך אין געהערן צו דער קאָוונער אָרגאַניזאַציע פון „בונד“ און אין איבערפירן אומלעגאַלע ליטעראַטור.

אויף וועלכן גרונט?

מ'לייענט מיר איבער צוויי דאָקומענטן: דער ערשטער דערציילט, אַז די קאָוונער אָכראַנע האָט געגעבן צוויסן דער ווילנער אָכראַנע, דאָס דעם און דעם טאָג פאָרט אַרויס קיין ווילנע סימכעל סעגאַל מיִטן ציל צו ברענגען אומלעגאַלע אויפרופן קיין קאָוונע... אויף דעם גרונט האָט די ווילנער אָכראַנע נאָכגעשפּירט סעגאַלן, וועלכער איז ווירקלעך קיין ווילנע געקומען, און דער רעזולטאַט — גלעקלעך און אַרעסט.

דער צווייטער דאָקומענט איז געווען אַ פּראָטאָקאָל, וואָס דער זשאַנדאַרם צימערמאַן פון דער סט. „לאַנדוואָראָווע“ האָט צוזאַמענגעשטעלט (אָן מיין וויסן אפילו) און איבערגעשיקט דער זשאַנדאַרמעריע. לויט דעם פּראָטאָקאָל קומט-אויס, אַז די בלעטלעך האָט דער זשאַנדאַרם אַראָפּגענומען פון מיין קערפּער.

איך דערקלער, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ ליגן, און אַז דער „דאָקומענט“ פון קאָוונער אָכראַנע איז אַ פּאַפּירל, וואָס איז געוויס פאַבריצירט געוואָרן אחר המעשה, ד. ה. נאָך מיין אַרעסט.

מיינע אויספאָרשער זענען אויפגערעגט פאַר אַזאַ באַליידיקונג, באַזונדער דער פּראָקוראָר. זיי מאַכן אַ פרישן פּראָטאָקאָל, און דעמזעלבן טאָג שיקט מען מיך איבער אין דער טורמע אויף די „לוקישקעס“.

איך בין זיך פשוט מחיה. איך באַקום אַ ריינע איינצעל-קאַמער, מיִט

אַ אייזערנעם בעטל, מיט אַ טישל, וואָס איז צוגעשמידט צו דער וואַנט, מיט אַ טאַבורעט. קיינער שטערט נישט. ס'איז רויק. אין אַ צווייטן קאַמער זיצט אַ חבר (שוסטער, אַ שילער פון ווילנער לערער-אינסטיטוט). מיר שליסן באַלד באַקאַנטשאַפט דורך די וואַנט. מ'קלאַפּט זיך איבער.

אין אַ פּאָר טעג אַרום הויב איך שוין אָן באַקומען ביכער פון דער טורמע-ביבליאָטעק (ביבליאָטעקאַר איז געווען חבר אַ ל ג י ן). איך באַקום אויך שרייב-געצייג. מיטאָגן ווערן פאַר אונז, „פּאָליטישע“, געקאָכט אין אַ ספּעציעלן קעסל – אויף דעם רעכענונג פון די מער פאַרמעגלעכע חברים און מיט דער הילף פון „רויטן קרייץ“.

אפילו אַ צייטונג האָבן מיר געהאַט – די מאָסקווער „רוסקיאַ וויע-דאָמאָסטי“. מ'דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז ס'איז דאַן געווען דער „פּריווילעג-פּעריאָד“ פון סוויאַטאָפּאָלק-מירסקי, וואָס האָט איבערגענומען די ממשלה נאָך פּלעווען. דער רעזשים בנוגע פּאָליטישע אַרעסטירטע איז געווען אַ ביסל ווייכער.

די „רוסקיאַ וויעדאָמאָסטי“ פלעגט באַקומען (דורך דער טורמע-קאַנצעלאַריע) ח' אַלגין, און ער פלעגט אויף יעדן נומער אויפשרייבן אַ גאַנצן „אַגאָנעק“ נעמען (גאַנץ אָפט ביז אַ 50). און לויט דער רייע פלעגט די צייטונג קורסירן פון איין שטאַק אויפן צווייטן, פון איין קאַמער אין די אַנדערע, אַזוי אַז זי פלעגט אַמאָל אָנקומען צו מיר אויפן 20-טן און אפילו 30-טן טאָג. אָבער וואָס מאַכט עס אויס: אַבי אַ צייטונג איז דאָ.

אין טורמע האָב איך געהאַט אַ מאַסע אַלטע באַקאַנטע. באַלד נאָך מיין אָנקומען אין לוקישקער טורמע, האָט מען געבראַכט אַ גרעסערע גרופּע חברים פון „בונד“ און פון דער רוסל. ס. ד. פּאַרטיי, וועלכע מ'האָט אַרעסטירט אין ווילנע אויף אַ דיסקוסיע אין וואַלד. צווישן דער גרופּע איז אויך געווען ח' ד. ז אַ ס ל אַ וו ס ק י (פּ. באַגראַוו-האַמונקולוס). איך האָב מיך באַראַטן מיט די חברים, און ס'איז געבליבן, אַז איך זאָל דער זשאַנדאַרמעריע אָנרופן מיין אמתן פאַמיליען-נאָמען.

איך האָב געשיקט צו פּאַטאַראַקי (זשאַנדאַרמען-פּאָדפּאָלקאָווניק) אַ בריוו, אַז איך וויל זיך מיט אים זען, און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען מיך אַוועקגעפירט אין באַוווּסטן „14-טן נומער“ אויף אַ „פאַרהער“.

— הער סעגאַל, איר ווילט געוויס זאָגן ווי איר הייסט... מיט די ווערטער האָט מיך באַגעגנט דער געניטער זשאַנדאַרם, פּאַטאַראַקי.

— יאָ. וועגן דעם ענין האָב איך געוואָלט זיך זען מיט אייך.

— ווי זשע הייסט איר?

— פּאָזנאַנסקי.

— האָט איר דערהרגעט אַ מענטשן, ה' פּאָזנאַנסקי, וואָס איר האָט געמוזט לעבן אויף אַ פרעמדן פּאַס? האָט זיך געוויצלט דער זשאַנדאַרם.

— איך בין אַוועק פון פּאָליציייִשער אויפזיכט צוליב מיינעם אַ פּראָצעס אין ק'עווער זשאַנדאַרמען-פאַרוואַלטונג.

— אָ, דאָס איינגאַנצן! ס'האָט נישט געלוינט. און וואָס זאָגט ה' פּאָז-

באנסקי ויעגן דער ליטעראטור, וואס מ׳האט געפונען ביים ה׳ סעגאל?

— ער זאָגט דאסזעלבע, וואס סעגאל: די ליטעראטור איז נישט זיי־נע. דער זשאנדארם האט זי געפונען אין קלאָזעט.

— און איך האב געמיינט, אז פאזנאנסקי וועט אויך אין אנדערע הינזיכטן פארלייכטערן די אויספאָרשונג. נו, און ווער האט אייך געגעבן דעם פאס אויפן נאמען סעגאל?

— וועגן דעם וועל איך נישט געבן קיין דערקלערונגען.

— איך האָב דערוואַרט אַזאַ ענטפער, באַמערקט מיט אַ שמייכעלע דער זשאַנדאַרם.

אין דעמזעלבן טאָג בין איך שוין ווידער געווען אין איין קאַמער אין דער „לוקישקער״ טורמע.

טורמע־נאַטשאַלניק איז דאָרט געווען — דונקל. אַ געוועזענער פריסטאַוו; אַ הויכער געזונטער יונג מיט אַ גרויסן בויך. אַ מענש מיט אַמביציעס און קאַפריזן. האָט מען אים עפּעס דערצאָרנט צוליב נישט אָראָפּנעמען די היטלען פאַר זיין כבוד, האָט ער אָנגעהויבן שיטן מיט רעפּרעסיעס, ביז ס׳איז אויסגעבראָכן אַן אַלגעמיינער הונגער-שטרייק פון אַלע פּאָליטישע.

אויפן 2־טן אָוונט פון שטרייק האָט דונקל געמאַכט אַ וויזיט אין אַלע איינצל-קאַמערן. ער איז אריין צו מיר, און האָט מיר אָנגעהויבן איבערציַיגן, אַז פון דעם הונגער־שטרייק וועט גאָרנישט אַרויסקומען. — שטעלט זיך פאָר, צווישן אייערע חברים געפינען זיך פּשוטע אַרבעטער, מיט צופליקטע שיך און צוריסענע הויזן. אויך מיר פּאָליטישע! וואָלטן אַלע געווען אַזוי ווי נאָוואָמינסקי (אָלגין), זאַסלאַווסקי, פּערל, (דער יעצטיקער פּעפּעסישער דעפּוטאט) סעגאַל אדג״ל. וואָלט גאָר עפּעס אַנדערש געווען. הערט אויף שטרייקן. און דאָ וויל ער מיר נעמען מיט אַ „לעקעכל״:

— איר ליידט אויף די אויגן? ס׳איז דערפאַר, ווייל אייער קאַמער איז אויף צפון־זייט. מאָרגן הייס איך אייך איבערפירן אויפן 4־טן שטאָק אין אַ זוניג-צימער.—גוטע נאַכט. באַטראַכט זיך, וואָס איר טוט. ס׳טוט מיר אמת לייד.

ער האָט געהאַלטן וואָרט. גלייך אין דערפרי האָט מען מיך איבערגעפירט אין אַ ליכטיקע וואַרעמע איינצל־קאַמער. אָבער... אויך פון מיין פענסטער, גלייך ווי פון אַלע אַנדערע, איז דאָס ברויט געפלויגן אויפן הויף. דונקל האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט זיינע רעפּרעסיעס.

אויפן 7־טן טאָג פון שטרייק איז אָנגעקומען אין טורמע אַ קאָמיסיע מיטן גובערנאַטאָר גראַף פּאַלען בראש, וועלכע האָט מיט אַ קאָמפּראָמיס ליקווידירט דעם הונגער־שטרייק.

ענדע יאַנואַר איז אין קאַמער צו מיר געקומען דער פּראָקוראָר מיט פּאַסאַראַקין און האָבן דערקלערט, אַז די אויספאָרשונג איז געענדיקט. אין קאַמער ביי מיר האָבן זיי געלאָזן אַ דיקן העפט אַקטן פון מיין „דיעלאָ״,

אַ זשאַנדאַרם אַלס שומר, און אַליין זענען זיי אַוועק, געבענדיק מיר צוויי שעה צייט אויף איבערצוקוקן די אַקטן.

צווישן די אַקטן האָב איך געפינען גאַנץ קוריאָזע זאַכן. למשל אַזעל־כער: מיט דעם „פעסיל״ סימכל סעגאַל האָבן זיך פאַר מיר נאָך באַנוצט אַנדערע חברים, אַזוי אַז אויף דעם פּאַס זענען געווען אייניקע „יאַווקעס״. איינע אויך פון וואַרשע. מיין ריכטיקע פאָטאָגראַפיע מיטן פאַלשן נאָמען סעגאַל האָט מען געשיקט אין די אַלע שטעט, ווו דער פּאַס איז געווען געמאָלדן. אויך — אין וואַרשע. און שטעלט אייך פאָר, אז די וואַרשעווער פּאָליציי האט צוגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל, דאָס די ווירטין, ווו סעגאַל האָט געוווינט האט דערציילט, אַז סעגאַל איז פּלוצים פאַרשוואונדן געוואָרן, אי־בערלאָזנדיק ביי מיר עפּעס צוויי פאַרדעכטיקע קערב, און... אַז אין דער פאַרגעוויזענער פאָטאָגראַפיע (ד. ה. מיינער!) דערקענט זי איר געוועזענעם סוב־לאָקאַטאָר סעגאַל...

ווען איך האָב דערנאָך אויף אַ טורמע־„שפּאַציר״ דערציילט מיינע חברים וועגן דעם קוריאָז, האָט איינער זיך אָפּגערופן מיט אַ געלעכטער: חבר, דאָס האָב איך דאָרט געוווינט ביי דער מאַדאַם אין וואַרשע... אמת, איך האָב טאַקע דאָרט געלאָזן צוויי קערב.

„ביידע סעגאַלס״ האָבן זיך גראַד געטראָפן אין איין טורמע.

ווען דער פּראָקוראָר מיטן זשאַנדאַרמסקי זענען צוריקגעקומען, האָבן זיי מיר דערקלערט, אַז זיי זענען גרייט מיך אַרויסלאָזן אויף קויציע ביזן געריכט. נאָך אַ לענגערן האַנדל איז מען משוה געוואָרן אויף אַ קויציע פון 200 רובל.

— יעצט האַלט איר זיך שוין אַליין אין אַרעסט, האָט מיט אַ זיס שמייכעלע זיך געזעגנט מיט מיר פּאַטאַראַקי.

אין אַ צוויי וואָכן אַרום האָט אונזער קאָוונער „רויטער קרייץ״ מיר צוגעשיקט די 200 רובל, און איך בין פריי געוואָרן.

מיין פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין סעפּטעמבער 1905, האַרט פאַר די באַרימטע אָקטאָבער־טעג.

די „פּאָליטישע אַדוואָקאַטור״ האָט באַשטימט דעם אַדוואָקאַט קאַז־לאָווסקי (אַ ס. ד.) אַלס מיין פאַרטיידיגער. אין לעצטן מאָמענט האָט מען אָבער קאָזלאָווסקין, וועלכער האָט באַדאַרפט אין דערזעלבער צייט אַרויכטרעטן אין אַ ריגער פּראָצעס (ווו ס׳האָט געדראָט טויט־שטראָף), פאַרביטן מיטן אַדוואָקאַט שאַפּיראָ.

נאָך פריער, אויף אַ באַראַטונג מיט קאָזלאָווסקין איז באַשלאָסן געוואָ־רען, אַז איך זאָל אנערקענען, דאָס איך האָב געפירט די אויפרופן.

דער משפט איז פאָרגעקומען אין ווילנער „סודעבנער פּאַלאַטע״, ווי אַלע פּאָליטישע פּראָצעסן — ביי פאַרמאַכטע טירן. פון אַלע 3 עדות — דער „שפּיצל״, בופעטשיק און זשאַנדאַרם — איז געקומען נאָר דער זשאַנדאַרם צימערמאַן, וועלכער האָט אונטער אַ שבועה איבערגעחזרט אַלע ליגנס, וואָס זענען געווען אין זיין ערשטן פּראָטאָקאָל.

אויף דער פֿראַגע פון פּאָרזיצער, צי איך אנערקען זיך פאַר שולדיק, האָב איך געענטפערט, אַז איך שטעל נאָר פעסט דעם פאַקט, דאָס איך האָב ווירקלעך געפירט די אויפרופן פון צ. ק. פון בונד. און געטון האָב איך עס פולשטענדיק באַוווסטזיניק, די אויפרופן זענען געווען געווענדעט קעגן דער מלחמה, וועלכע איך אנערקען פאַר אַן אומגליק און פֿאַרברעכן בנוגע די פֿאָלקס-מאַסען א. א. וו.

דער פּראָקוראָר האָט געפאָדערט די שטרענגסטע שטראָף לויט די אַרטיקלען 128 און 129.

אַדוואָקאַט שאַפּיראָ האָט זיך געפילפּולט וועגן דעם, אַז אין דעם געזעץ איז פאָרויסגעזען אַ שטראָף נאָר פאַר באַהאַלטן ליטעראַטור און נישט פאַר איבערפירן, אַז די לאָזונגען פון בלעטל: „נידער מיט דער זעלבסט-הערשונג" און „זאָל לעבן דער סאָציאַליזם", זענען גאָרנישט אַזוי שרעקלעך, ווייל דער ערשטער איז שוין כמעט לעגאַליזירט און דער צווייטער — רעדט וועגן אַ ווייטן אידעאַל.

מיין „לעצט וואָרט" האָב איך געווידמעט דער פֿראַגע וועגן „נאָמינעלע געזעצן" און „רעאַלע געזעצן".

ווען איר האָט מיך אַריינגעזעצט אין טורמע — האָב איך צ. א. געזאָגט — איז למשל דאָס „ערפֿורטער פּראָגראַם", „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" וכדומה געווען טריף. ווען אָבער איך בין אַרויס פֿון טורמע, האָב איך אָט די „שרעקלעכע" בראָשורן געפונען אין די שוי-פענסטער פֿון די ביכער-מאַגאַזינען אויף געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט, און די בראָשורן זענען געדרוקט אין לעגאַלע דרוקערייען. אונטערן דרוק פון די מאַסן, האָבן זיך שטאַרק געענדערט די ר ע אַ ל ע געזעצן. איר קאָנט מיך איצט נישט משפטן לויט די נאָמינאַלע געזעצן.

דאָס געריכט האָט מיר פאַרמשפט נאָר אויף 2 חדשים פעסטונג, וועלכע איך בין שוין אויך נישט אָפּגעזעסן צוליב דער אָקטאָבער-אַמנעסטיע.

נאָך דעם משפט האָב איך געאַרבייט אַ פּאָר חדשים אין גראָדנע — ביז איך בין אויך דאָרט „פֿאַרשיט" געוואָרן. איך בין אַוועק אין ווילנע. איך קום אַריין אין געריכט און בעט, מ'זאָל מיר אָפּגעבן מיינע 200 ר. קויציע.

דער סעקרעטאַר פֿון געריכט האָט מיך גלייך דערקאָנט, זייער פריינדלעך אויפגענומען און פֿאַרפירט אַ שמועס וועגן פּאָליטיק, דערביי האָט ער מיר געוויזן (אונטער זיינע אַקטן) אַ לינקע צייטונג מיטן פּאָרטרעט פון גערשוני. ביים געזעגענען זיך זאָגט ער מיר מיט אַ שמייכל טאָן: איך געדענק נאָך אַייערע ווערטער — „נאָמינעלע געזעצן" און „רעאַלע געזעצן".

ל. פאַזנאַנסקי.

דער קאמף פון די יידישע ארבעטער פאר די ארבעטס-בירזשעס.

(א בלעטל געשיכטע.)

איינער פון די זעלטענסטע מאמענטן אין דער געשיכטע פון דער יידישער ארבעטער-באוועגונג, וועלכער איז אגב פאריבער כמעט נישט באמערקט און אין ערגיץ נישט פארצייכנט געווארן, איז אן צווייפל — דער קאמף פון די יידישע ארבעטער אין ליטא, פאר די ארבעטס-בירזשעס.

דער קאמף הויבט זיך אן אין סוף פון 19-טען יארהונדערט בא די יידישע בוי-ארבעטער אין פארשידענע שטעט פון ליטע. צו דער צייט הויבט זיך גלייכצייטיק אן אין יידישען תחום א שטארקע שטרייק-באוועגונג אויך אין אנדערע צווייגן פוןווירטשאפטלעכן לעבן. צום אנהויב פון 20-טען יארהונדערט האט שוין דער עקאנאמישער קאמף פון יידישן פראלעטאריאט, זיינע פאדערונגען, ארגאניזירטקייט און באוואוסטזיניקייט אריבערגעשטייגט די מעגלעכקייטן, וואס האבן געלאזן די פאליטישע באדינגונגען פון יענער צייט. די פאדערונגען פון ארבעטס-בירזשעס זענען נישט געווען ארויסגעשטעלט פון אלע ארבעטער פון דער אדער יענער שטאט צו די ארטיקע זעלבסטפארוואלטונגען אדער מלוכה-אנשטאלטן; די פאדערונג איז אויך נישט געווען ענליך צו די פאדערונגען פון די מערב-אייראפעישע ארבעטער אין דעם געביט: מ'האט נישט געפאדערט שאפן באזונדערע ספעציעלע אנשטאלטן, וועלכע דארפן די ארבעטסלאזע ארבעטער פארזארגן מיט ארבעט, אויסביען צו דעם צוועק געביידעס, אויסהאלטן אנגעשטעלטע, פארוואלטער אויפן חשבון פון דער מלוכה א. ד. ג. נאר די ארבעטער פון איין פאך אדער צווייג האבן פארלאנגט פון זייערע באלעבאטים זיי זאלן נישט נעמען צו דער ארבעט די ארבעטער, וועלכע קומען צו די באלעבאטים א היים און געצוווּנגען זיי נעמען ארבעטער נאר פון די בירזשעס. צו דעם צוועק פלעגן זיך די ארבעטער צונויפקומען אויף א באשטימטן ארט (כמעט אומעטום אונטערן פרייען הימל) און די באלעבאטים האבן פאר אלעמען אין די אויגן זיך געדארפט צונויפרעדן מיט די ארבעטער וועגן פרייז, ארבעטס-טאג און אנדערע באדינגונגען. דורך דעם האבן די ארבעטער געוואלט פארקלענערן דעם אנבאט און פארגרעסערן די נאכפראגע אויף ארבעט.

שוין אין דער ערשטער סטאדיע פון קאמף, האבן די אנפירער פון דער באוועגונג ריכטיק אפגעשאצט א צווייטע אויפגאבע, וועלכע דארף גע-

לייזט ווערן דורך די אַרבעטס־בירזשעס, ווי ווייט מעגלעך, נישט דערלאָזן אַראָפּדריקן דעם אַרבעטס־לוין אין דער צייט פון אַרבעטסלאָזיקייט. זייענדיק שטענדיק צוזאַמען, איז געווען אַ מעגלעכקייט ווידערצושטיין די אַפּעטיטן פון די אונטערנעמער און קאָנטראָלירן די שוואַכערע און ווייניק באַוווּסטזיניקע פון די אַרבעטער.

די אַרבעטער האָבן געקעמפט און זיך דערשלאָגן, אַז אַלע זונטאָג דאַרפן סיי די אַרבעטסלאָזע, סיי די אַרבעטענדע אַרבעטער זיך צונויפקומען אויף דער „בירזשע" און די אָנפירער פון די פּראָפעסיאָנעלע קאָמיסיעס דאַרפן רעגולירן, אַז דער קאָנטינגענט אַרבעטסלאָזע זאָל נישט בלייבן אַ לענגערע צייט איינער און דער זעלבער, ווייל דאָס מוז, אומבאַדינגט ווייטער, פירן צו אומפאַרמיידלעכער קאָנקורענץ צווישן די אַרבעטער. די אַרבעטענדע ווערן אַלע וואָך אָדער צוויי וואָכן, פאַרביטן דורך אַרבעטסלאָזע, אויב אַזעלכע זענען דאָ. אָפט מאָל אַרבעטן אין איין וואַרשטאַט אַ טייל אַרבעטער דעם ערשטן, אַ טייל דעם צווייטן האַלבן טאָג. נאָר אַזוי ווי דאָס רעגולירן און פונאַנדערטיילן די אַרבעט צווישן די אַרבעטער, ווי איבערהויפּט דאָס קומען אויף דער בירזשע האָט ביי די אַרבעטער, וואָס האָבן געוווינט אין פאַרשידענע עקן פון שטאָט אָפּגענומען אַ סך צייט, האָבן זיך די בירזשעס דורך לאַנגע און שווערע שטרייקן דערשלאָגן, אַז זונטאָג זאָל זיך די אַרבעט אין די וואַרשטאַטן אָנהויבן מיט אַ שעה שפּעטער ווי אַלע טאָג. עס פאַרשטייט זיך, אַז די באַלעבאַטים האָבן פון זייער זייט געפירט אַ שטענדיקע מלחמה קעגן די „בירזשעס" און די שטרייקן, איבערהויפּט אין האַרבסט, פלעגן זיך פאַרציען אויף גאַנצע חדשים.

די אונטערנעמער האָבן אָבער אויך ריכטיק אָפּגעשאַצט די געפאַר, וואָס שטעקט פאַר זיי אין דער „בירזשע" און זיי פלעגן זוכן אַלערליי מיטלען ווי אַזוי זיי צו פאַרניכטן. אַזוי צ. ב. ש. האָבן די דווינסקער סטאָליאַרעס געפירט אַ קאַמף פאַר דעם אָרט פון דער „בירזשע". די אַרבעטער האָבן אויסגעקליבן אַן אָרט פאַר דער „בירזשע" אויף איינע פון די צענטראַלע גאַסן (ריגער גאַס), דאָס איז די באַלעבאַטים נישט געפעלן. זיי האָבן געטענהט, אַז „זיי ווילן זיך נישט מאַכן צו לייטישע געלעכטער און פירן זייערע אונטערהאַנדלונגען מיט די אַרבעטער פאַר אַלעמען אין די אויגן". זיי האָבן דעריבער פאַרלאַנגט, אַז די „בירזשע" זאָל איינגעאָרדנט ווערן הינטערן שטאָט (עקספּלאַנעט) אויף אַן אָרט אַ פאַרוואָרפענעם, אַ בלאָטיקן, וואָס וואָלט געשטערט די אַרבעטער רעגולער זי צו באַזוכן. די באַלעבאַטים האָבן אפילו צוגעזאָגט איי ארדנען אויפן נייעם אָרט אויף זייער חשבון בענק צום זיצן. די ארבעטער האָבן אָבער גאַנץ גוט פאַרפאַרשטאַנען דעם ריכטיקן מיין פון אַזאַ גוטהערציקייט און זענען געבליבן אויף זייער אַלטן אויסגעקליבענעם אָרט.

די באַלעבאַטים האָבן זיך אויך געפּרובירט געבן אַ טויט־קלאַפּ די „בירזשעס" נישט נאָר אין אָפענעם קאַמף: אַזוי צ. ב. ש. פלעגן זיי זיך צוזאַמענרעדן און קומען אויף דער „בירזשע" אָנדינגען ארבעטער נאָר

מאָנטאָג, כדי די אַרבעטער זאָלן פארלירן אַ טאָג אַרבעט. אויף דעם האָבן די אָנפירער פון די „בירזשעס" געענטפערט מיט אַ קאָנטער־קלאַפּ: זיי האָבן געפאָדערט, אַז אויב מ׳נעמט אַן אַרבעטער צו דער אַרבעט מאָנטאָג, זאָל דער אונטערנעמער זיין מחויב אים צאָלן פאַר אַ גאַנצע וואָך, אָדער דער אַרבעטס־לוין זאָל מאָנטאָג זיין העכער ווי זונטאָג.

כאַראַקטעריסטיש איז פאַר יענער צייט דער סיסטעם, וואָס די בירזשעס האָבן איינגעפירט, אַז אַן אַרבעטער דאַרף נישט אַרבעטן אויף איין אָרט מער ווי אַ באַשטימטע צייט — 4–5 וואָכן. היינט קלינגט עס כמעט ווי אַ וויץ, היינט, ביי דער מאָדערנער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע קעמפט דערפאַר, אַז אַן אַרבעטער זאָל נישט אָפּגעזאָגט ווערן אָן געוויסע סיבות, אָן דעם וויסן פון פראָפ. פאַריין, אַז דער אַרבעטער זאָל נישט געשליידערט ווערן פון איין אָרט אויפן צווייטן לויטן ווילקיר פון אונטערנעמער, היינט — זאָגן מיר — זעט אויס די אויבנדערמאָנטע סיסטעם אַפילו רעאַקציאָנער. נאָר אין יענער צייט, אין אָנפאַנג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט די דאָזיקע סיסטעם אַנטשפּראָכן די דאַמאָלסטדיקע פאַרהעלטענישן פון אַרבעט און קאַפּיטאַל אויף דער יידישער גאַס.

צווישן אַרבעטער און אונטערנעמער האָבן אין יענער צייט דאָס רוב געהערשט פּאַטריאַרכאַלישע באַציִונגען. דער אַרבעטער פלעגט זיך גאַנץ אָפט אָנדינגען צו דער אַרבעט אויפן באַלעבאָס קעסט. „נאַכטלעגער", מיט שבת (איבערהויפּט די נישט פאַרהייראַטע און אָנגעפאָרענע). אַזאַ אַרבעטער איז געווען, קען מען זאָגן, אינגאַנצן אין רשות פון באַלעבאָס און צוליב די קעסט אָפּהענגיק אַפילו פון דער באַלעבאָסטע. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די שטרייק־באַוועגונג פלעגן די אונטערנעמער אויסנוצן דעם דאָזיקן קאָנטינגענט אַרבעטער פון „אייגענע מענטשן" אַלס שטוביקע. זיי פלעגן געווײנלעך אַרבעטן לענגער ווי די באַשטימטע צייט. דער אונטערנעמער פלעגט פון זיי זיך דערוויסן, וואָס עס קומט פאָר אין זיין ווערקשטוב, צווישן די אַרבעטער פון גאַנצן פאַך; דאָס פלעגט די אונטערנעמער געבן די מעגלעכקייט אַריינטראָגן אַ צושפּאַלטונג צווישן די אַרבעטער, איבערהויפּט בעת אַ שוואַכן סעזאָן.

די דאָזיקע פאָדערונג האָט אַלזאָ געהאַט דעם ציל צו קעמפן מיטן אינסטיטוט פון „אייגענע אַרבעטער־מענטשן". עס פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ לאַגע האָט שוין דעם ווייניק באַוווּסטזיניקן איינכאַך נישט געלוינט צו הנפענען דעם אונטערנעמער און איינרייסן מיט דער „בירזשע". ער איז, הגם קעגן זיין ווילן, דאָך אַריינגעצויגן געוואָרן אין קרייז פון די אַלגעמיינע אַרבעטער־אינטערעסן און ס׳האָט זיך ביי אים גענומען אַנטוויקלען די נייטיקע אַרבעטער־סאָלידאַריטעט.

מיט דער אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג שטייגט דער באַוווּסטזיין ביי די אַרבעטער און ס׳פאַרשווינדט פון בירזשע־האָריזאָנט די אויבנדערמאָנטע סיסטעם פון אַרבעטן בלויז אַ קורצע צייט אויף איין אָרט; פאַר־

קערט, עס טרעט דאַן אַרויס די מאָדערנע פּראָגרעסיווע פאָדערונג, אַז אַן אַרבעטער טאָר נישט אָפּגעזאָגט ווערן פון דער אַרבעט אָן וויכטיקע סיבות.

גאַר אַ גרויסע ראָלע האָבן געשפּילט די „ביִרזשעס" אין די ערטער, וווּ אין סעזאָן־צײַט איז גרויס דער שטראָם פון אָנגעפאָרענע פּראָווינציעלע אַרבעטער. די באַלעבאַטים נוצן זיי אויס אין קאַמף קעגן די שטאָטישע אַרבעטער. אָבער זײַענדיק געצוווּנגען קומען זוכן אַרבעט אויף דער „ביִרזשע" באַקענען זיי זיך גלײַך מיט די באַדינגונגען, אָפּמאַכן, וואָס הערשן אין שטאָט בײַ די אַרבעטער: גרויס פון אַרבעטס־טאָג, שכירות, שטיק־אַרבעט און ד. גל. אָפט באַקומען זיי אַפילו געלט־שטיצע פון די „פּאַך־קאַסעס" ביז עס וועט דערגיין זייער ריי אויף אַרבעט.

דאָס אַלץ האָט זיי גלײַך אַרײַנגעפירט אין קרייז פון אַרבעטער־סאָלידאַריטעט און כמעט אינגאַנצן פּאַראַליזירט די שעדלעכע קאָנקורענץ צווישן זיי און די שטאָטישע אַרבעטער.

דעם אמת דאַרף מען אָבער זאָגן, אַז נישט אַלע מאָל האָבן די „ביִרזשעס" געקעמפט קעגן דעם שטראָם פון די אָנגעקומענע אַרבעטער מיט באַוווּסטזיניקע מיטלען. די ערשטע צײַט פלעגט מען זיי באַקעמפן ווי שונאים, נישט צולאָזן צו דער אַרבעט וואָכן־לאַנג, צווינגען זיי צו פאָרן צוריק אין קליין שטעטל אַרײַן. און אפשר טאַקע האָט דער דאָזיקער קאַמף קעגן די פּראָווינציעלע אַרבעטער אין פיל ערטער אַרויסגערופן צום לעבן די ביִרזשעס גופא; די אַרבעטס־ביִרזשעס פלעגן זיך אַנטוויקלען און פונקציאָנירן הויפּטזעכלעך אין יענע צווייגן, וווּ ס'איז אַלע מאָל געווען אַ גרויסער צופלוס פון אַרבעטסהענט פון די קלענערע שטעט: סטאָליאַרעס, בלעכער, פאַרבער, טשעסליאַרעס און אַנד. פאַכן פון דער בוי־בראַנזשע. אין די דאָזיקע פאַכן הערשט סעזאָן־אַרבעט; דער אונטערנעמער ווייס נישט גענוי וויפיל אַרבעטער ער וועט דאַרפן האָבן, דאָס איז אָבהענגיק דערפון וויפיל געבײַדעס ער נעמט זיך אונטער צו רעמאָנטירן אָדער אויפצובויען; די אַרבעט ווערט דורכגעפירט איבערהויפּט זומער־צײַט. אויסגעהונגערטע פון אַ גאַנץ ווינטער גיבן זיך די אַרבעטער גלײַך נאָך פּסח אַ לאָז פון די קלענערע שטעטלאַך אין די גרויסע. אָפטמאָל שטײַגט דער אָנבאָט אַריבער די נאָכפראַגע, ס'איז שווער די אַרבעטס־באַדינגונגען צו רעגולירן; און דאָס פלעגן די אונטערנעמער אויסנוצן און שליסן אָפּמאַכן מיט די אָנגעפאָרענע פּראָווינצער אַרבעטער אין די שולן און בתי־מדרשים, וווּ די די לעצטע פלעגן זיך אַרומוואַלגערן נישט האָבנדיק קיין וווין־אָרט און וווּ זיי פלעגן גאַנץ אָפט זיך לאָזן נאַרן פון די אונטערנעמער.

די ביִרזשעס זענען געווען אַמבעסטענס צוגעפּאַסט צו קעמפן מיט דער מוראדיקער קאָנקורענץ. צום אָנפאַנג פון סעזאָן טרעטן זיי אַרויס צו נאָרמירן דעם אַרבעטס־טאָג, די גרויס פון די שכירות און אַנדערע באַדינגונגען און וואָס וויכטיקער איז—יעדער אונטערנעמער דאַרף אָנווײַזן דעם פאָרשטייער פון ביִרזשע, וויפיל און וועמען פון די אַרבעטער ער וואָלט געוואָלט נעמען צו דער אַרבעט, אומאָפּהענגיק פון דעם, ווער עס האָט בײַ אים געאַרבעט דעם פאָריקן סעזאָן און אַפילו דעם ווינטער. אָפט קומט עס צו סכסוכים. די ביִרזשע וויל

ניִשט געבן דעם באַלעבאָס די אַרבעטער, וועלכע ער וויל, ווייל זי ווייס שוין, אַז ביי אַ טייל אַרבעטער, איבערהויפט פון די אָנגעפאָרענע, איז שוין דאָ אַ „געהיימער אָפּמאַך" מיט'ן אונטערנעמער. די פּאַך-קאָמיסיעס אָדער די בירזשעס קומט-אויס, אין דעם פאַל, אויסצוהאַלטן אַ שטורעם מצד די וויניִק באַוווּסט-זיניִקע אַרבעטער גופא. די אונטערנעמער פלעגן אויסנוצן די דאָזיקע אומצו-פרידנהייט און פלעגן מיט אַלע מיטלען זיך באַמיִען די בירזשעס צו צוברעכן. דאָס האָט זיך זיי אָבער ניִשט איינגעגעבן: טיף זענען די בירזשעס איינגע-וואָרצלט געוואָרן אין לעבן פון די אַרבעטער און זיי זענען געבליבן אַ מעכ-טיקער פאַקטאָר אין זייער קאַמף.

ניִשט וויניִק זענען די בירזשעס אויסגעשטאַנען אויך מצד דער פּאָ-ליציי: ניִשט איין מאל האט זי די בירזשעס צוטריבן און אפילו אין זיי געשאָסן. אַ סך אנפירער זענען דירעקט פון דער בירזשע ארעסטירט גע-ווארן און אין סיביר פאַרשיקט, איבערהויפּט פלעגן זיך די רעפּרעסיעס פארשטארקן ערב דעם 1-טן מאי, בא אנ'אלגעמיינעם עקאנאמישן אָדער פאליטישן שטרייק. אין די שווערסטע צייטן פון רעאקציע, ווען א סך אַנ-דערע אַרבעטער-ארגאניזאציעס זענען צייטווייליק צושמעטערט געווארן, האבן די בירזשעס ניִשט אויפגעהערט צו פונקציאנירן, און פלעגן ווייטער שמידן די קייט פון ארבעטער-סאלידאריטעט און רעוואלוציאנערן קלאסן-באוואוסטזיין.

אין די אויבן אנגעוויזענע צווייגן פון דער בוי-בראַנזשע, אויסער טשעסלערס, זענען געווען אין יענער צייט באשעפטיקט כמעט אויסשליסלעך יידישע ארבעטער. עס איז איבעריק צו זאגן, אז דא האט זיך געפילט די האנט פון דער יידישער סאציאלדעמאקראטיע — די ערפארענע האנט פון אלגעמיינעם יידישן ארבעטער-בונד. די ארבעטער האבן זיך דערשלאגן א 8-שעה'דיקן אַרבעטס-טאג, מינימאלן ארבעטס-לוין, מענשליכע באהאנדלונגען, געצאלט פארן 1-טן מאי און אנדערע פאליטישע שטרייקן, אפגעשאפט שטיק-ארבעט א. א. וו.

דער בליִענדער מצב פון די בירזשעס דויערט אזוי ביז אן ערך 1906–7. פון יענער צייט אן באמערקט זיך אין די אויבנדערמאנטע צווייגן א שטארקער צופלוס פון קריסטלעכע אַרבעטער. די טשעסלעריי, ווו זיי פלעגן הויפּטזעכלעך זיין באשעפטיקט הויבט-אן פאלן, היִלצערנע געביידעס ווערן פארביטן מיט ציגעלנע און שטיינערנע; די קריסטלעכע טשעסלער הויבן-אן אריבערגיין אין די שכניִשע פאכן: בוי-סטאלעריי, מעבל-סטאלעריי אד"ג. זיי זענען ניִשט ארגאניזירט, די בירזשע האט אויף זיי קיין ווירקונג ניִשט. דער „בונד" לאזט אַרויס צו זיי בלעטלעך, אויפרופן, ארגאניזירט ספּעציעלע גרופּן ארבעטער און איִנטעליגענטן אויף צו פירן די אגיטאַציע צווישן די קריסטלעכע ארבעטער און אָרגאניזירן זיי. דאס קומט אבער אָן גאנץ שווער, דער עלעמענט איז א פינסטערער; אויפווייזן אים, אז דער באַ-לעבאס, וואס גיט ארבעט און גאנץ אפט אויך א שנאפס איז דיר א שונא — איז ניִשט פון די לייכטע זאכן, און בפרט נאך, אז דאס זאגן יידן און

יידן-סאציאליסטן, איז דאך דאס געוויס שקר. ס'האט זיך געפאדערט א ספעציעלע ארבעטער ארגאניזאציע, ספעציעל צוגעפאסט צו דער פסיכאלאגיע און לעבנס-אייגנשאפטן פון קריסטלעכן פראלעטאריאט. אזא ארגאניזאציע איז אבער נישט געווען. דער „צפון-מערב'דיקער קאמיטעט" פון רוסל. ס. ד. א. פ. זעט זיין הויפט-אויפגאבע און אפרייסן א צענדליק יידישע ארבעטער פון „בונד", אבער נישט ארגאניזירן פאליטיש און פראפעסיאנעל די קריסטלעכע ארבעטער; אגב איז ער אליין באשטאנען כמעט אויסשליסלעך פון יידן און איז צו דער ארבעט צווישן די קריסטלעכע ארבעטער לחלוטין נישט געווען צוגעפאסט.

די קריסטלעכע ארבעטער בלייבן נישט ארגאניזירט און אויסער דער באוועגונג; זיי באזוכן אינגאנצן נישט די בירזשעס, ארבעטן פון שטיק, פאר קלענערע שכירות און א לענגערן ארבעטסטאג. אפילו אין איין ווערקשטאט, וואו ס'ארבעטן יידן מיט קריסטן צוזאמען, ארבעטן די לעצטע אויף ערגערע באדינגונגען ווי די ערשטע. די באלעבעטים, זעלבסטפארשטענדלעך, נוצן דאס אויס. ס'הויבט זיך אן א קאמף קעגן די באלעבאטים און אויך קעגן די קריסטלעכע ארבעטער; אויפן קלאסן-באוואוסטזיין פון די יידישע ארבעטער ווירקן גאנץ שלעכט די דאזיקע באציונג צווישן די יידישע און קריסטלעכע ארבעטער; ס'הויבן אויף דעם קאפ די פינסטערע עלעמענטן. דער ערב-רב פון דער מאסע; „פראלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניקט אייך" — האבן זיי געטענהט — איז א ריין יידישע „קרענק", והא ראיה — די קריסטלעכע ארבעטער ווילן דערפון נישט וויסן. דער אויטאריטעט פון דער בירזשע פאלט. די ארבעטס-באדינגונגען ווערן ערגער. דאך איז נאך די בירזשע געבליבן אלס א ספעציפישע ארגאניזיר-פארם פון די ארבעטער אין דער בוי-אינדוסטריע.

אין אנפאנג פון דער וועלט-מלחמה לעבט די בוי-אינדוסטריע איבער א שרעקלעכן קריזיס. ס'ווערן נישט ארייגעלייגט קיין קאפיטאלן אין נישט באוועגלעכע גיטער, נור אין האנדל און אין אזעלכע אונטערנעמונגען, וואס באדינען דירעקט אדער אומדירעקט דעם פראנט און די ארמיי. די ארבעטסלאזיקייט איז אן אבסאלוטע; די בירזשעס באקומען דעם לעצטן קלאפ און שטארבן אינגאנצן אפ.

אזוי פארענדיקט זיך די קאמפּסרייכע געשיכטע פון די ארבעטס-בירזשעס ביי די יידישע ארבעטער, וועלכע האט זיך געצויגן אין משך פון כמעט צוויי צענדליק יאר.

די נייע עקאנאמישע און פאליטישע באדינגונגען האבן באשאפן נייע פארמען פון ארגאניזאציע און קאמף. ביי די דאזיקע נייע באדינגונגען שעפט אבער דער יידישער ארבעטער אין זיין העראישער פארגאנגענהייט מוט און ענערגיע צו פירן זיין ווייטערדיקן קאמף פאר א בעסער לעבן, פארן סאציאליזם.

י. מ. בערמאן.

„דער לאָדזער אַרבעטער“.

דער גרעסטער טייל פון אונזערע חברים ווייסן אַפילו געוויס ניט, אַז אין אָנהויב פון דער אָקופּאַציע איז ביי אונז אַרויס אַ צייטונג אונטער דעם קעפּל „לאָדזער אַרבעטער“.

גלייך אין אָנהויב פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט די לאָדזער אָרגאַניזאַציע פון „בונד“ באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ צייטונג, וואָס ס'זאָל באַלויכטן ווערן די לאַגע, וואָס ס'איז געשאַפן געוואָרן צוליב דער מלחמה בכלל און די לאַגע פון לאָדזער אַרבעטערשאַפט, די טעטיקייט פון די דאַן אנטשטאַנענע שטאַטישע אָרגאַנען בפרט.

דאָס רעדאַגירן דעם אָרגאַן, איז איבערגעגעבן געוואָרן אַ קאָלעגיום פון 3 פּערזאָן: די ח"ח מ. אָגוז, ליכטענשטיין און דעם שרייבער פון די שורות. פון דער אָרגאַניזאַציע זענען אין רעדאַקציע דעלעגירט געוואָרן — פאָרמעל מיט באַראַטונגס-רעכט — די חברים אַ. שמ—ש און ד. שוואַרצמאַן.

דאַכט זיך, אַז קיין איין רעדאַקציע אין דער וועלט האָט זיך ניט געפונען אין אַזאַ שווערער לאַגע, ווי מיר, און איז ניט אַזוי לאַנג צוקינד-געגאַנגען, ווי אונזער „לאָדזער אַרבעטער“ מיט איר ערשטן און גלייכצייטיק לעצטן נומער.

מיר האָבן זיך געפונען אונטערן שווערן פּויסט פון זיגרייכן דייטשן אימפּעריאַליזם. מיר זענען געווען אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט. מיר האָבן ניט געהאַט קיין סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, מיר האָבן ניט געהאַט קיין קלאָרע ידיעות וועגן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און זיינע באַשטאַנד-טיילן. מיר זענען געשטאַנען איינזאַם אין פולן זין פון וואָרט, דערביי זענען מיר געווען אויסערסט אָרים אין פינאַנץ-מיטלען—סיי געזעלשאַפטלעך סיי פּערזענלעך...

און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגע רייע זיצונגען און דיסקוסיעס — באַזונדער וועגן לייט-אַרטיקל „צו דער לאַגע“, וואָס ס'האָט געשריבן ח' אָגוז. ס'האָט געדויערט גאַנצע 4 וואָכן, און דער מאַטעריאַל איז ענדלעך געווען פאַרטיק. ער איז באַשטאַנען פון פאָלגענדע אַרטיקלען: 1. „בראָניסלאַוו גראָסער“ צום צווייטן יאָרצייט—19 דעצעמבער 1912 — 1914, געשריבן אויף פּויליש פון סלאַוועקס אַ פּערזענלעכן פריינט, אַ לאָדזער אַדוואָקאַט, וואָס איז אַמאָל געווען אַ מיטגליד פון „בונד“; 2. דאָס פריער דערמאָנטע אַרטיקל „צו דער לאַגע“—געשריבן אין רוסיש; 3. „דער בירגער-קאָמיטעט און זיינע סעקציעס“; 4. „אַרבעטער, העלפט אייך אַליין“; די ביידע אַרטיקלען געשריבן פון מיר, און 5 פון צוויי אינפאָרמאַציאָנס-נאָטיצן: „דאָס צענטראַל-ביוראָ פון די פּראָפ. פאַריינען“ און „דער צווישן-פּאַרטייאישער

אַרבעטער־ראַט" (בונד, פּ. פּ. ס. און פּ. ס. ד.). די נאָטיצן זענען צוגע־שטעלט געוואָרן דורך די חברים שמ—ש און שוואַרצמאַן. די אַרטיקלען זענען געשריבן געוואָרן אין אַ זייער פּאָרזיכטיקן, מעסיקן טאָן, ווייל מ'האָט גערעכנט דאָך דורכצוקריכן דורך די ציינער פון דער שאַרפער מיליטערי־שער צענזור.

די נאָ־שטייער פון דער אָרגאַניזאַציע ח"ח שמ—ש און שוואַרצמאַן זענען דעלעגירט געוואָרן אין דער פּרעסע־אָפּטיילונג. מ'האָט זיי געהייסן איבערלאָזן דעם מאַטעריאַל, כדי זיך מיט אים צו באַקענען. ווען ח' שוואַרצמאַן איז געקומען צום צווייטן מאָל, האָט דער הויפּט־צענזאָר אים זייער קאָרעקט אויפגענומען. ער האָט געזאָגט, אַז זיי האָבן גאָרנישט קעגן אַ סאָציאַליסטישע ציישונג פאַר די יידישע אַרבעטער, אַז אין דייטשלאַנד האָבן זיי אויך סאָציאַליסטן, און דאָרט פאַרפאָלגט מען זיי נישט, ווי אין רוסלאַנד. אָבער די דערלויבניש אויף די צייטונג וועט ער געבן נאָר מיט אַ קליינעם באַדינג, אַז די רעדאַקציע זאָל אויך אים „אַנטקעגנקומען" און אַריינשטעלן אין אַרטיקל „צו דער לאַגע" פאָלגענדן זאַץ: אַ דאַנק דעם זיג פון דייטשן מיליטער האָבן מיר די מעגלעכקייט צום ערשטן מאָל אַרויסגעבן לעגאַל אַ יידישע אַרבעטער־צייטונג אין לאָדז"...

דער ח' שוואַרצמאַן האָט צוריקגענומען דעם מאַטעריאַל, אויף וועלכן ס'איז שוין אַפילו געווען אַ שטעמפּל „געפּרופט און גענעמיגט", און מיר האָבן זעלבסטפאַרשטענדלעך באַשלאָסן דעם פאָרשלאָג פון אקופּאַנט אָפּצו־וואַרפן און דעם נומער אַרויסגעבן אומלעגאַל.

דעם מאַטעריאַל צום צענזאָר האָבן מיר אָנגערופן „אַרבעטער שטימע"; שפּעטער, ווען מ'האָט געמוזט דרוקן די צייטונג אומלעגאַל, האָבן מיר פון דער פּאַרטיקער קלישע אָפּגעשניטן דאָס וואָרט „שטימע" און צוגע־געבן „לאָדזער".

דאָס דרוקן דעם נומער האָט זיך פאַרצויגן. עס איז געווען אוממעג־לעך צו געפינען אין לאָדז אַ דרוקעריי, וואָס זאָל זיך איינשטעלן צו דרוקן אונזער צייטונג אומלעגאַל און מיר האָבן דעלעגירט דעם ח' שמ—ש קיין פּעטריקאָוו. ער האָט זיין מיסיע גליקלעך דערפילט, פאַר 25 רובל איז אים געלונגען צו באַקומען איינע פון די גרעסטע דרוקערייען אויף 2 טעג, מיט דער הילף פון אָרטיקע אַרבעטער איז דער נומער אויסגעזעצט געוואָרן און אין 2 טעג אַרום איז ח' שמ—ש צוריקגעקומען מיט אַ טראַנספּאָרט „לאָדזער אַרבעטער".

די צייטונג איז מיט גרויס אינטערעס באַגעגנט געוואָרן אין די אַר־בעטער־קרייזן. דער פּרייז פון אַ נומער איז געווען 2 (צוויי) קאָפּ.

אויף אַ מיטינג פון העכער 2 טויזנט יידישע אַרבעטער, איז מיט גרויס באַגייסטערונג אויפגענומען געוואָרן די ידיעה וועגן דערשיינען פון דער צייטונג.

—ראָן.

די יידישע ארבעטער־באוועגונג אין דאטן 1922—1876.

די ערשטע שפּראָצונגען

1876

מאַי, 20 געגרינדעט אין לאָנדאָן דעם ערשטן יידישן סאָציאַליסטישן פֿאַריין. דער סטאַטוט איז געשריבן געוואָרן אין העברעאיש און יידיש. די גרינדער פון פֿאַריין זענען געווען: 1) א. ש. ליבערמאַן, 2) ל. ווײַנער, 3) א. גאָלדשטיין, 4) י. ראַזענגאָל, 5) ה. סאָפּער, 6) אײַזיק סטאָון 7) א. גאָלדבערג, 8) אלמן יעקב, 9) ג. לעווענקינד, 10) יעקב אַלעקסאַנדער. (אַלע אַרבעטער). דער פֿאַריין האָט עקזיסטירט ביז 28/XII 1876 יאָר.

יולי דערשינען די ערשטע סאָציאַליסטישע פּראָקלאַמאַציע: „צו דער יידישער אינטעליגענטער יוגנט“, געשריבן אין העבראיש, אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע יידישע סאָציאַליסטן אין לאָנדאָן (א. ליבערמאַן און אַנדערע).

אויגוסט, 19 דעם 19־טן אויגוסט האָט דער פֿאַריין אַרויסגעלאָזן אַן אויפֿרוף צו די יידישע אַרבעטער אין לאָנדאָן אויף יידיש.

אויגוסט, 26 ס'האָט זיך געגרינדעט דער ערשטער יידישער פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַריין אין לאָנדאָן.

1877

מאַי דערשינען דער ערשטער נום. פון סאָציאַליסטישן זשורנאַל „האמת“ אין ווין אויף העברעאיש. דער רעדאַקטאָר איז געווען א. ליבערמאַן. № 1 — מאַי № 3 — סעפּטעמבער, דער לעצטער.

אָקטאָבער דערשינען „אספת חכמים“, אין קעניגסבערג אין העברעאיש, דער רעדאַקטאָר איז געווען מ. ווינטשעווסקי. 1877 אָקטאָבער № 1, 1878 אָקטאָבער № 8

1880

יוני, 15 דערשינען אַ אויפֿרוף פון אַ גרופּע יידישע סאָציאַליסטן אין זשענעווע וועגן גרינדן אַ „פֿרייע יידישע דרוק“ צו פֿאַרשפּרייטן סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אין יידיש.

פֿאַר דער גרינדונג פון „בונד“.

1884

די ערשטע אַרבעטער־קרייזלעך אין מינסק.

1886

די ערשטע אַרבעטער־קרייזלעך אין ווילנע.

1888

די ערשטע פּראָפֿעסיאָנעלע קאַסע פון די זאָקן־מאַכערינס אין ווילנע.

1889

ערשינען די ערשטע סאָציאַליסטישע בראָשור אויף יידיש: דיקשטיין — „פֿון

„דאָס אײנער לעבט“ — אַרויסגעגעבן אין אויסלאַנד דורך דער פּױלישער סאָציאַליסטישער פּאַרטײ „פּראָלעטאַריאַט“. איבערגעזעצט פֿון ש. ראַבינאָוויטש.

1891

די ערשטע שטרײקן פֿון די גאָלדשמידן און אַנדערע אין ווילנע.

די ערשטע מאַסן־פֿאַרזאַמלונג (300 מאַן) אין ווילנע, אַרויסגערופֿן דורכן טויט פֿון דעם זעצער סאָווערדלאָוו.

1892

די אַגיטאַציע פֿאַר אַ 10-שעהדיקן אַרבעטס־טאָג לויט דעם אַלטן געזעץ פֿון יעקאַטערינע דער II־טער.

די ערשטע מאַי-פֿאַרזאַמלונג אין ווילנע (100 מאַן) די פֿיר רעדעס פֿון ייִדישע אַרבעטער און אַרבעטערינס: 1) פאַניע רעזניק — אַ שנײדערין, געשטאָרבן אין 1896-טן יאָר, 2) מאָטל מײזעל — אַ יובילער, וואוינט איצט אין ווילנע. 3) גערשאָווסקי — קאַמאַשן־שטעפּער, איצט אַ צאָן־דאָקטאָר, 4) העלענע געלפֿאַנד — אַ שנײדערין, איצט איז זי אין פּעטראָגראַד, דער מאַן — ד״ר דרוסקין.

1893

געפֿײערט דעם 1־טן מאַי אין וואַלד אין ווילנע.

אַן אַלגעמײנער שטרײק פֿון שנײדער אין ווילנע (אין הערבסט) — 200 מאַן.

אין 1893־טן יאָר האָט מען אָנגעהויבן אַרויסגעבן געשריבענע ליטעראַטור אין ייִדיש.

דער שטרײט מיט דער אָפּאָזיציע (1894-1893) דער איבערגאַנג פֿון פּראָפּאַגאַנדע צו אַגיטאַציע אויף ייִדיש. אין דער שפּיץ פֿון דער „אָפּאָזיציע“ זענען געשטאַנען: 1) אַבראַם גאָרדאָן (אַבראַם רעזשיק), וואוינט איצט אין ווילנע, 2) אַ סקאָפּאָווקער („יובילער“), אין אַמעריקע, 3) דרעזל (אַ שנײדערין), 4) ר. פּרידמאַן (פּאַפּיראָסן־מאַכער), 5) מיכאַל לוריע, 6) משה לוריע (געשטאָרבן אין יאָר 1912 אין לײזען (שווייץ).

אײנגעאָרדנט דעם טראַנספּאָרט פֿון אומלעגאַלע ליטעראַטור איבערן גרענעץ.

1894

אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין ווילנע יעדע וואָך געשריבענע „נײעס פֿון רוסלאַנד“, אַרויסגעגאַנגען 5 נומערן. די רעדאַקציע איז באַשטאַנען: 1) שוועק — איצט ד״ר אין שווייץ, 2) אַלעקסאַנדר קרעמער, 3) מ. טאַביאַש.

דערשינען די בראָשורן: 1) וועגן אַגיטאַציע, (אַלעקסאַנדר קרעמער), 2) בריוו צו אַגיטאַטאָרן (גאָזשאַנסקי).

אויגוסט דעם 1־טן מאָל אַרויסגעשטעלט די פֿאָדערונג פֿון בירגערלעכע גלײכבאַרעכטיקונג פֿאַר ייִדן. (אויף צווײ דיסקוסיאָנס־פֿאַרזאַמלונגען).

1895

דעם 1-טן מאָל האָט מען געהאַלטן פּאָליטישע רעדעס אויף מאַסאָווע פֿאַרזאַמלונגען אין ווילנע אין וואַלד אויף די מאַי־פֿײערונג (2 פֿאַרזאַמל. צו 250 מאַן.) די רעדע פֿון מאַרטאָוו אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון אַגיטאַטאָרן (40 מאַן) נאָך דער פֿײערונג פֿון 1־טן מאַי אין ווילנע (דעם 1־טן מאָל פֿאָרמולירט די נויטווענדיקייט פֿון אַ זעלבשטענדיקע ייִדישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. געדרוקט אונטער׳ן נאָמען: „די נײע עפּאָכע אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג“.

אויגוסט פֿון 20/8 ביז׳ן 9/9 — דער אַלגעמײנער שטרײק פֿון וועבער אין ביאַליסטאָק (26,000 מאַן, אין דעם 3000 ייִדן).

די ערשטע קאָנפֿערענץ פֿון מינסקער און ווילנער סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין מינסק. די הויפּט-פֿראַגע: די פֿאַרבינדונג פֿון דער אַרבעט אין פֿאַרשידענע שטעט.

דער 1=טער צוזאַמענפֿאָר פֿון די בערשטער.

דער שטרייק אויף דער טאַבאַק=פֿאַבריק עדעלשטיין אין ווילנע (220 מאַן)

דערשינען די בראָשור „דער ווילנער שטאָט=מגיד״, געווידמעט דעם מגיד הירש ראַבינאָוויטש (ר׳ יצחק אלחנן סאָן), וועלכער האָט געהאַלט אַ רעדע אין בית המדרש קעגן די „שטאַטשקעניקעס״ (העקטאָגראַפירט אין 300 עקזעמפּלאַרן).

געגרינדעט געוואָרן אַ סאָציאַל=דעמאָקראַטישער פֿאַרלאַג אין לאָנדאָן.

אָנגעהויבן פֿאַרשפּרייטן העקטאָגראַפישע בראָשורן: 1) דער אַרבעטס=טאָג (פֿאַט. קרעמער), 2) וואָס דאַרף וויסן און געדענקען יעדער אַרבעטער, 3) וועגן שכירות (לנו), 4) דער שטאָט=מגיד (לנו), 5) אַ ויכוח איבער׳ן מזל. אין דעם יאָר האָט יוזעף פּילסודסקי געבראַכט ספּעציעל פֿאַר די ווילנער יידישע סאָציאַל=דעמאָקראַטן אַ מימיאָגראַף פֿון אויסלאַנד.

געגרינדעט דער „זשאַרגאָנישער קאָמיטעט״ אין ווילנע, אָפּטיילונגען זיינען געווען אין מינסק און אין ביאַליסטאָק. דער קאָמיטעט האָט עקזיסטירט פֿון 1895 ביז׳ן 1898 יאָר. אין 1898 איז די גאַנצע אַרבעט פֿון זשאַרגאָנישן קאָמיטעט אַריבער צו קלמן קראַפּיווניקאָוו׳ן. אויף הקדש גאַס האָט ער געעפֿנט אַ בוך-קראָם אויפֿ׳ן נאָמען פֿון אברהם גאָסעלגיק. אין 1901 יאָר איז קלמן אַרעסטירט געוואָרן און די קראָם איז פֿאַרמאַכט געוואָרן. קלמן האָט זיך גענומען דאָס לעבן אין פּעטשאָרא (אַרכאַנגעלסקער גוב.), וווהין ער איז געווען פֿאַרשיקט.

געגרינדעט אין וואַרשע א. קאָטיק׳ס און א. ברעסלער׳ס פֿאַרלאַג דאָס ערשטע בוך, וואָס דער פֿאַרלאַג האָט אַרויסגעלאָזן: פּאָולאָוויטש. ווי מענטשן האָבן געלעבט מיט 1000 יאָר צוריק.

1896

פֿעברואַר די ערשטע מאַסן=אַרעסטן אין ווילנע, ביאַליסטאָק, אָדעס און אַנד. שטעט.

מערץ דערשינען אין מינסק „אַרבעטער=בלעטער״ (העקטאָגראַפירט) № 1—9, דער לעצטער נומער — 1897 יאָר.

אַפּריל די ערשטע פּונאַנדערגעקלעפּטע מאַי=פּראָקלאַמאַציעס אין ווילנע (געדרוקט אין אויסלאַנד.)

יולי דעם ערשטן מאָל זיינען געווען פֿאַרגעשטעלט די יידישע אַרבעטער אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן. דעם מאַנדאַט האָבן באַקומען פּלעכאַנאָוו און ווערא זאַסוליטש, פֿון ווילנע, מינסק, סמאָרגאָן און וואַרשע.

דעצעמבער ערשינען דער 1=טער נומער דער „יידישער אַרבעטער״. ס׳זיינען אַרויס 17 נומערן (זשענעוו=לאָנדאָן), דער לעצטער — אין 1905. דער ערשטער נומער איז געווען געדרוקט (זשענעוו) אין 1000 עקזעמפּליאַרן. דעם ערשטן מאָל האָט מען אַרויסגעשטעלט פּאָליטישע פֿאָדערונגען צום ערשטן מאַי (ווילנע).

1897

אַפּריל 18 דער ערשטער פּרווו צו אָרגאַניזירן דעם 1=טן מאַי אַ דעמאָנסטראַציע.

מאַי געגרינדעט געוואָרן דורך יידישע אַרבעטער די ערשטע געהיימע „יידישע דרוקעריי״.

יוני 21 די ערשטע דעמאָנסטראַציע ביים באַגלייטן פֿאַרשיקטע אין ווילנע. אויפֿן וואָקזאַל האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אַ מאַן 200 אַרבעטער צו באַגלייטן די פֿאַרשיקטע פֿון ביאַליסטאָק קיין סיביר (גאָזשאַנסקי, ליובע אייזנשטאַדט און אַנדערע).

אויגוסט ערשינען אין ווילנע דער 1=טער נומער „אַרבעטער=שטימע״ (400 עקזעמפּליאַרן) פֿון ערשטן נומער איז די „אַרבעטער=שטימע״ געוואָרן דער צענטראַל=אָרגאַן פֿון „בונד״ אין דער רעדאַקציע פֿון 1-טן נומער זיינען געווען: 1) י. מ. קאַפּלינסקי, 2) א. זעלדאָוו (סערגיי נעמאַנסקי), 3) משה דושקאַן (מאַיסיי דער

פּערעפּליאַטשיק), אויך האָבן גענומען אַן אָנטייל: א. ליטוואַק. פון צווייטן נו׳ מער זענען אין רעדאַקציע אריין: וולאַדימיר און גליעב.
אין דער טעכנישער קאָמיסיע זענען געווען: 1) קאַפּלינסקי, 2) מאָסיי און 3) גרישע דער סטאָליער. דאָס דרוקן דעם 1=טן נומ. האָט געדויערט 2 וואָכן. די דרוקעריי איז געווען אויף באַקשט און די זעצעריי אויף קוואַסנאָי פּערעאולאָק
נומ. 1 — 1897 יאָר אויגוסט — לעצטער נומ. 40 — 1905 יאָר סעפּטעמבער.

נאָכן גרינדן פון „בונד”.

סעפּט. 27—25 אָקט. 8 (יו״כּפּ) דער 1=טער צוזאַמענפאָר פון „בונד” אין ווילנע. די גרינדונג פון דעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער=בונד אין רוסלאַנד און פוילן. אויפן צוזאַמענפאָר זענען געווען פאָלגענדע פּערזאָנען: 1) אַלקסאַנדר קרעמער (ווילנע), 2) וולאַדימיר לעווינסאָן (קאָסאָווסקי) ווילנע, 3) יוסף מיל (דזשאָן וואַרשע), 4) פּאַוועל בערמאַן (מינסק), 5) דוד כּץ (טאַראַס ווילנע), 6) לעאָן גאָלדמאַן (וואַרשע), 7) צביה הורוויטש (וואַרשע), 8) ראָזע גרינבלאַט (ביאַליסטאָק), 9) א. מוטניק (גליעב), 10) אברהם דער בערשטער (וואָלף אַלעקסאַנדריסקי), 11) הלל (ביאַליסטאָק). וועגן גרינדונג פון „בונד” איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ ספּעציעלער מאַניפעסט, וועלכער איז אויך געווען אָפּגעדרוקט אין 5—4 נומ. „אַרבעטער=שטימע”.
דער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעוויילט אַ צענטראַל=קאָמיטעט: 1) אַלעקסאַנדער, 2) גליעב, 3) וולאַדימיר. דער צ. ק. האָט זיך באַזעצט אין מינסק.
נאָכן צוזאַמענפאָר האָט מען די „אַרבעטער = שטימע” אַריבערגעפירט קיין באָברויסק. אין דרוקעריי האָבן געאַרבעט: 1) י. מ. קאַפּלינסקי, 2) מ. ווילטער, 3) זיין פרוי שפרה, 4) גרישע דער סטאָליער.

1898

יאַנואַר דער 6=טער צוזאַמענפאָר פון די בערשטער. די גרינדונג פון דעם: „אַלגעמיינעם יידישן בערשטער=בונד אין פוילן און ליטע”.

מערץ 3 — 1 דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל=דעמאָקראַטישער אַרבעטער=פּאַרטיי אין מינסק, אויפן צוזאַמענפאָר זענען געווען 1) ראַדטשענקאָ (פּעטראָגראַד), 2) עדעלמאַן, קיעוו, 3) טוטשאַפּסקי, קיעוו, 4) פּעטרושעוויטש, יעקאַטערינאָסלאַוו, 5) גליעב (בונד), 6) אַלעקסאַנדער, (בונד), 7) אַ דעלעגאַט פון מאָסקווע, אין צ. ק. זענען אויסגעקליבן: 1) ראַדטשענקאָ, 2) עדעלמאַן, 3) אַלעקסאַנדער. דעם מאַניפעסט פון ר. ס. ד. אַ. פּ. האָט אָנגעשריבן פּיאָטר סטרווע און איז געווען אָפּגעדרוקט אין דער באָברויסקער דרוקעריי פון „בונד”.

מערץ 11. מאַכן=אַרעסטן אין רוסלאַנד אין צוזאַמענהאַנג מיטן ערשטן צוזאַמענפאָר.
דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון גאַרבער=בונד.

יוני 1. אַ שטרייק פון 10,000 וועבער אין ביאַליסטאָק.

יולי 26.—25 מאַסן=אַרעסטן צווישן די בונדיסטן אין וואַרשע, לאָדז, מינסק און אַנדערע שטעט (העכער 70 פּערזאָן), פאַרנומען די דרוקעריי פון „בונד” אין באָברויסק מיט דעם 10 — 9 נומער „אַרבעטער=שטימע”.

סעפּטעמבער דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון „בונד” אין קאָוונע, פאָרגעקומען די ערשטע טעג סוכּות אין וואוינונג פון ל. בערנשטיין, דעם צוזאַמענפאָר האָט אָרגאַניזירט טאַראַס, אויפן צוזאַמענפאָר זענען געווען: טאַראַס, צביה, (וואַרשע) שיינע רייזל סעגאַל, (לאָדז), אַלטער דער בערשטער, און ל. בערנשטיין, (קאָוונע) סערגיי נעמאַנסקי, ב. מיכאַלעוויטש און יחיאל פּעדער (ביאַליסטאָק); לעאָן גאָלדמאַן און פּאַטי; פון דער דרוקעריי—שמואל דער שוואַרצער. אין צ. ק. זענען אויסגעקליבן: 1) טאַראַס, 2) אברהם דער בערשטער, 3) נעמאַנסקי, 4) צביה

דעצעמבער ס׳האָט זיך געבילדעט דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד”.

1899

אפריל — די צווייטע קאנפערענץ פון „בונד“ אין מינסק.

דעצעמבער — דער 3-טער צוזאמענפאר פון „בונד“ אין קאוונע (געווען 15 מאן). אויפ'ן צוזאמענפאר זענען געווען: 1) טאראס (צ. ק.), 2) דזשאן (אויסלאנד), 3) צביה (לאדז), 4) אלבערט זאלקינד (מינסק), 5) זלמן דער בערשטער, 6) בן-ציון לעווין (ביאליסטאק), 7) פאוועל (ביאליסטאק), 8) אבראם דער כאטע (גארבער בונד), 9) ס. קליווא סקי (מאקסים—קאוונע), 10) נח 11) ח. זאקאן (ווארשע).

דער 3-טער צוזאמענפאר האט באשלאסן פארשטארקן דעם פאליטישן מאמענט אין דער באוועגונג דורך פאליטישע אגיטאציע (דעמאנסטראציעס און אנדערע.)

דער 2-טער צוזאמענפאר פון גארבער-בונד.

1900

אפריל 29—28 — די דריטע קאנפערענץ פון „בונד“ אין ווארשע.

מאי 24 — א פאר הונדערט יידישע ארבעטער אין ווילנע, אויף נאוואגאראד, האבן אפגעשלאגן דריי ארעסטירטע פון פאליציי-צירקל (אליהו זייטשוק און צוויי זאקנמאכערס).

סוף זומער איז געבילדעט געווארן אן ארגאניזיר-קאמיסיע אויף צו גרינדן דעם פעדעראטיוון-גארבער-בונד. אין דער קאמיסיע זענען אריין: 1) ראזענטאל—אנמאן, 2) אבראם דער טאטע, 3) מרדכי, 4) בענדעט, 5) אננא ראזענפעלד 6) ב. מיכאלעוויטש.

דער דריטער צוזאמענפאר פון גארבער-בונד.

אויגוסט — דער צ. ק. פון „בונד“ האט ארויסגעלאזן אן אויפרוף, אין וועלכן ער האט געפאדערט איבעררייסן אלע באציאונגען מיט זובאטאוו'ן.

1901

מערץ 2 — די ערשטע דעמאנסטראציע אין ביאליסטאק צוליב'ן טויט פון אן ארבעטער לייזער טומטשין.

אפריל — יצקב פאקיל איז דערהרגעט געווארן אין פאליציי-צירקל אין לאדז.

מאי 27—24 — דער 4-טער צוזאמענפאר פון „בונד“ אין ביאליסטאק (24 מאן). אנגענומען א רעזאלוציע וועגן דער נאציאנאלער פראגע. דער צוזאמענפאר איז פארגעקומען אויף כאנייקעס אין דירה פון דוד דעם וועבער. אויפ'ן צוזאמענפאר זענען געווען: 1) ב. לעווין (ביאליסטאק), 2) אננא ראזענטאל (ביאליסטאק), 3) אבראם דער טאטע (גארבער-בונד), 4) זלמן דער בערשטער, 5) גאלדמאן-ל בער (לאדז), 6) וויינשטיין ירחמיאל (ווילנע), 7) העזענצווייג (הומעל), 8) י. מ. קאפלינסקי (דווינסק), חיים זאקאן (ווארשע), 10) אלטער דער הויכער (בערדיטשעוו), 11) מיצקין (זשיטאמיר), 12) הירש באווייניק (גראדנע), 13) פייוועל דער שטעפער (ווילנע), 14) נח (צ. ק.), 15) אנמאן—ראזענטאל (צ. ק.), 16) ניעמאנסקי—סערגיי, (17) באריס צייטלין — באטורסקי (וויטעבסק) און אנד

אין צ. ק. זענען אריין 1) אנמאן, 2) נח, 3) שטער האט מען קאאפטירט מ. דושקאן.

אויפ'ן צוזאמענפאר האט מען אומגעביטן דעם נאמען פון „בונד“ און מען האט אנגערופן: „דער אלגעמיינער יידישער ארבעטער בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאנד“.

מאי 28 — די פערטע קאנפערענץ פון „בונד“ אין ביאליסטאק.

יולי — ערשינען דער מאניפעסט פון דער אומאפהענגיקער יידישער „ארבעטער-פארטיי“ (זובאטאוויצעס) אין מינסק, די הויפטפירער פון די זובאטאוויצעס זיינען געווען: 1) מאניע ווילבושעוויטש — איצט איז זי א פועלי-ציוניסטקע און געפינט זיך אין ארץ-ישראל, 2) סאשא טשעמערינסקי, שפעטער ווידער געווארן א בונדיסט, איצט א קאמוניסט 3) י. וואלין, 4) יוסף גאלדבערג (לערער), 5) שאיעוויטש.

אָקטאָבער — ערשינען דער 25 יובילעום נומער פֿון „אַרבעטער שטימע“ געדרוקט אין וואַרשע. דער אויסעראָרדענטלעכער צוזאַמענפֿאָר פֿון גאַרבער־בונד, גרינדעט דעם פֿעדעראַטיוו סאָציאַל־דעמאָקראַטישן גאַרבער־בונד. דעם מאַניפֿעסט פֿון גאַרבער־בונד האָט אָנגעשריבן אַנמאַן, דער רעדאַקטאָר פֿון אָרגאַן „דער קעמפֿער“ איז געווען ב. מיכאַלעוויטש.

געגרינדעט די 1־טע בונדישע הילפֿס־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע (ניו־יאָרק).

דער ערשטער צוזאַמענפֿאָר פֿון די אויסלענדישע גרופּן פֿון „בונד“ אין בערן געגריינדעט דעם צענטראַל־ביוראָ. דער סעקרעטאַר פֿון 1־טן צענטראַל־ביוראָ איז געווען וו. מעדעם.

1902

מערץ 23—28 — די ביאַליסטאָקער קאָנפֿערענץ פֿון דער רוסלענדער סאָצ. דעמ. אַרב. פּאַרטיי. אין דער קאָנפֿערענץ האָבן גענומען אָן אָנטייל: 1) נעמאַנסקי, 2) ד״ר קראַסנוכאַ (פּעטערבורג), 3) אָסיפּ קאָגאַן יערמאַנסקי פֿון „יוזשני־ראַבאָטשי“, 4) טשיפּילינסקי (יעקאַטערינאָסלאַוו), 5) פּ. דאַן („איסקראַ“), 6) מיכאַיל קאַהאַן (גרינעוויטש), פֿון פֿאַרבאַנד פֿון די רוסישע סאָצ. דעמאָק. אין אויסלאַנד, 7) אַלעקסאַנדער (בונד), 8) נח (בונד), 9) אַנמאַן (בונד), 10) אַ דעלעגאַט פֿון נ. נאָווגאָראָד. די קאָנפֿערענץ האָט אויסגעקליבן אַן אָרגאַניזיר־קאָמיסיע אויף צוזאַמענצורופֿן דעם 2־טן צוזאַמענפֿאָר: 1) נח, 2) דאַן, 3) יערמאַנסקי.

אַפּריל 18. — די דעמאָנסטראַציע פֿון 1־טן מאַי אין וואַרשע אין די אויאַזדאָווער אַלעען („בונד“, פּ. פּ. ס. און פּ. ס. ד.).

די מאַי־דעמאָנסטראַציע אין ווילנע.

אַפּריל 19. — דער ווילנער גובערנאַטאָר פֿאָן וואַל האָט באַפֿוילן שמײַסן די דעמאָנסטראַנטן

מאַי 5. — לעקערטס אָנפֿאַל אויף פֿאָן־וואַל.

מאַי 6. — די דעמאָנסטראַציע אין מינסקער טעאַטער.

מאַי 26. — אויפֿגעהאָנגען הירש לעקערט.

אויגוסט — די 5־טע קאָנפֿערענץ פֿון „בונד“ אין בערדיטשעוו, אָנגענומען די רעזאָלוציע וועגן „אָרגאַניזירטער ראַכע“.

אויגוסט 11, — דער פּאָגראָם אין טשענסטאָכאָוו, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם פּאָגראָם איז אין 29־טן נומער „אַרבעטער שטימע“ אָנגעוויזן געוואָרן אויף די נויטיקייט געבן אַ ווידערשטאַנד די פּאָגראָמטשיקעס.

דער מינסקער קאָמיטעט פֿון „בונד“ האָט ערקלערט אַ בויקאָט די זובאַטאָווצעס. זומער האָבן די זובאַטאָווצעס אָנגעהויבן זייער אַרבעט אין ווילנע, נאָר אָן ערפֿאָלג. דורך דער פּראָטעקציע פֿון מ. ווילבושעוויטש איז לעגאַליזירט געוואָרן דער צוזאַמענפֿאָר פֿון די רוסישע ציוניסטן אין מינסק (1902).

סעפּטעמבער — דער צווייטער צוזאַמענפֿאָר פֿון די בונדישע גרופּן אין אויסלאַנד.

1903

יאַנואַר 1—4 — די באַראַטונג פֿון „בונד“ אין דווינסק (אויף ריגער גאַס ביי איכלאָיען, געווידמעט הויפּטזעכלעך דער פֿראַגע וועגן אָנטייל אין דעם 2־טן צוזאַמענפֿאָר פֿון ר. ס. ד. אַ. פּ. אין דער באַראַטונג האָבן גענומען אָן אָנטייל: 1) נח, 2) ליבער, 3) דימיטרי, 4) צביה (גראָדנע), 5) ב מיכאַלעוויטש (גאַרבער־בונד), 6) יונה (בערדיטשעוו), 7. וויטאַלי־יודין (ווילנע), 8) מ. הורוויטש (מאַטווי) 9) ישראל מיכאַל קאַפּלינסקי.

יאַנואַר 8 — די דעמאָנסטראַציע אין טעאַטער אין וואַרשע צום אָנדענקען פֿון די אויפֿגעהאָנגענע „פּראָלעטאַריאַציעס .

אַפּריל 6—7 — דער פּאָגראָם אין קישינעוו

די פּאָגראָם־שטימונג; אָרגאַניזירונג פֿון זעלבסט־שוץ.

אַפּריל 5 — אָפּגעשלאָגן פֿון פּאָליציי אין פּינסק ק. סאַפּיר און שאַפּיראָ.

יוני 1 — אַ דעמאָנסטראַציע אין לאָדז קעגן די גוואַלט־טאַטן פֿון דער פּאָליציי.

יוני — דער 5־טער צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד“ אין ציריך. אויפֿן צוזאַמענפֿאָר זענען געווען: 1) נח, 2) יודין, 3) אַלעקסאַנדער, 4) קאָסאָווסקי, 5) מעדעם, 6) ליבער, 7) יונה, 8) אַשפּיס (כאָהיליעוו), 9) העלענע ליפּקין (האָמעל), 10) מאַקס ווינאָקור (בערדיטשעוו), 11) פֿראַנץ (קורסקי), 12) צביה, 13) איסר ראַבּינקין, 14) טימאָפּיי, 15) י. מ. קאַפּלינסקי, 16) שמאַי (לאָדז), 17) שלום לעווין (שלום זעצער, ווילנע) און אַנד.

דער צוזאַמענפֿאָר האָט אָפּגעשאַפֿט די רעזאָלוציע פֿון דער 5־טער קאָנפֿערענץ וועגן „אָרגאַניזירטע ראַכע“.

יולי 6 — די זובאַטאָווצעס האָבן פֿונאַנדערגעלאָזן זייער אָרגאַניזאַציע.

יולי תשעה באב — די פֿאַרזאַמלונג פֿון 5000 אַרבעטער אויפֿן בית־עולם אין וואַרשע און די דעמאָנסטראַציע נעבן דער טורמע „פּאַוויאַק“.

מאַי — געשטאָרבן אין ניו־יאָרק ליובע אייזענשטאַט, איינע פֿון די ערשטע פּיאָנערן פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד.

יולי 29—אויג. 22 — דער צווייטער צוזאַמענפֿאָר פֿון דער ר.ס.ד.א.פּ. אין בריסעל—לאָנדאָן

אויגוסט 18 — דער „בונד“ טרעט אַרויס פֿון דער פּאַרטיי. די דעלעגאַציע פֿון „בונד“ אויפֿן צווייטן צוזאַמענפֿאָר איז באַשטאַנען: 1) נח, 2) יודין, 3) ליבער, 4) וולאַדימיר, 5) מעדעם, 6) אַלעקסאַנדער.

אויגוסט 29 סעפּטעמבער 1 — דער האָמלער פּאָגראָם. דער אַרויסטריט פֿון דער אָרגאַניזירטער זעלבסט־שוץ.

אָקטאָבער 18 — געהרגעט דעם פּראָוואָקאַטאָר אָרנאַצקי אין פּינסק.

דעצעמבער — דער 1־טער צוזאַמענפֿאָר פֿון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע. ס׳זענען געווען פֿאַרטראָטן 15 אָרגאַניזאַציעס. געגרינדעט דער צענטראַל־פֿאַרבאַנד פֿון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע.

1904

אַפּריל 18 — די מאַי־דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע אויף מאַרשאַלקאָווסקע גאַס („בונד“, פּ. ס. ד., „פּראָלעטאַריאַט“).

דער אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס.

יוני — אָרגאַניזירט געוואָרן דער צפֿון־מערבֿדיקער קאָמיטעט פֿון ר. ס. ד. א. פּ. אויף צו באַקעמפֿן דעם „בונד“.

יולי — די מאַסן־שטרייק־באַוועגונג.

סעפּטעמבער 1 — דער פּאָליטישער שטרייק אין האָמעל צום יאָרצייט פֿון האָמלער פּאָגראָם.

„ 12 — די הריגות פֿון אַרבעטער אין ביאַליסטאָק.

„ 30 — די דעמאָנסטראַציע פֿון „בונד“, פּ. ס. ד. „פּראָלעטאַריאַט“ אין וואַרשע קעגן דעם קריגס־גערילכט איבער די פּוילישע סאָציאַליסטן.

אָקטאָבער — פֿון 1־טן אָקטאָבער פּראָטעסטן קעגן די ביאַליסטאָקער הריגות אין גאַנצן ראַיאָן פֿון „בונד“, לויט דער אויפֿפֿאָדערונג פֿון צ. ק.

1905

יאַנואַר — פֿון 11־טן יאַנואַר פּאָליטישע שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס אין גאַנצן ראַיאָן פֿון „בונד“ אין צוזאַמענהאַנג מיטן 9־טן יאַנואַר אין פּעטערבורג.

„ 19 — אָפּגעהאַלטן געוואָרן די 1־טע אַלגעמיינע סאָצ. דעמ. קאָנפֿערענץ אין ריגע.

פֿעברואַר 11—17 — די 6־טע קאָנפֿערענץ פֿון „בונד“ אין דווינסק אין דער דירה פֿון ב. מילאַלעוויטש.

מערץ 20 — אַ דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע. דער חבֿר מאַרגאָלין טויטלעך פֿאַרוווּנדעט. געהרגעט געוואָרן די חבֿרטע פֿראַניע גראַבעלסקאַ.

אַפּריל 23 — די ערשטע דעמאָנסטראַציע אין קאָוונע.

אַפּריל 24—25 — דער זשיטאָמירער פּאָגראָם. דער בלוטיקער קאַמף צווישן דעם זעלבסטשוץ און די פּאָגראָמשטשיקעס. אין זשיטאָמירער פּאָגראָם זענען אומגעקומען פֿון בונדישן זעלבסטשוץ די ברידער ווײַנשטיין און דער רוסישער סטודענט ס.ר. בלינאָוו. 11 דבֿרים פֿון טשודנאָוו, וועלכע זענען געפֿאָרן קיין זשיטאָמיר זענען אויפֿן וועג דערהרגעט געוואָרן אין שטעטל טראָיאַנאָוו.

קאַמפּן צווישן יידישע אַרבעטער און אַלפאָנסן אין וואַרשע, אַ פּאָגראָם אויף די „הייזלעך״.

מײַ 8 אַן אַלגעמיינער שטרייק פון די בערשטער.

מײַ 15 אַ דעמאָנסטראַציע אין לאָדז.

יוני 23 אַן אַלגעמיינער שטרייק און באַריקאַדן־קאַמף אין לאָד.

יוני—יולי שטרייקן אין ראַיאָן פון „בונד״ וועגן די געשעענישן אין לאָדז, אדעס און אַנדערע שטעט.

יולי 30 די ביאַליסטאָקער בליט־באָד, דערהרגעט אסתר ריסקינד און גיטל זאַקהיים

אויגוסט 5 אַן אַלגעמיינער שטרייק אין וואַרשע וועגן ביאַליסטאָקער געשעענישן

סעפּטעמבער די אַגיטאַציע פאַרן באָיקאָט פון בולגינס דומע.

אין וואַרשע האָט מען אָנגעהויבן אַרויסגעבן לעגאַלע ביכער אין פאַרלאַג „אַר־בעטער ־ שטימע״. דער 1־טער בוך איז געווען ליבקנעכטס „שפּינען און פליגן״ געדרוקט אין 2.000 עקז. דער פאַרוואַלטער פון סקלאַד איז געווען א. קאָסטע־ליאַנסקי, סאַפּאָזשניקעס גאַס נומער 19.

אָקטאָבער 13-22 דער זעקסטער צוזאַמענפאָר פון „בונד״ אין ציריך, וווּ עס איז ענדגילטיק פאָרמולירט געוואָרן דאָס נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון „בונד״. אין צ. ק. זענען אויסגעוויילט געוואָרן: 1) אַלעקסאַנדער, 2) נח, 3) יודין, 4) יונה, 5) ירחמיאל, 6) אַבראַמאָוויטש; שפּעטער זענען קאָאָפּטירט געוואָרן 7) ליבער, 8) וולאַדימיר, 9) דושקאַן.

אָקטאָבער 17 די רוסישע אָקטאָבער־קאָנסטיטוציע. פּאָגראָם־כוואַליע אין גאַנצן תחום. די בונ־דישע זעלבסטשוץ אין קאַמף מיט די פּאָגראָמשטשיקעס.

דעצעמבער 25 ערשינען די ערשטע טעגלעכע צייטונג: „דער וועקער״ אין ווילנע.

1906

יאַנואַר דער 3־טער צוזאַמענפאָר פון די בונדישע ברענטשן אין אַמעריקע, אַנטייל גע־נומען 40 גרופּן.

22 מערץ 7 אַפּריל די זיבעטע קאָנפערענץ פון „בונד״ אין בערן. אויף דער קאָנפערענץ זענען געווען: 1) גראָסער, 2) ליבער, 3) נח, 4) וויינשטיין, 5) מעדעם, 6) יונה, 7) אַבראַמאָוויטש, 8) אַלעקסאַנדער, 9) דזשאָן, 10) פּאַוועל, 11) עזרה, 12) א. וויטער, 13) פּ. באַגראַוו, 14) יעווגעני גיסער, 15) אַננאַ, 16) מ. לוריע, 17) טאַ־ראַס, 18) ניעמאַנסקי, 19) בראַון, 20) ר. לעוויט, 21) ד. ליפּעץ (מאַקס), 22) ד. מאַכלין, 23) גליעב, 24) ליטוואַק, 25) ל. בערמאַן, 26) פרענקעל, 27) זאַלאַטאַ־ריאָוו, 28) מ. גרינפעלד, 29) ב. מיכאַלעוויטש און אַנד.

אַפּריל דער פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פּ. אין שטאָק־האָלם. אַריינגענומען אין פּאַרטיי דעם „בונד״, „פּ. ס. ד.״, און די לעטישע ס. ד.

אויגוסט 15—26 דער 7־טער צוזאַמענפאָר פון „בונד״ אין לעמבערג. באַשלאָסן צוריק אַריינטרעטן אין דער ר. ס. ד. א. פּ. אויפן צוזאַמענפאָר זענען געווען: אסתר, אַבראַמאָוויטש, אַלעקסאַנדער, אשפּיז, באַנעוואַור, באָגראַוו, גראָסער, דראַזנעס, דזשאַן, ווירגילי, זאַקאַן, זאַלאַטאַריאָוו, טאַראַס, יודין ירחמיאל, יונה, ה. לוריע, ליטוואַק, לעאָניד (אַסון), ליעסין (אַמעריקע), ליבער, מיצקון, מעדעם, נח, סאַלוצ־קי, עזרא, פרענדלער, קאַפּלאַנסקי, ראַפּעס, ראַווערבע, בראַון (סערגיי ריגער), שאַדאַווסקי (לאַזאַר וו. שולמאַן), שטערן, שליפּער און אַנד. צוזאַמען 74 דעלע־גאַטן חוץ איינגעלאַדענע געסט. פאָרשטייער פון ר. ס. ד. א. פּ. זענען געווען מאַרטינאָוו און לעאָן גאָלדמאַן, פון לעטישע ס. ד. — ריבאַק, פון גאַליציאַנער „בונד״: איינאייגלער, גראָסמאַן און קראַנץ. אין צ. ק. זענען אַריין: 1) ליבער, 2) אַבראַמאָוויטש, 3) יודין, 4) מעדעם, 5) נח, 6) יונה, 7) ירחמיאל, 8) קאַסאַווסקי, 9) אַלעקסאַנדר.

דעצעמבער געגרינדעט פאַרלאַג „די וועלט״ אין ווילנע (טראָקער גאַס № 15). דער פאַרוואַלטער ד. קאַפּעלזאָן (טימאָפיי).

.1907

מאַי — דער לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פּ.

אָקטאָבער 29 — מאַסן־אַרעסטן אין ווילנע, אַרעסטירט די רעדאַקציע און קאַנטאָר פון „האָפנונג" און א טייל פון צ. ק.

נאָוועמבער — באַפאַלן די רעדאַקציע פון וואָכנבלאַט „מאָרגענשטערן". דאָס בלאַט פאַרמאַכט.

.1908

מערץ — א באַראַטונג אין גראָדנע וועגן דער אויפלעבונג פון דער אַרבעט. אַנוועזנד געווען: אַבראַמאָוויטש, ליבער, יודין, נח, מעדעם, ווײַנשטיין (ראַכמיעל). פון צ. ק. טערמאַן (מאָהילעוו), שאַדאָווסקי לאַזאַר (ווילנע), זלאַטאָוויצקי בערל (וויטעבסק) אײַזיק (גראָדנע). דיסקוסיע וועגן לעגאַלע מעגלעכקייטן און נײַע פאָרמען פון דער אַרבעט.

1910

אָקטאָבער סוכּות. — די אַכטע קאָנפערענץ פון „בונד" אין לעמבערג. אויף דער קאָנפערענץ זענען געווען: 1) ב. יאַבראָוו (האָמעל), 2) ב. קאַצענעלסאָן (באָברויסק), 3) מ. אָזעס, 4) בענצעל צאַלעוויטש (ביאַליסטאָק), 5) קאַפּלאַן (ווילנע), 6) ליטוואַק, 7) ערליך, 8) סאַשאַ טשעמערינסקי (לאָדז), 9) אסתּר, 10) יודין, 11) נח, 12) גראָסער, 13) דוד מייער און דוא (וואַרשע), 14) מעדעם, 15) קאָסאָווסקי, 16) קורסקי־פראַנק, 17) ליבמאַן הערש, 18) ח. שולמאַן (לאַזאַר), 19) מיכלע פון פּינסק. אין צ. ק. זענען אויסגעקליבן געוואָרן: 1) יודין, 2) נח, ד) יונה, 4) ווײַנשטיין און 5) ליטוואַק.

1912

פעברואַר — די יידישע קאַמפּאַניע (פּראָטעסט קעגן עלילת־דם). צוגעשטעלט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע פון דומע א פּראָטעסט מיט 6000 אונטערשריפטן. די פּ. ס. ד. האָבן זיך אָפּגעזאָגט, צו נעמען אַן אַנטייל אין דער קאַמפּאַניע (א בריוו פון צ. ק. פון פּ. ס. ד. צום צ. ק. פון „בונד" פון 12/6 1912.

מערץ — גרויסע אַרעסטן אין ווילנע (ראָזענטאַל, לנו, פּעסקין, דוד איינהאָרן, משה זילבורג און אַנד.

אויגוסט. — די 9־טע קאָנפערענץ פון „בונד" אין ווין. די הויפּט־פראַגע איז געווען די וואַלן צו דער 4־טער דומע. באַשטימט געוואָרן צו שליסן א בלאָק מיט די פּ. פּ. ס. ליעוויצע. אין צ. ק. זענען אַרײַן: 1) ליבער, 2) יודין, 3) ראַפּעס, 4) גראָסער און 5) ווײַנשטיין. שפּעטער קאָאָפּטירט געוואָרן ב. מיכאַלעוויטש און ה. ערליך.

דעצעמבער 19 — געשטאָרבן פון טיפוס אין פּעטערבורג בראָניסלאַוו גראָסער.

1916

מאַי—יוני — די באַראַטונג פון „בונד" אין כאַרקאָוו.

1917

אַפּריל 6—2 — די 10־טע קאָנפערענץ פון „בונד" אין פּעטראָגראַד. די ערשטע לעגאַלע קאָנפערענץ פון „בונד". אין צ. ק. זענען אַרײַן: 1) ליבער, 2) אַבראַמאָוויטש, 3) יודין, 4) ווײַנשטיין, 5) אסתּר, 6) מעדעם, 7) ליטוואַק, 8) קאָסאָווסקי, 9) זאַלאַטאַריאָוו, 10) ל. בערמאַן 11) ליביע, 12) ס. טשעמערינסקי, 13) שמאַי.

נאָוועמבער 6 — געשטאָרבן משה טערמאַן אין מאָהילעוו (1874—917) איינער פון די פּיאָנערן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

דעצעמבער 21—15 — דער 8־טער צוזאַמענפאָר פון „בונד" אין פּעטראָגראַד.

1918

[illegible] — דער אָנהויב פון דער שפּאַלטונג פון „בונד" אויף אוקראַינע. ס'האָבן זיך געבילדעט 2 ביוראָען: א לינקע:—1) מ. ראַפּעס, 2) שעסקעס, 3) פרענקעל, 4) שמואל

בערענשטיין. אַ רעכטע: 1) ליטוואַק, 2) שרה פֿוקס, 3) ליפּעץ, 4) ש. כהן, 5) עטקין

9 יאַנואַר די צענטר. אוקראַינער „ראַדע" האָט איינשטימיק אָנגענומען דעם געזעץ וועגן נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע, ד. 8 יולי האָט די רעגירונג פֿון העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי זי אָפּגעשאַפֿט. דעם 16/12 האָט די דירעקטאָריע אין ווינניצע צוריק אויפֿגעשטעלט דעם געזעץ וועגן דער נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

1919

פֿעברואַר די שפּאַלטונג פֿון דער קיעווער אָרגאַניזאַציע פֿון „בונד". אויף דער פֿאַרזאַמלונג האָבן געשטימט 97 לינקע, 79 רעכטע און 11 אָפּגעהאַלטענע.

פֿעברואַר 18 די שפּאַלטונג פֿון „בונד" אויף אוקראַינע (באַראַטונג פֿון 18־טן פֿעברואַר), אויף דער באַראַטונג זענען געווען 28 דעלעגאַטן. די רעכטע האָבן פֿאַרגעלייגט וואַרטן ביז דער 11־טער קאָנפֿערענץ.

מערץ 16—20 די 11־טע קאָנפֿערענץ פֿון „בונד" אין מינסק. אָנגענומען אין פּרינציפּ די ראַטן־מאַכט. אויף דער קאָנפֿערענץ זענען געווען: 1) ליטוואַק, 2) עטקין, 3) זשעלעזניאַקאָוו, 4) פֿוקטאַר, 5) אלטער ראַמאַנאָוו, 6) יאַנקעל לעווין, 7) סוועטיצקי, 8) אסתּר, 9) ווייַנשטיין, 10) גערציק, 11) יודין, 12) כאַרלאַש, 13) אַראָנסאָן, 14) אָקון, 15) ג. גאָרעליק, 16) דראַבקין, 17) יואל נאָוויק, 18) ברוין, 19) נאַכימזאָן, 20) ש. הורוויטש 21) ש. קלייט, 22) ג. פּופּס, 23) א. ווייַנשטיין און אַנדערע. אין צ. ק. דורך פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן אויסגעקליבן: יודין, אַבראַמאָוויטש, ליטוואַק, סוועטיצקי, אסתּר, ווייַנשטיין, העניע הארעלס, יעקב לעווין, אלטער ראַמאַנאָוו און א. גאַכימזאָן.

יוני 24. דערטרונקען זיך אין קיעוו שרה פֿ ו ק ס.

1920

אַפּריל 12—19 די 12־טע קאָנפֿערענץ פֿון „בונד" אין מאָסקווע. די שפּאַלטונג פֿון „בונד" אין רוסלאַנד.

אויגוסט 6—7 די שפּאַלטונג פֿון „בונד" אין ווילנע. 70 קעגן 43 רעכטע.

„ 16—21 אַ קאָנפֿערענץ פֿון ר. ס. ד. א. פּ. אויף אוקראַינע און אין דערזעלבער צייט אַ באַראַטונג פֿון „בונד".

נאָוועמבער אַ באַראַטונג פֿון „בונד" אין מאָסקווע (12 דעלעגאַטן).

1921

מערץ 5—11 די אויסעראָרדענטלעכע קאָנפֿערענץ פֿון „קאָמבונד" אין מינסק, אויף וועלכער דער קאָמבונד האָט זיך פֿונאַנדערגעלאָזן און איז אַריינגעגאַנגען געוואָרן אין ר. ק. פּ. אויף דער קאָנפֿערענץ זענען בייגעווען 118 דעלעגאַט. (73 מיט באַשטימונגס־רעכט, 45 מיט באַראַטונגס־רעכט.

דער בונד אין פּוילן.

1914

סעפּטעמבער נאָכן אויסברוך פֿון דער מלחמה זיך געבילדעט די צווישן־פּאַרטייאישע „ראַדע" (בונד, פּ. פּ. ס. ־ליעוויצע און פּ. ס. ד.) אַרויסגעלאָזן אַ רייע אויפֿרופֿן (אין פּויליש און יידיש) וועגן דער מלחמה, מאָביליזאַציעס, אַרבעטסלאָזיקייט און אַנד.

נאָוועמבער זיך געבילדעט דער קאָמיטעט פֿון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן (נח, יו. שולמאַן, לאַזאַר עפּשטיין, זיגמונט); אַרויסגעלאָזן (אין פּויליש און יידיש) אַ דעקלאַראַציע וועגן דער שטעלונג פֿון בונד צו דער סיטואַציע אין פּוילן און די לאַגע פֿון די יידן.

1915

יולי אויף פֿאַרזאַמלונגען, אין פֿאַבריקן און וואַרשטאַטן ווערט אָנגענומען די פּראָ־
טעסט־דעקלאַראַציע פֿון קאָמיטעט פֿון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן
וועגן די מיליטערישע פּאָגראָמען אויף יידן. די דאָזיקע דעקלאַראַציע איז אין
דער פּראָנצויזישער שפּראַך פֿאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן צו אַלע קאָנסולן און
אויסלענדישע פֿאַרטרעטער אין וואַרשע. די דעקלאַראַציע איז אָפּגעדרוקט אין
„אינפֿאָרמאַציאָנס־בלאַט" (רוסיש) פֿונם אויסל. קאָמ. פֿון בונד, זשענעוו 1919.

7 אויגוסט ערשטע גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג פֿון פֿאָרשטייער פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע בראַנזשעס
(70 אָנטיילנעמער, פֿאָרזיצער—וו. שולמאַן). געגרינדעט 12 פֿאַראיינען, אויס־
געוויילט אַ צענטראַל־ביוראָ פֿון 24 מיטגלידער מיט אַ עקזעקוטיוו פֿון 5. ערשטער
פֿאָרזיצער — שולמאַן, סעקרעטאַר — אברהמל שטריקער, שפּעטער —
יאַנקעלעוויטש—יאַנעק.

1916

4 פֿעברואַר אָנגעהויבן צו ערשיינען די „לעבנספֿראַגן" אַלס וועכנטלעכער אָרגאַן, שעף־רע־
דאַקטאָר—וו. מעדעם, סעקרעטאַר—וו. שולמאַן, שטענדיקע מיטאַרבעטער
נח, מ. אָזשעך, ג. זיבערט. שפּעטער—ד"ר י. לינדעמאַן. דוד איינהאָרן און ב.
מיכאַלעוויטש.
אין משך פֿון יאָר 1916—אַ רייע אויפֿרופֿן קעגן דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט.

1917

3 אַפּריל מאַסן־אַרעסטן פֿון בונדיסטן, פּ. פּ. ס.־ליעווּיצע און פּ. ס. ד. אַרויסגעשיקט אין
די דייטשע געפֿאַנגלאַגערס.

25 דעצעמבער פֿאָרגעקומען אין לובלין די 1־טע (פֿאַר דער צייט פֿון דער אָקופּאַציע) קאָנ־
פֿערענץ פֿון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן. פֿאַרטראָטן זענען געווען:
וואַרשע, לאָדז, לובלין, כעלם, טשענסטאָכאָוו, פּיאָטרקאָוו, שעדלעץ, לוקאָוו,
וולאָצלאַוועק, זאַגלעמביע, קאַליש און ראַדאָם, ס"ה 26 דעלעגאַטן מיט באַשטי־
מונגס־רעכט און 2 מיט באַראַטונגס־רעכט. אויסגעוויילט אַ צ. ק. פֿון „בונד"
אין פּוילן.

1918

יולי זיך געגרינדעט דער ביכער־פֿאַרלאַג „לעבנספֿראַגן".

28 נאָוועמבער די 2־טע קאָנפֿערענץ פֿון „בונד" אין פּוילן וואַרשע.

6 דעצעמבער די „לעבנספֿראַגן" הויבט־אָן צו ערשיינען אַלס טעגלעכע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע
צייטונג, צענטראַל־אָרגאַן פֿון בונד אין פּוילן.

1919

18 יאַנואַר אַן אָנפֿאַל אויף די רעדאַקציע פֿון „לעבנספֿראַגן" פֿאַרמאַכט די צייטונג, אַרעס־
טירט דעם רעדאַקציע־סעקרעטאַר וו. שולמאַן און אַלע אַנוועזנדע אין דרוק־
קעריי און אַדמיניסטראַציע.

31 יאַנואַר די „לעבנספֿראַגן" הויבט ווידער אָן צו ערשיינען.

20-21 אַפּריל די דריטע קאָנפֿערענץ פֿון בונד אין פּוילן (וואַרשע).

1920

25 יאַנואַר גראַנדיעזע לויה פֿון יוסף יאַנקעלעוויטש (יאַנעק) אין וואַרשאַ.

23 מערץ אָפּגעשטעלט די „לעבנספֿראַגן".

24 מערץ ערשינען דער 1־טער נומער פֿון דער „אַרבעטער־שטימע" טעגלעכער אָרגאַן פֿון
„בונד".

20—22 אַפּריל די 4־טע קאָנפֿערענץ פֿון „בונד". אין פּוילן און דער פֿאַראייניקונגס־צוזאַמענ־
פֿאָר מיט דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין גאַליציען.

28 אַפּריל אָפּגעשטעלט די „אַרבעטער־שטימע", פֿאַרחתמעט דעם לאָקאַל פֿון רע־

דאַקציע (נאָװאָליפּיע 7), אַרעסטירט דעם פֿאַראַנטװאָרטלעכן רעדאַקטאָר מ. אָזשעך.

29 אַפּריל — 13 מאַי אַלע טאָג ערשײַנען אײנטאָגיקע אױסגאַבן (אונטער פֿאַרשײדענע נעמען („אַר=בעטס=טאָג„ „אונזער טאָג“ „נײַער טאָג“, „טאָג=פֿראַגן“, „נײַער אַרבעטס=טאָג“ א. ד. גל.) אָנשטאָט די פֿאַרמאַכטע „אַרבעטער=שטימע“.

14 מאַי ערשײַנען דער 1=טער נומער פֿון דער „נ ײַ ע ר אַ ר ב ע ט ע ר ש ט י מ ע“ טעג=לעכער סאָצ. דעמ. אַרב.-צײַטונג.

22 מאַי די 2=טע קאָנפֿערענץ פֿון דער ײדישער סאָציאַליסטישער יוגנט=אָרגאַניזאַציע „צוקונפֿט“.

8 יולי אָפּגעשטעלט די „נײַע אַרבעטער=שטימע“, דער לאָקאַל (נאָװאָליפּיע 7) פֿאַרחת=מעט, פֿאַראַנטװאָרטלעכער רעדאַקטאָר פֿ י נ ק אַרעסטירט.

9 יולי ערשײַנען אַן אײנטאָגיקע אױסגאַבע „טאָג=פֿראַגן“.

16 יולי ערשײַנען דער 1=טער נומער „ד י צ ײַ ט“, דעמזעלבן טאָג איז די צײַטונג אָפּ=געשטעלט געװאָרן.

יולי גרױסע רדיפֿות אױף דער ײדישער אַרבעטער=באַװעגונג. לױט אַ פֿאַראָרדענונג פֿון אינערן=מיניסטעריום זענען פֿאַרמאַכט געװאָרן אַלע פֿאַראײנען און אינסטי=טוציעס, װעלכע האָבן זיך געפֿונען אונטער דער װירקונג פֿון „בונד“. אין פֿיל שטעט זענען אַרעסטירט געװאָרן די בונדישע ראַטמענער פֿון די שטאָט=ראַטן.

27 יולי ערשײַנען 1-טער נומער „צ ײַ ט=פֿ ר אַ ג ן“. נאָכן 3=טן נומער אין די צײַטונג אָפּגעשטעלט געװאָרן. פֿאַראַנטװאָרטלעכע רעדאַקטאָרין מ. ע ל י אַ ש אינטערנירט אױף דער גאַנצער צײַט פֿון דער מלחמה.

1 נאָװעמבער אַרעסטירט דעם בונדישן ראַטמאַן פֿון װאַרשעװער שטאָט=ראַט ה. ע ר ל י ך.

„ „ ערשײַנען „אונזער צײַט“ אַ זאַמעלהעפֿט, די ערשטע אױסגאַבע נאָך דעם װי די רױטע אַרמײ האָט פֿאַרלאָזן די גרענעצן פֿון פּױלן.

14 נאָװעמבער ערשײַנען דער נומער פֿון׳ם װאָכנבלאַט „אונזער שטימע“.

5 דעצעמבער פֿאַרמאַכט אױפֿן 4=טן נומער „א ו נ ז ע ר ש ט י מ ע“.

12 דעצעמבער ערשײַנען „ד י נ ײַ ע צ ײַ ט“ אײנמאָליקע אױסגאַבע.

19 דעצעמבער ערשײַנען „צ ײַ ט=ש ט י מ ע ן“

24 דעצעמבער ערשײַנען דער 1=טער נומער „מ אָ ר ג ע נ ש ט ע ר ן“ אַרױסגעגאַנגען רעגעל=מעסיק אַלע װאָך, אָפּגעשטעלט לױט אַ באַשלוס פֿונם װאַרשעװער קרײַז-געריכט דעם 19 נאָװעמבער 1921.

1921

23 פֿעברואַר ערשײַנען דער 1=טער נומער „לאָדזשער װעקער“. אַרױסגעגעבן 22 נומערן, דער לעצטער — 25 דעצעמבער 1921.

2 מערץ לאָדזשער שטאָט=ראַט אָנגענומען דעם פֿאָרשלאַג פֿון דער בונדישער פֿראַקציע װעגן אַמנעסטיע.

26—27 אַפּריל קאָנפֿערענץ פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע קלאַסן=פֿאַראײנען פֿון די ײדישע אַרבעטער.

1=טער מאַי אַ בלוטיקער אָנפֿאַל אױף די בונדישע מאַי=דעמאָנסטראַציע אין װאַרשע.

גראַנדיעזע מאַי=פֿײַערונגען אין לאָדז, לעמבערג, קראָקע, װילנע און אַנדערע שטעט.

11 יוני 1=טע לאַנד-קאָנפֿערענץ פֿון די ײדישע טעקסטיל=פֿאַראײנען אין פּױלן.

28 יוני די לאַנד=קאָנפֿערענץ פֿון די ײדישע אַרבעטער=קאָאָפּעראַטיװן אין פּױלן.

1—3 יולי אַ פּראָצעס פֿאַר געהערן צום „בונד“ אין ס אַ מ ב אָ ר (גאַליציען).

15 יולי 2=טער צוזאַמענפֿאָר (װאַרשע) פֿון נאָדל=אינדוסטריע=פֿאַרײן פֿון די ײדישע אַרבעטער.

12 אױגוסט דערשײַנען אין לעמבערג דער 1=טער נומער „נײַע אַרבעטער=שטימע“. דערשי=נען 4 נומערן, אָפּגעשטעלט דורך דער מאַכט 2-טן סעפּטעמבער 1921.

15—17 סעפט. אַ פּאָגראָם פּין כּאַדעקעס אויפֿן יידישן נאָדל-פאַריין אין וואַרשע; פּאַרלאַפֿט דעם לאָקאַל.

14 אָקטאָבער כוליגאַנעס געשלאָגן יידישע אַ־בעטער=דעמאָנסטראַנטן קעגן אָנפֿאַל אויפֿן 8=שעהדיקן אַרבעטס=טאָג און קעגן אויסנאַם=געזעצן.

19 אָקטאָבער זיך געעפֿנט אין וואַרשע דער 2-טער לאַנד-צוזאַמענפֿאָר פון לעדער=אינדוסטרי=פאַריין פֿון די יידישע אַרבעטער.

1 נאָוועמבער דערש נען די „ביאַליסטאָקער אַרבעטער-שטימע". קאָנפֿיסקירט און פֿאַרמאַכט.

19 נאָוועמבער אָפּגעשטעלט דעם „מאָרגענשטערן".

25 נאָוועמבער דערשינען דער 1=טער נומער „פֿאָלקס=צייטונג". (וועכנטלעך, פֿון ג. 15—2 מאָל וועכנטלעך, פֿין 1=טן סעפּטעמבער 1922 — טעגלעך).

25=29 דעצעמבער דער 2-טער צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד" אין פּוילן (49 דעלעגאַטן: 17 צענטריסטן, 26 לינקע, 6 קאָמבונדיסטן).

1922

23 יאַנואַר דערשינען דער 1=טער נומער „אונזער לאָדזער וועקער". אַרויסגעגאַנגען 7 נומערן ביזן 15=טן יוני 1922.

אָקטאָבער אין לעמבערג האָט אָנגעהויבן ערשיינען „אַרבעטער=שטימע"; ביזן 1=טן דעצעמבער דערשינען 3 נומערן.
אין פּיעטרקאָוו דערשינען 2 נומערן „די אייניקייט".

די סאָציאַליסטישע יוגנט־פּרעסע אין פּוילן.

אין דער יידישער שפּראַך.

„סאָציאַליסטישע יוגנט־שטימע" — דער 1-טער יוגנט־אָרגאַן אין פּוילן, דערשינען יעדע צוויי וואָכן פון דעם 1־טן פעברואַר 1919, פון 10־טן נומער אָן ווערט די ציַיטונג דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער ס. ד. י. אַ. „צוקונפט" אין פּוילן. מיטן (30)8 נומער פון 1־טן מאַי 1920 ווערט די ציַיטונג אָפּגעשטעלט דורך דער מאַכט.

„אונזער צוקונפט" — אַ זאַמלהעפט, 15 מאַי 1920

„די צוקונפט" — אַ זאַמלהעפט 15 יוני 1920

„נייע צוקונפט" — אַ זאַמלהעפט 10 יולי 1920

„אונזער יוגנט־שטימע" — אַ צווייווע נטלעכער אָרגאַן. דער 1-טער נומער דערשינען דעם 10־טן יאַנואַר 1921 איז קאָנפיסקירט און אָפּגעשטעלט געוואָרן.

„פּראָלעטאַרישע יוגנט" — אַ זאַמלהעפט, 5 פעברואַר 1921

„יוגנטלעכער אַ בעטער" — " 1 מאַי 1921

„אַרבעטער־יוגנט" — " 20 יולי 1921

„יוגנט־טאָג" — " 1 סעפּטעמבער 1921 (קאָנפיסקירט)

„יוגנט-שטימע" — 15 דעצעמבער 1921

„די נייע יוגנט" — דערשינען דריי נומערן אַלס ביילאַגע צו דער „פאָלקסציַיטונג" אַפּריל 1922

„פרילינג" — אַ זאַמלהעפט 1 מאַי 1922 (קאָנפיסקירט)

„דער יוגנט־וועקער" — זאַמלהעפט 15 סעפּטעמבער 1922

„אונזער יוגנט־וועקער" — זאַמלהעפט, 1-טן נאָוועמבער 1922

אין דער פּוילישער שפּראַך.

„Młodzież Socjalistyczna" — מאָנאַט-זשורנאַל, 2 נומערן דערשינען 1919

„Nowa Młodzież" — אַ זאַמלהעפט, מאַי 1921

„Wolna Młodz eż" — מאָנאַט־זשורנאַל דערשינען 2 נומערן. מיטן 2־טן נומער איז דער אָרגאַן קאָנפיסקירט און אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך דער מאַכט.

די פרעסע פון „בונד" ביז דער ערשטער רעוואלוציע אין רוסלאנד.

(1896—1905)

1896

1) דער „יידישער ארבעטער" ארויסגעגעבן אין זשענעווע — לאנדאן № 1—17 1896—1905. דער ערשטער נומער איז געווען געדרוקט אין 1000 עקז.

1897

2) „ארבעטער שטימע" דער צענטראל-ארגאן פון „בונד" געדרוקט אין רוסלאנד № 1—40 אויגוסט—סעפטעמבער 1897—1905 דער ערשטער נומער 400 עקז.

1898

3) „קלאסן-קאמף" ארגאן פון ווילנער קאמיטעט № 1—6 סעפטעמבער 1898—1902.

4) „דער וועקער" פון בערשטער-בונד № 1—3 1903—1908 דער ערשטער פראפעסיאנע-לער ארגאן געדרוקט אין אויסדאנד, פון № 9 געדרוקט אין רוסלאנד, דער ערשטער רע-דאקטאר איז געווען לעאן בערנשטיין, אין רעדאגירן די צייטונג האבן שפעטער גענומען אן אנטייל: א. ליטוואק, ג. פרומקין, א. ווייטער, ב. מיכאלעוויטש.

1899

5) „אייניקייט", מינסק № 1—2 יוני 1899 יאר.

6) „ביאליסטאקער ארבעטער" ביאליסטאק, דער ערשטער נומער געדרוקט אין אויסלאנד № 1—7 אפריל 1899—1902.

7) „ווארשעווער ארבעטער" ווארשע № 1—21 יולי 1899—1905.

1900

8) „מינסקער ארבעטער" מינסק № 1—10 דעצעמבער 1900—1905.

9) „קאמף" האמעל נומער 2 אויך אין רוסיש № 1 סעפטעמבער 1900.

10) „מינסקער פלוגבלאט" מינסק ערשטער נומער אין סעפטעמבער 1900.

11) פינסקער פלוגבלאט" (העקטאגראפירט) № 1—2 1900

1901

12) „פרייהייטס-גלאק" לאדז № 1—3 סעפטעמבער 1901—1903.

13) „דער ארבעטער" פאניעוועזש № 1 נאוועמבער 1901.

14) „גראדנער פלוגבלאט" גראדנע ערשטער נומער יאנואר 1901.

1902

15) „פאסלעדניא-איזוועסטיא" (רוסיש) ארויסגעגעבן פון אויסלענד.-קאמיטעט לאנ-דאן—זשענעוו № 1—256 1902—1905.

16) „ווילנער פלוגבלאט" דער ערשטער נומער סעפטעמבער 1902.

17) „לאדזער פלוגבלאט" דער ערשטער נומער אפריל 1902.

18) „דווינסקער פלוגבלאט" דער ערשטער נומער פעברואר 1902.

19) „קאוונער פלוגבלאט" „ „ „ סעפטעמבער 1902.

1903

20) „ביאַליסטאָקער פלוגבלאַט" דער ערשטער נומער יאַנואַר 1903.

21) „וויטעבסקער פלוגבלאַט" „ „ „ „ „

22) „בערדיטשעווער פלוגבלאַט" דער ערשטער נומער יולי 1903.

23) „האָראָדאָקער פלוגבלאַט".

24) „פלוגבלאַט פון פוילישן בערשטער־ראַיאָן" 1903.

1904

25) „דער בונד" — פאָפולערער אָרגאַן, ארויסגעגעבן פון צ. ק. פון „בונד", דער 1־טער נימער איז געווען געדרוקט אין 6000 עקז. דער לעצטער אין 30 טויזנט עקז. 12 — 1 № יאַנואַר 1904—אָקטאָבער 1905.

26) „וויעסטניק בונדאַ" (רוסיש) געדרוקט אין אויסלאַנד 5—1 № 1904—1905.

27) „גלאָס־בונדו", (פויליש) „ „ 4—1 № מאַי 1904—1905

28) „שאַוולער פלוגבלאַט" דער ערשטער נומער יאַנואַר 1904 יאָר

1905

29) „לעצטע פאָסירונגען" ארויסגעגעבן פון אויסלענד. קאָמ., זשענעוו 26—1 №

II. די פּרעסע פון „בונד" פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע ביז דער צווייטער.

(1905—1917).

1905

30) „דער וועקער" דער ערשטער לעגאַלער אָרגאַן, ווילנע, דער ערשטער נומער איז געווען געדרוקט אין 45000 עקז. 33—1 № 25 דעצעמבער 1905—1906.

31) „יעווריייסקי ראַבאָטשי" (רוסיש) פעטראָגראַד 1 № דעצעמבער 1905.

1906

32) „די נייע וועלט" ווילנע 1 № פעברואַר.

33) „פאָלקסצייטונג" ווילנע, ארויסגעגעבן אָנשטאָט דעם פאַרמאַכטן „וועקער" 434—1 № 19 פעברואַר 1906—19 סעפטעמבער 1907.

34) „נאַשע סלאָוואָ" (רוסיש) וואָכנבלאַט 9—1 № 1906.

35) „נאַש טריבונאַ" (רוסיש) ווילנע, די רעדאַקציע האָט זיך צוליב פּאָליציישע באַדינגונגען אריבערגעפירט קיין קאָוונע; 1) מעדעם, 2) יודין, 3) פ. באַגראָוו, 12—1 № 13 דעצעמבער 1906—1907.

36) „דער גלאָק" וואַרשע (אומלעגאַל) 3—1 № סעפטעמבער—יולי

1907

37) „דער טאָג" ווילנע 1 № סעפטעמבער.

38) „די האָפנונג" ווילנע, פון 1 נאָוועמבער האָט די „האָפנונג" געדאַרפט ארויסגעגעבן ווערן ווי א קאָפּיקענע צייטונג, אין דער רעדאַקציע פון דער נייער צייטונג זענען אריין 1) ליטוואַק, 2) מעדעם, 3) אסתר, דעם 29/X איז די „האָפנונג" פאַרמאַכט געוואָרן און א גרויסער טייל פון דער רעדאַקציע און קאָנטאָר זענען אַרעסטירט געוואָרן, 42—1 № 2) סעפטעמבער—2 אָקטאָבער.

39) „דער מאָרגענשטערן" ווילנע, 3—1 №, 16—30 נאָוועמבער, אין רעדאַקציע 1) מעדעם, 2) יודין, 3) ווייטער. 4) באַגראָוו.

40) „נאַשע האַסלאָ" (פּױליש) אומלעגאַל 1—2 №.

1908—1909

41) „די שטימע פֿון בונד". אומלעגאַל 1—4 №, 19.8—1911

42) „אָטקליקי בונדאַ" (רוסיש) 1—5 №, 1909—1911.

1910

43) „וואַרשעווער פֿלוגבלאַט" אַרויסגעגעבן פֿון וואַרשעווער קאָמיטעט פֿון „בונד" (אומלעגאַל, געדרוקט אין לאָדז).

1911

44) „פֿאָלקס=שטימע" אַ זאַמלבוך, וואַרשע 1—2 №.

45) „די נײַע שטימע" ווילנע 1—3 № פֿעברואַר מערץ.

1912

46) „לעבנס=פֿראַגן" וואַרשע, אַ וואָכנבלאַט. אין רעדאַקציע וועלכע איז געזעסן אין ווין זענען אַרײַן: 1) מעדעם, 2) ליטוואַק, 3) אַבראַמאָוויטש, 4) גראָסער, 5) שפּעטער אָלגין 1—2 № אױפֿן צווייטן נומער איז די צייטונג פֿאַרמאַכט געוואָרן אַ טייל פֿון דער אַדמיניסטראַציע אַרעסטירט 8—18=טן מאַי.

47) „צײַט" פּעטראָגראַד. אַ וואָכנבלאַט. אין רעדאַקציע איז געווען אין ווין: 1) מעדעם, 2) ליטוואַק, 3) אַבראַמאָוויטש, 4) אָלגין, די צווייטע אין פּעטראָגראַד (ערליך, זאַסלאַווסקי, און מילאַלעוויטש) 1—60 №, 20 דעצעמבער 1912—5 יוני 1914.

48) „דער שנײַדער" זאַמלביכער, ווילנע, 1—2 №

49) „דאָס יידישע פֿאָלק" אָדעס, 1—3 №

50) „די יידישע פֿאָלקס-שטימע" 1 №

51) „אינפֿאָרמאַציאָנס=בלאַט" (אומלעגאַל) אַרויסגעגעבן פֿון צ. ק. 1 № סעפּטעמ.

1913

52) „די נאָדל" זאַמלבוך, ווילנע 1№

53) „דער שנײַדער" ווילנע, רעדאַקטאָר לאַזאַר לאַנדצמאַן (געשטאָרבן) 1 — 7 № 1913—1914.

1914

54) „אונזער צײַט" פּעטראָגראַד, 2 מאָל אַ וואָך אַרויסגעגעבן אָנשטאָט דער „צײַט" 1—7 №, 24 יוני—17 יולי.

55) „אינפֿאָרמאַציאָנס-בלעטל" (אין רוסיש און יידיש) פֿון אויסלענדישן קאָמ. פֿון „בונד" און צ. ב. פֿון די אויסלענד. גרופּן 1—11 №, 1916—1914.

1916

56) „יעווריעסקיאַ וויעסטי" (רוסיש) פּעטראָגראַד, אַרויסגעגעבן פֿון ד. זאַסלאַווסקי און וו. קאַנטאָראָוויטש, נישט קיין אָפֿיציעלער בונדישער אָרגאַן 1—7 №, 9 אָקטאָבער 1916 — 16 פֿעברואַר 1917.

III. די צווייטע רוסישע רעוואָלוציע.

1917

57) „אַרבעטער שטימע" פּעטראָגראַד, צענטראַלער אָרגאַן פֿון „בונד" 1—51 № 24 מע־ץ—8 נאָוועמבער.

58) „דער וועקער" מינסק, פֿון יוני אָן אַ טעגלעכע צײַטונג פֿאַר צפֿון=מערב'דיקן קאַנט פֿון ערשטן יאַנואַר 1918 יאָר צענטראַל אָרגאַן פֿון „בונד". צוליב פֿאַרשידענע איבער.

קערענישן איז „דער וועקער" עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט געוואָרן און איבערגעטראָגן אין אַנדערע שטעט (האָמעל, מאָסקווע און ווידער מינסק). אין פֿאַרשידענע צייטן זיינען אין דער רעדאַקציע געווען: 1) א. וויינשטיין, 2) אסתּר, 3) ליטוואַק, 4) וויינרייך, 5) א. קירזשניץ, 6) ב. סוועטיצקי. דער לעצטער נומער ווי אַ בונדישע צייטונג איז „דער וועקער" אַרויס ענדע מערץ 1921 יאָר, № 1—773, 17 מאַי 1917—מערץ 1921.

59) „פֿאָלקס־צייטונג" קיעוו, פֿון 7 נומער אַ טעגלעכע צייטונג פֿאַר דרום־רוסלאַנד. אין דער רעדאַקציע זיינען געווען אין פֿאַרשידענע צייטן: 1) מ. ראַפֿעס, 2) אַ. ליטוואַק און ש. עפּשטיין, № 1—268, 8 אויגוסט 1917—21 פֿעברואַר 1919 פֿון 22 פֿעברואַר (№ 209) 1919 יאָר אָרגאַן פֿון אַלגעמיינעם יידישן קאָם. אַרבעטער־בונד.

60) „דער אינטערנאַציאָנאַל" יעקאַטערינאָסלאַוו, אָרגאַן פֿון ראַיאָנ. קאָמ. פֿון „בונד" פֿאַר יעקאַטער., כאַרקאָווער, טאַווריִשער און דאָנער געגנט, אַ וואָכנבלאַט № 1—17, אויגוסט 1917—יוני 1918.

61) „דאָס פּראָפֿעסיאָנעלע לעבן" פּעטראָגראַד, פּראָפֿעסיאָנעלער אָרגאַן אַרויסגעגעבן פֿון דער פּראָפֿעס. קאָמיסיע ביים צ. ק. פֿון „בונד", די ערשטע 2 נומערן זיינען אַרויס ווי אַ ביילאַגע צו דער „אַרבעטער שטימע" (№ 11—12, 18—19), פֿון № 3 אַ וואָכנבלאַט דעם 20 יולי № 1—16, 12 מאַי—10 אָקטאָבער.

62) „גאָלאָס בונדאַ" (רוסיש) פּעטראָגראַד, № 1—8, 8 אויגוסט—15 אָקטאָבער.

63) „נאַשאַ סלאָוואָ" (רוסיש) כאַרקאָוו, פֿון № 5 איבערגעטראָגן אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אָרגאַן פֿון ראַיאָנ. קאָמיטעט פֿאַר יעקאַטערינאָסלאַווער, כאַרקאָווער, טאַווריִשער און דאָנער געגענט № 1—8, 8 יוני 1917—12 יאַנואַר 1918.

64) „נאַש גאָלאָס" (רוסיש) אָדעס, רעדאַקטאָר ג. לוריע № 1—9, 8 יוני—22 אויגוסט.

65) „די נאַכריכטן פֿון כאַרקאָווער קאָמיטעט פֿון בונד" כאַרקאָוו. № 1—4, 30 אַפּריל—29 יוני.

66) „זשיטאָמירער אַרבעטער־בלאַט" זשיטאָמיר, אָרגאַן פֿון זשיטאָמירער קאָמ. פֿון „בונד", № 1—2, 5 יולי—30 יולי.

67) „די שטימע פֿון בונד" מאָסקווע, אָרגאַן פֿון מאָסקווער קאָמיטעט, № 1 דעם 24 מערץ.

68) „דער יידישער אַרבעטער" אַרויסגעגעבן פֿון באָריסאָגליעבסקער קאָמ. פֿון „בונד" (העקטאָגראַפֿירט) № 1, אַפּריל.

69) „סיבירסקי וויעסטניק בונדאַ" טאָמסק, אָרגאַן פֿון סיבירער געגנט קאָמיטעט רעד. ד. ראָזענבערג № 1—7, סעפּטעמבער 1917—יאַנואַר 1918.

70) „איזוועסטיאַ קאָנאָטאָפּסקאָ אָרג. בונדאַ" קאָנאָטאָפּ, № 1.

1918

71) „אונזער צייט" ריגע, אָרגאַן פֿון ראַיאָנ. קאָמיטעט פֿון „בונד" פֿאַר לעטלאַנד, רעד. מ. דאַנסקאַ, № 1—2, 25 דעצעמבער 1918—15 מערץ 1919.

72) „די האָפֿנונג" מאָסקווע, אָרגאַן פֿון הויפּט־קאָמיטעט פֿון „בונד" פֿאַר גרויס רוסלאַנד, רעדאַקטאָר ר. ריין, אין רעדאַקציע: 1) אַבראַמאָוויטש, 2) רובין, 3) היילִיקמאַן, № 1—5, 10 אויגוסט—19 דעצעמבער.

73) „די צוקונפֿט" מאָסקווע, זאַמלבוך, אַרויסג. פֿון מאָסקווער און ראַיאָנ. קאָמיטעט פֿון „בונד" № 1—4, 1 אַפּריל—5 יוני.

74) „דער גלאָק" אָדעס, אָרגאַן פֿון אָדעסער קאָמיטעט פֿון „בונד" ערשיינט שבת, רעד.: 1) ג. לוריע, 2) ל. בערמאַן, № 1—2, 26 מערץ—7 אַפּריל.

75) „אונזער שטימע" ווילנע, רעד. ר. עפּשטיין אָרגאַן פֿון „בונד" פֿאַר ליטע № 1—99 5 דעצעמבער 1918—18 אַפּריל 1919.

76) „יעוור. ראַבאָטשי" (רוסיש) אָפּיצ. רעד. ב. כהן, פּעטראָגראַד, אָרגאַן פֿון פּעטראָגראַדער קאָמיטעט, אין רעדאַקציע זיינען געווען: 1) ד. זאַסלאַווסקי, 2) וו. קאַנטאָראָוויטש, 3) הורגיל. № 1—10, 15 מאַי—31 יולי.

77) „ראבאטשי פאניעדעלניק" אָדעס, וואָכנבלאַט, 26—1 №.

78) „ביולעטין פון האָמלער קאָמיטעט פון בונד און ר. ס. ד. א. פ." (רוסיש) האָמעל 1 № דעם 16 דעצעמבער.

79) „דער וואָלגער אַרבעטער" סאַראַטאָוו, אָרגאַן פון וואָלגער ראַיאָן=קאָמ. פון „בונד" 4—1 № 25 מײַ – 17 יולי.

1919.

80) „צײַט פראגן" קיעוו, רעד. א. ליטוואַק, א בונדישער וואָכנבלאַט 1 № יטם 10=טן פעבּרואַר.

81) „פרײַהײַט" קיעוו, רעד. ב. ספּיוואַק 1 №, 10 מערץ.

82) „ראַבאָטשי גאָלאָס" (רוסיש), האָמעל, אַ וואָכנבלאַט, יוני 1919—אַפּריל 1920

83) „פאָלקס=צײַטונג" אָרגאַן פון „בונד" אויף אוקראַינע, קיעוו, 1 №, 27 דעצעמבער, רעד. א. ליטוואַק.

1920

84) „די האָפנונג" קיעוו, רעד. א. ליטוואַק, 1 №. מערץ.

85) „אונזער שטימע" ווילנע, ערשינען נאָך דער שפּאַלטונג 103—100 №, 13 אויגוסט—25 אויגוסט.

86) „נײַע צײַט" אַ וואָכנבלאַט פאַר יידישע אַרבעטער אין ליטע, קאָוונע, רעד, ז. קאַלאַדני 1 №. 2 יולי.

87) „דאָס פרײַע וואָרט" א וואָכנבלאַט, געזעלשאַפטלעך=ליטעראַרישע צײַטונג, ווילנע, רעד. ז. דימאַן, 29—1 № 13 נאָוועמבער 1920—24 סעפּטעמבער 1921, פון 11 № אַנ'אַר=בעטער=צײַטונג.

1921

88) „אונזער טריבונע" איינמאָליקע אויסגאַבע, רעד. ל. וויינשטיין, 31 דעצעמבער.

1922

89) „אונזער צײַט" ווילנע, וואָכנבלאַט, רעד. ר. עפּשטיין 24 — 1 №, 14 יאַנואַר — 30 יוני.

90) „צײַט=פראַגן" ווילנע, אַרבעטער = בלאַט וואָכנשריפט. ל. וויינשטיין, 12 — 1 №, 15 יולי.

91) „אַרבעטער=בלאַט" ווילנע וואָכנשריפט 11—1 №

92) „אונזער געדאַנק".

היסטארישע דאקומענטן

באַריכט צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסט. קאָנגרעס אין פּאַריז.

(סעפּטעמבער 1900.)

וואַרשע.

אין זומער 1897 יאָר האָט זיך געבילדעט „דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פּוילן“. די וואַרשעווער יידישע סאָציאַלדעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע איז אַריין אין „אַלגעמיינעם בונד“ און האָט זיך אָנגעהויבן רופן „דער וואַרשעווער סאָצ. דעמאָקראַטישער קאָמיטעט“ פון „בונד“. פון סוף פון 1897־טן און דאָס גאַנצע 1898־טע יאָר איז אָנגעגאַנגען אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט. מ'האָט זיך צוגעגרייט צו אַ ברייטער אַגיטאַציע אין דער מאַסע; נאָר דער וואַרש. סאָצ. דעמ. קאָמיטעט האָט זיך ניט פאַרלאָזט אינגאַנצן אויף דער אַגיטאַציע צווישן דער מאַסע און האָט אויך אַרויסגעלאָזט איינציקע פּראָקלאַמאַציעס אַדרעסירט צו אַלע יידישע אַרבעטער אין וואַרשע, וואו ס'האָט זיך דערקלערט דער אָדער יענער אינטערעסאַנטער פאַקט (ווי, למשל, צום יאָר־צייט פון די 4 אויפגעהאַנגענע מיטגלידער פון דער פּוילישער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט“), אָדער פּראָקלאַמאַציעס צו אַרבעטער פון אַ באַשטימטן פאַך (צו קופּערשמידן, צו די אַרבעטער פון פּיינקינד'ס פאַבריק). צוזאַמענווייז פלעגט דער וו. ס. ד. ק. פאַרשפּרייטן בראָשורן, וועלכע די מאַסע האָט געקענט לייכט פאַרשטיין. אויך פלעגט דער קאָמיטעט באַ יעדער מעגליכקייט מאַכן פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען פון די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע (צום יאָר־צייט פון די 4 אויפגעהאַנגענע מיטגלידער פון „פּראָלעטאַריאַט“, יובילעאום פון דער פּויערים־פאַרבאַנד, 1 מערץ).

צום 1־טן מאַי פון 1899 יאָר האָט די אָרגאַניזאַציע זיך באַמיט גוט צוצוגרייטן די מאַסע צום יום־טוב: איינגעאָרדנט אַ גאַנצע ריי פאַרזאַמלונגען פון אָרגאַניזאַציאָנס־מיטגלידער און פון אַרבעטער פון דער מאַסע און אַ. ז. וו. פאַר דעם 1־טן מאַי האָט דער וו. ס. ד. ק. אַרויסגעלאָזט אַן אַרטיקע פּראָקלאַמאַציע (3500 עקזעמפּלאַרן), און אויך פאַרשפּרייט דעם מאַי־נומער פון דער „אַרבייטער־שטימע“ און די פּראָקלאַמאַציע פון „בונד“. דעם 1־טן מאַי איז פאָרגעקומען אַ הויבשע דעמאָנסטראַציע, אין וועלכער ס'האָבן זיך אין אַ גאַנץ גרויסער צאָל באַטייליקט יידישע אַרבעטער.

די דעמאָנסטראַציע פון 1־טן מאַי האָט געדינט סיי פאַר די יידישע, סיי פאַר די פּוילישע אַרבעטער ווי אַ סיגנאַל צום עקאָנאָמישן קאַמף, וועלכער האָט זיך אויך באַלד אָנגעהויבן כמעט אין אַלע פאַכן.

די גאַנצע מאַסע האָט זיך אָנגעכאַפּט שטאַרק פאַר'ן קאַמף, כדי צו פערבעסערן דורך אים די עקאָנאָמישע לאַגע. ס'האָבן געשטרייקט די לעדער־אַרבעטער (גאַרבערס), די קאָמאַשנשטעפּער, די זעמשער, די אַרבעטער פון פּאַליאַקעוויטש'עס פּאַפּיראָסן־פאַבריק, די בעקער, די סטאָליאַרעס, די אַרבעטער פון די דרוקערייען און פון נאָך איינציקע פאַכן. די שטרייקן האָבן זיך געצויגן דעם גאַנצן זומער. מ'האָט אומעטום געפאָדערט הויפּטזעכליך אַ 12־שעה'דיקן אַרבעטס־טאָג (אין דעם אַ ½ שעה אויף פרישטיק און 1½ שעה אויף מיטאָג), און העכערן דעם לוין.

אונזער אָרגאַניזאַציע האָט אין די

אויבענדערמאַנטע שטרייקן גענומען אַ גרויסן אָנטייל. אין משך פֿון אַ גאַנצן זומער זענען זייער אָפֿט פֿאָרגעקומען פֿאַרזאַמלונגען פֿון גאַנצע מאַסן אַרבעטער (200, 300 און אַפֿילו 600 און 700 אויף איין פֿאַרזאַמלונג). אויף די פֿאַרזאַמלונגען פֿלעגן געהאַלטן ווערן רעדעס פֿון מיטגלידער פֿון אונזער אָרגאַניזאַציע, אין וועלכע מ'פֿלעגט דערקלערן די אַרבעטער זייערע פֿאָדערונגען, ווי מ'דאַרף זיך האַלטן בײַ אַ שטרייק, און מ'האָט אויך אַרומגערעדט די ווײַטערע צילן פֿון דער אַרבעטער=באַוועגונג.

די פֿאַרזאַמלונגען האָבן געהאַט אויף די אַרבעטער אַ גוטע דערציענדיקע ווירקונג, האָבן זיי צוגעגעבן אַ שטאַרקן חשק צום קאַמף, און האָבן אין זיי שטענדיק אונטערגעהאַלטן די האָפֿנונגען אויף אַ בעסערער לאַגע און אַ שטאַרקן גלויבן אין די אייגענע כּוחות. אין משך פֿון זומער האָט דער ו. ס. ד. ק. פֿאַרשפּרייט צווישן דער ייִדישער אַרבעטער=מאַסע אַפֿילו ליטעראַטור, אַ ליטעראַטור, וועלכע באַשעפֿטיקט זיך מיט דיזלבע פֿראַגעס, וואָס האָבן פֿאַראינטערעסירט די מאַסע בעת'ן קאַמף.

תּשעה=באָב, ווען די אַרבעטער קלײַבן זיך צונויף אויפֿ'ן בית=עולם, האָט מען דאָרטן פֿאַרשפּרייט 600 בראָשורן.

חוץ דעם האָט דער קאָמיטעט אַרויסגעגעבן געדרוקטע פּראָקלאַמאַציעס צו די אַרבעטער פֿון פּײַנקינד'ס לאַנגעטן=פֿאַבריק, צו די בעקער=אַרבעטער און אַן אויפֿרוף צו אַלע ייִדישע אַרבעטער און אַרבעטערינס. אָבער זאָרגענדיק וועגן די באַדערפֿענישן פֿון דער מאַסע, האָט דער קאָמיטעט אויך ניט פֿאַרגעסן אין די אָרגאַניזאַציאָנס=מיטגלידער.

אין משך פֿון זומער זענען פֿאָרגעקומען אייניקע פּאָליטישע פֿאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע ס'זענען אויפֿגעקלערט געוואָרן די פּרינציפּן פֿון סאָציאַלדעמאָקראַטישן פּראָגראַם און וואו ס'איז געוועקט געוואָרן די אינטענסיוויטעט פֿון דעם עקאָנאָמישן קאַמף, וועלכער האָט זיך געפֿירט דעם גאַנצן זומער.

די מאַסע האָט אָנגעהויבן צו פֿאָדערן מער ליטעראַטור, יעדער פֿון איר האָט באַקומען אַ שטאַרקן חשק צו לעזן; דער שטאַרקער קאַמף, די שטאַרק באַזוכטע פֿאַרזאַמלונגען, און פֿאַרגרעסערטע אַגיטאַציע — האָבן אַרויסגערופֿן צווישן די מאַסן פֿיל פֿראַגן, מיט וועלכע זי האָט זיך זייער פֿאַראינטערעסירט און אויף וועלכע זי האָט נייטיק געזוכט אַן ענטפֿער. די, וועלכע זענען נאָענט געשטאַנען צו דער מאַסע, האָבן אײַנגעזען, אַז בײַ אַזאַ צײַט קען ברענגען גרויסע נוצן אַ שטענדיקער אָרטיקער אָרגאַן, וועלכער זאָל ערקלערן אַלץ, וואָס עס קומט פֿאָר אין'ם לעבן פֿון דער מאַסע, זאָל זיך באַשעפֿטיקן מיט די אַלע פֿראַגן, מיט וועלכע די מאַסע איז פֿאַראינטערעסירט אין דעם אָדער יענעם מאָמענט. אַזאַ אָרגאַן וואָלט די מאַסע באַגעגנט מיט גרויס פֿרייד.

ס'איז געבליבן אַרויסצוגעבן אַן אָרטיקן אָרגאַן, פֿון וועלכן דער ערשטער נומער איז אַרויס אין אויגוסט 1899=טן יאָר אונטער דעם נאָמען: „דער וואַרשעווער אַרבייטער". אין דעם נומער זענען געווען פֿאַרשיידענע מיטטיילונגען פֿון אַלע פֿאַכן, אַלגעמיינע אַרטיקלען, און אַן אַרטיקל וועגן די פּאָליציי=באַדינגונגען אין רוסלאַנד בכלל און אין וואַרשע בפֿרט (שטרענגע מיטלען בעת די שטרייקן, דאָס אַרויסשיקן מאַסנווייז פֿון וואַרשע און אַרעסטן). דער נומער האָט זיך זייער גיך פֿאַרשפּרייט צווישן די ייִדישע אַרבעטער און האָט געמאַכט אויף זיי אַ גוטן אײַנדרוק.

דער ו. ס. ד. ק. האָט זיך באַמיט, אַז דער אָרגאַן זאָל ווי ווײַט מעגליך אָפֿטער ערשײַנען און צוליב דעם האָט ער געגרינדעט אַן אייגענע דרוקערײַ. אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז אַרויס דער 2=טער נומער „וואַרשעווער אַרבייטער", אין אַ גרעסערן פֿאָרמאַט, און איז זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען נאָך גיכער פֿאַר דעם ערשטן נומער; ווי עס ווײַזט אויס איז „דער וואַרשעווער אַרבייטער" געפֿעלן געוואָרן דער ייִדישער מאַסע און האָט איר זייער פֿאַראינטערעסירט.

אין פֿאַרלויף פֿון ווינטער פֿון 1899—1900 האָט די וואַרש. סאָצ.

דעם. אָרגאַניזאַציע איבערגעלעבט זייער אַ שווערע צייט. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן שווערע באַרפֿאָלגונגען מצד דער פּאָליציי. און די פּאָליציי-באַריגונגען, וועלכע האָבן ביז איצט אויך געשטערט דער באַוועגונג, זענען איצט געוואָרן אַזוי שווער, אַז ס'איז געוואָרן אוממעגליך זיי אַריבערצוטראָגן. מ'האָט ענטדעקט אייניקע פֿאַרזאַמלונגען, מ'האָט אַרעסטירט פֿיל אַקטיווע מיטגלידער פֿון דער אָרגאַניזאַציע. ס'איז געוואָרן שווער צו פֿירן אַ שטענדיקע נאָרמאַלע און פּלאַנמעסיקע אַרבעט, נאָר פֿונדעסטוועגן האָט זיך די אַרבעט נישט אָפּגעשטעלט. איבערהויפּט איז געווען זייער אַ סך אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט; מ'האָט געדאַרפֿט אַריינעמען אין דער אָרגאַניזאַציע יענע מער בעוואוסטזיניקערע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע אַרויסטרעטונגען אין די לעצטע שטרייקן. בכלל האָט זיך די אָרגאַניזאַציע פֿאַרדאָפּלט דורך די צוגעקומענע מיטגלידער. מ'האָט געגרינדעט אַ סך קרייזן אום באַקאַנטצומאַכן זייערע מיטגלידער מיט דעם באַצ. דעם. פּראָגראַם; ס'זענען פֿאָרגעקומען פֿיל פֿאַרזאַמלונגען; מ'האָט פֿאַרשפּרייט ליטעראַטור. אין דער לעצטער צייט האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז נויטיק צו לערנען מיט פֿיל אַרבעטער, וועלכע האָבן געוואָלט לערנען די יידישע און אויך אַנדערע שפּראַכן. דער ס. ד. ק. האָט זיך באַמיט, ווי ווייט מעגליך, צו באַפֿרידיקן אויך די דאָזיקע באַדערפֿעניש פֿון די אַרבעטער, אויסזוכענדיק פֿאַר זיי לערער און לערערינס. אין אַלגעמיין קען מען איצטער באַמערקן, אַז די אַרבעטער האָבן באַקומען אַ גרויסן חשק צו בילדונג, פֿיל פֿון זיי ווילן זיך לערנען, ווילן וויסן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. דער קאָמיטעט האָט זיך באַמיט צו עפֿנען אַ ברייטן האָריזאָנט פֿאַר די אַרבעטער.

דער עקאָנאָמישער קאַמף האָט זיך בײַ אונז אין פֿאַרלויף פֿון ווינטער אָפּגעשטעלט; דאָס איז געווען אַ פּועל-יוצא פֿון דעם קריזיס, וועלכער איז, ווי אַ מגפֿה, דורכגעגאַנגען איבער גאַנץ רוסלאַנד און פּוילן, און וועלכער האָט אויך בײַ אונז אויף אַ סך פֿאַרערגערט די מאַטעריעלע לאַגע פֿון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט: פֿיל פֿאַבריקן און ווערקשטאַטן האָבן פֿאַרקלענערט די פּראָדוקציע אָדער אינגאַנצן אויפֿגעהערט צו אַרבעטן; דערפֿון בלייבן אַ סך אַרבעטער אַרבעטסלאָז, די קאָנקורענץ צווישן די אַרבעטער ווערט שטאַרקער, דער אַרבעטסטאָג ווערט לענגער און די לוין קלענער.

נאָר נישט קוקנדיק אויף דער שלעכטער צייט, זענען פֿונדעסטוועגן די יידישע אַרבעטער בײַ זיך נאָרנישט אַראָפּגעפֿאַלן: די קאַמפּפֿלוסטיקייט איז בײַ זיי דורך דער צייט נישט קלענער געוואָרן. דאָס האָבן זיי באַוויזן בײַ די דעמאָנסטראַציעס, וועלכע זענען ווינטער פֿאָרגעקומען. די יידישע אַרבעטער האָבן זיך מאַסנווײַז געבונען אין אַלע דעמאָנסטראַציעס. גאַנץ באַזונדער האָט דער 1-טער מײַ (1900) באַוויזן, אַז די יידישע אַרבעטער ווילן נאָך איצטער מיט דערזעלבער שטאַרקייט ווי פֿריער פֿירן ווײַטער דעם קאַמף, וועלכן זיי האָבן אָנגעהויבן. פֿון יידישן פּסח ביז'ן 1-טן מײַ זענען פֿאָרגעקומען כמעט אין אַלע פֿאַכן אַ מאַסע פֿאַרזאַמלונגען (צו 20 ביז 50 מאַן), אויף וועלכע מ'פֿלעגט ערקלערן די באַדײַטונג פֿון דעם יום-טוב פֿאַר די אַרבעטער און די וויכטיקייט פֿון דער מײַ-דעמאָנסטראַציע. עטליכע טעג פֿאַר דעם 1-טן מײַ האָט מען פֿאַרשפּרייט אָרטיקע פּראָקלאַמאַציעס אין 300 עקזעמפּלאַרן, די פּראָקלאַמאַציע פֿון „בונד" און דער מײַ-נומער פֿון דער „אַרבייטער-שטימע".

די גאַנצע ליטעראַטור האָט מען פּשוט פֿונאַנדערגעכאַפּט, געריסן פֿון די הענט, ס'איז נאָך געווען צו ווייניק. אַ פּאָר טעג פֿאַר דעם 1-טן מײַ האָט דער וו. ס. ד. ק. אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלע פּראָקלאַמאַציע, אין וועלכער ער האָט גערופֿן צו דער דעמאָנסטראַציע.

נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די יידן האָבן געדאַרפֿט צוקלאַפּן אַן אַרבעטסטאָג, אום צו קענען אָנטייל נעמען אין דער דעמאָנסטראַציע, זענען פֿונדעסטוועגן געווען אין איר אַ דרײַ טויזנט יידן,

אין זיי זענען געווען אין די ערשטע רייען, גאָר ניט אָפּשטייענדיק פון זייערע קריסטלעכע חברים.

די מאַי-דעמאָנסטראַציע, די פאַרפאָלגונגען פון דער פּאָליציי, דאָס געשלעג בײַ דער דעמאָנסטראַציע גופא מיט די קאַזאַקן — דאָס אַלץ האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף דער ייִדישער מאַסע.

דער 3טער און 4טער נומער „וואַרש. אַרב.“ (דער דריטער רעדט נאָר וועגן דעם קריזיס, און דער 4טער וועגן דעם יום-טובֿ פון 1טן מאַי), וועלכע האָבן גלייך נאָך דעם ערשיינען, האָט די ייִדישע מאַסע באַגעגנט מיט גרויס פרייד.

איצטער לאָמיר זיך צוקוקן, וועלכע רעזולטאַטן ס'האָט דערגרייכט די סאָצ. דעמ. אָרגאַניזאַציע פאַר די 4 יאָר, וואָס זי עקזיסטירט. מיר קענען אַלזאָ מאַכן אַזאַ כּלל: 1) אין איינציקע פאַכן האָט מען זיך דערשלאָגן אַ מער באַשטענדיקן אַרבעטס-טאָג (12—13 שעה; ריינע אַרבעט 10—11 שעה), אין איינציקע — העכערע שׂכירות, 2) דער קלאַסנבאַוווסטזיין האָט זיך צווישן די ייִדישע אַרבעטער אַנטוויקלט, כמעט אַלע פון זיי פאַרשטייען זייער לאַגע, אַלס אַרבעטער, די קעגנזײַטלעכקייט פון זייערע, און די קאַפּיטאַליסטנ'ס אינטערעסן, 3) די ייִדישע אַרבעטער פאַרשטייען שוין די פּאָליטישע צילן פון דער באַוועגונג, פילן שוין די פּאָליטישע אונטערדריקונג און זענען גרייט יעדעס מאָל צו קעמפן קעגן איר (דאָס באַווייזן אויך די דעמאָנסטראַציעס, און די ליבע, מיט וועלכער זיי לעזן די אומלעגאַלע ליטעראַטור), 4) ס'איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסע באַדערפעניש אויף ליטעראַטור, 5) דער קולטור-צושטאַנד פון די אָרגאַניזאַציאָנס-מיטגלידער און פון די ייִדישע אַרבעטער, וואָס שטייען צו איר נאָנט, האָט זיך פאַרבעסערט, 6) די צאָל פון די מיטגלידער און דער אָרגאַניזאַציע האָט זיך אויך אַ סך פאַרגרעסערט, 7) די פאַרבינדונגען מיט דער גאַנצער מאַסע זענען געוואָרן פיל שטאַרקערע.

איצטער קומט פאַר אַ גרויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט אין יעדן פאַך באַזונדער. מ'וויל פאַראייניקן די בעסערע און טענטערע מענטשן פון יעדן פאַך, כדי זיי זאָלן זיך צוקוקן צו אַלץ, וואָס קומט פאַר אינ'ם לעבן פון די אַרבעטער, מיט וועלכע זיי אַרבעטן אינאיינעם, ווייל אויף אַזאַ אופן וועט זיי זיין לייכט איבערצונעמען אויף זיך די אַגיטאַציע-אַרבעט פון זייער פאַך. די אָרגאַניזאַציע באַמיט זיך מיט אַלע כּוחות צו פאַרשאַפן די ייִדישע אַרבעטער וואָס מער לעגאַלע און אומלעגאַלע ליטעראַטור, ווייל די קולטורעלע באַדערפענישן פון דער מאַסע ווערן אַלץ גרעסער און גרעסער.

די אומלעגאַלע ליטעראַטור באַשטייט ערשטנס פון דער ליטעראַטור, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון „בונד“ און, צווייטנס — פון דעם „וואַרש. אַרב.“, אויף וועלכן די אָרגאַניזאַציע לייגט זייער פיל מי און אַרבעט. די אָרגאַניזאַציע קוקט אויף דעם אָרגאַן ווי אויפ'ן בעסטן מיטל, דורך וועלכן זי קען ערפילן די פאָדערונגען פון דער מאַסע, און דערפאַר רעכנט זי, אַז דער אָרגאַן מוז, ווי אַ שפּיגל, געבן אַ ריכטיק בילד פון דער באַוועגונג און פון אַלץ, וואָס ס'קומט פאַר אין לעבן פון די ייִדישע אַרבעטער אין וואַרשע.

אין דער לעצטער צייט באַמיט זיך די אָרגאַניזאַציע פּאָליטיש צו אַנטוויקלען די אַרבעטער, זי באַמיט זיך צו ערקלערן אַלע וויכטיקסטע פאַקטן אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד, באַמיט זיך אויפצווייזן די אַרבעטער יענע זייטן פון זייער לעבן, וווּ די פּאָליטישע אָרדנונג פון רוסלאַנד פילט זיך שטאַרקער פון זיי, די אַרבעטער, קומט אויס ניט ווייניק פון איר צו ליידן. פאַר די אַגיטאַטאָרן עקזיסטירן קרייזן, וווּ מ'גייט דורך פאַרשידענע טעאָרעטישע פראַגן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, וווּ ס'ערקלערן זיך די גרונט-פרינציפּן פון דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם און פון דעם סאָצ. דעמ. פּראָגראַם. ווייטער קומען אָפט פאַר פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען, וווּ ס'ערקלערן זיך פאַרשידענע פּאָליטישע פראַגן, אויך טעאָרעטישע דיסקוסיעס פון די מער געבילדעטע מיטגלידער.

די פּאָליטישע באַדינגונגען זענען זייער

שווער: שפּיאָנען, פּראָוואָקאַטאָרען, די פּאָליציי, וועלכע אַרבעט אין דער לעצטער צייט מיט די לעצטע כּוחות, שטערן די באַוועגונג אויף יעדן טריט און שריט.

דער וואַרש. סאָוו. דעפּ. קאָמיטעט פון אַלגעמיינעם ייד. אַרב.=בונד אין רוס. און פּוילן.

ביאַליסטאָק.

אין געגענטייל צו אַלע איבעריקע גרויסע צפון=מערב'דיקע שטעט פון רוסלאַנד איז ביאַליסטאָק דער איינציקער אינדוסטרי=און פאַבריק=צענטער. די הויפּט=אינדוסטרי איז די טוך=פאַבריקאַציע און דאָס רוב אַרבעטער זענען וועבער און שפּינער. צווישן די יידישע אַרבעטער זענען קיין שפּינער גאָר נישטאָ. דאָס איז הערפאַר, וואָס אין אַלע שפּינער=פאַבריקן זענען פאַראַן דאַמפף=מאַשינען; יידן נעמט מען דעריבער אהין נישט אַריין צוליב דעם, וואָס יידן אַרבעטן נישט שבת.

אַחוץ וועבער איז דאָ פאַראַן, זעלבסטפאַרשטענדליך, אויך אַנדערע בעלי=מלאכות. מיר קענען דאָ נישט געבן קיין קורצע כאַראַקטעריסטיק פון אַלע פאַכן; מיר וועלן נאָר דאָ עטוואָס זאָגן וועגן אייניקע פון זיי, ווו די אַרבעטער=באַוועגונג האָט זיך שוין מער אָדער ווייניקער איינגעוואָרצלט.

מיר וועלן דאָ, אַלזאָ, רעדן נאָר וועגן: 1) סטאָליער, 2) שניידער, 3) בלעכער, 4) שלאָסער, 5) שניידערקעס.

אַחוץ דעם, וועלן מיר נאָך געבן אייניקע ציפערן איבער די גאַרבעריען און פון דער פּאַפּיראָסן=פאַבריק.

1. וועבער=פּראָדוקציע.

די צאָל פון די וועבער, וועלכע זענען באַשעפטיקט אין די יידישע פאַבריקן, דערגרייכט ביז דריי טויזנט מאַן. פון זיי אַרבעטן 1242 באַ די פאַבריקאַנטן און 1600 באַ די לוינקעטניקעס. צו זיי דאַרף מען צורעכענען: ביז 1000 שפּולערקעס, ביז 200 נופּערקעס, ביז 100 שערערקעס און ביז 40 שנעלערקעס. אין סך=הכּל = 4400 מענטשן. פון דער צאָל זענען צוויי דריטל יידן, ד. ה. נאָענט פון 3000. אין די גאָר גרויסע פאַבריקן, וועלכע געהערן צו קריסטן, אַרבעטן יידן אינגאַנצן נישט.

די אויבענדערמאָנטע צאָל אַרבעטער אַרבעטן אין 70 פאַבריקן און באַ 200 לוינקעטניקעס. די גרעסטע צאָל וועב=שטולן אין איין יידישער פאַבריק איז 67, די קלענסטע — פינף. באַ די לוינקעטניקעס איז די גרעסטע צאָל וועבשטולן 28, און די קלענסטע — 3. דורכשניטליך קומט אויס אויף יעדער פאַבריק צו 17 וועבשטולן און באַ יעדן לוינקעטניק צו 8½ וועבשטול. אויף אַזאַ אופן שפּילן די לוינקעטניקעס אין דער וועבער=פּראָדוקציע אַן אָנגעזעענע ראָלע. די לוינקעטניקעס קויפן נישט קיין אייגענעם מאַטעריאַל; זיי נעמען דעם מאַטעריאַל באַ די פאַבריקאַנטן אָדער באַ די סוחרים און ברענגען זיי אָפּ צוריק אַ פאַרטיקן פּראָדוקט, ד. ה. געוואַנד.

די לוינקעטניקעס עקספּלואַטירן דעם אַרבעטער מער ווי עס טוען דאָס די פאַבריקאַנטן; זיי צאָלן ווייניקער און די אַרבעטס=באַדינגונגען זענען באַ זיי פיל ערגער. אומעטום האָבן די אַרבעטער זיך דערשלאָגן דורך שטרייקן צו אַ 12=שעה'דיקן אַרבעטסטאָג (12 שעה אינאיינעם מיט דער צייט פון מיטאָג). דער לוין איז דורכשניטליך אין די פאַבריקן 6—8 רובל אַ וואָך. באַ די לוינקעטניקעס 4—6 רובל אַ וואָך. די נופּערקעס באַקומען פון 2—3 ר' אַ וואָך, די שפּולערקעס 1½—2 ר'. די שנעלערקעס און שערערקעס 3—4 רובל אַ וואָך. די איצטיקע שווערע צייטן (דער קריזיס) האָבן געגעבן די פאַבריקאַנטן די מעגליכקייט וואו נישט ווו צו פאַרקלענערן דעם לוין, אָבער דערויף דאַרפן מיר קוקן ווי אויף אַ פאָראיבערגייענדע ערשיינונג. דעם פּראָדוקט אַרבעט מען אויס צום מאַרק, וועלכער פאַרנעמט אַ גרויסן און ווייטן ראַיאָן.

די אַרבעטער=באַוועגונג האָט געפונען אין ביאַליסטאָק באַ די וועבער אַ גוטן באָדן פאַר זיך. פיל האָבן זיי שוין גע=

קעמפט, געקעמפט אפטמאל ביז בלוט בפועל ממש, פיל מאל האבן זיי שוין מנצח געווען, פיל מאל זענען זיי שוין געווארן פארפאלגט. ווען מיר וועלן לאזן אין א זייט די נישט ארגאניזירטע שטרייקן, וועלכע פלעגן אפטמאל אננעמען דעם כאראקטער פון ריזנשטרייקן, ווי צ"ב אין 1894־טן יאר, ווען מ'האט איינגעפירט די ארבעטס־ביכלעך; ווען מיר וועלן לאזן אין א זייט די קליינע שטרייקן, וועלן מיר זיך אבער דערהויפט דארפען אפשטעלן אויף די צוויי גרויסע שטרייקן, וועלכע זענען פארגעקומען אין 97־און 1898־טן יאר. אין יעדן פון די צוויי שטרייקן האבן זיך בעטייליקט איבער 2000 מענטשען. די הויפטפאדערונגען זיינען געווען א 12־שעה'דיקער ארבעטס־טאג (אין וועלכע ס'גייען אריין 1½ שעה רו), און העכערן דעם לוין. דער ערשטער שטרייק האט געדויערט 3 וואכן און דער 2־טער — 9 וואכען. ביים ערשטן שטרייק האט די פאליציי געצוווגען די לוינקעטניקעס נאכצוגעבן די ארבעטער, ווייל מ'האט דאמאלס געוואוסט אין ביאליסטאק דעם קיסר; דערפאר אבער, ביים 2־טן שטרייק — איז די פאליציי אנגעפאלן אויף די ארבעטער מיט שרעקליכע אכזריות.

ביידע מאל, און איבערהויפט ביים 2־טן שטרייק, ווען די ארבעטער האבן געקעמפט פאר א העכערן לוין, האבן זיי אויך געהאט דעם ציעל ביסלעכווייז זיך איינגאנצען צו באפרייען פון די לוינקעטניקעס, בא וועלכע זיי ליידן פון צוויייערליי עקספלואטאציעס. — די שטרייקן זענען ביידע דאך געוווינען געווארן. ז'האבן געקאסט נישט ווייניק געלט. דער 2־טער שטרייק, צ"ב האט געקאסט 8—9 טויזנד רוב. דעם גרעסטן טייל פון דער סומע געלט האט מען צונויפגעקליבן בא די נישטשטרייקענדיקע וועבער און האנדווערקער. אויך האט מען צוגעשיקט געלט פון אנדערע שטעט.

2. די גארבער.

אין ביאליסטאק איז פאראן 14 גארבעריען, אין וועלכע ס'ארבעטן 320 מאן (פון זיי 100 קריסטן). פארמיטלערס (פאשרעדניקעס) איז פאראן 50. דער ארבעטסטאג איז בא די יידן א 12־שעה'דיקער, בא די קריסטן א 13־שעה'דיקער. דער לוין איז 4—6 רובל א וואך. מ'ארבעט צום מארק, נישט אויף באשטעלונגען. קיין מעכאנישע מאטארן איז נישטא. אין פערלויף פון די לעצטע דריי יאר איז בא די גארבער פארגעקומען 6 שטרייקן (2+2+1), אין וועלכע ס'האבן איינטיילגענומען 9+190+300 ארבעטער. אינ'ם ערשטן שטרייק האבן אויף אזא אופן אנטיילגענומען כמעט אלע גארבער. די הויפטפאדערונגען זענען געווען — אפשאפן די ציל־ארבעט, און א קורצערן ארבעטס־טאג. אלע שטרייקן זענען געווונען געווארן.

3. יאנאווסקי'ס פאפיראסן־פאבריק.

אין דער פאבריק ארבעטן 370 מענטשן — 200 פאפיראסנמאכערקעס, 70 ציגארנמאכער, 50 ווילקלערינס, 50 פאקערקעס און אנד. קיין מעכאנישע מאטארן איז נישטא. דער לוין איז בא די פרויען 1½—2 רוב. א וואך ביי די מענער, וואס ארבעטן אויס דעם בעסערן סארט, 5—6 רוב. א וואך, וואס ארבעטן אויף דעם ערגערן, 4—4½ רוב. א וואך. מ'ארבעט צום מארק און אויף באשטעלונגען. שטרייקן איז דורך דער גאנצער צייט (3 יאר) 7— (1+3+3). אבער געוווּנען האט מען נאר דריי. באטייליקט האבן זיך אין די שטרייקן 200—450—150 מענטשן. געוווּנען דעם שטרייק האבן 200—200—30 מענטשן. די הויפטפאדערונגען פון די שטרייקנדע זענען געווען: מ'זאל זיך מיט זיי בעסער באגיין, און העכערן דעם לוין, דער באלעבאס האט געקעמפט מיט די ארבעטער דורך מסירות און ס'זענען פארגעקומען פיל ארעסטען.

4. שניידער.

שניידער־ווארקשטאטן איז פאראן 50 מיט 200 ארבעטער. קיין מעכאנישע מאטארן איז נישטא. פארמיטלערס איז פאראן 20, לערניינגלעך — 50, מ'ארבעט

אויף באשטעלונגען און פאר מאגאזינען. דער ארבעטסטאג איז א 12־שעה'דיקער, דער לוין 4—5 רוב. א וואך. שטרייקן זענען פארגעקומען — 6 (1+2+3). באטייליקט האבן זיך אין די ערשטע דריי שטרייקן — צוזאמען 200 מאן, אין די 2 שטרייקן צוזאמען 400, און אין דעם לעצטען 100 מאן. כמעט אלע שטרייקן זענען געווונען געווארען (א חוץ דעם ערשטן). די בעלעבאטים האבן זיך פעסט פאראייניקט. זיי דענונצירן אויף די ארבעטער.

5. שלאסער.

בא די שלאסער איז פאראן 50 ווארקשטאטן מיט 100 ארבעטער. קיין מעכאנישע מאטארן איז נישטא. דער לוין איז 5 רוב. א וואך. מ'ארבעט אויף באשטעלונגען. שטרייקן זענען פארגעקומען 2—5—4. באטייליקט האבן זיך אין די שטרייקן 30—18—60 מאן. געווונען זענען געווארן 2—2—4 שטרייקן. די צאל פון די ארבעטער, וואס האבן די שטרייקן געווונען, איז געווען 15—8—60 די הויפטפאדערונג איז געווען פארקירצן דעם ארבעטסטאג. קיין פארמיטלערס איז נישטא. לערניונגלעך איז פאראן 75.

6. די בלעכער.

בא די בלעכער איז פאראן 25 ווארקשטאטן, אין וועלכע ס'ארבעטן 40 ארבעטער. קיין מעכאנישע מאטארן איז נישטא. דער ארבעטסטאג איז א 12־שעה'דיקער. דער לוין איז 5 רוב. א וואך. מ'ארבעט צום מארק. דורך דער גאנצער צייט איז פארגעקומען נאר 1 שטרייק (אין 1899־טן יאר). דעם שטרייק האבן די בלעכער געווונען. די הויפטפאדערונג איז געווען: פארקירצן דעם ארבעטסטאג. פארמיטלערס איז פאראן 5 און לערניונגלעך 30.

7. די מעבלסטאליאר.

ווארקשטאטן פון מעבל איז פאראן אין ביאליסטאק 50. אין די 50 ווארקשטאטן ארבעטן 70 ארבעטער. קיין מעכאנישע מאטארן איז נישטא. דער ארבעטסטאג איז א 12־שעה'דיקער. דער לוין — 5 רוב. א וואך. מ'ארבעט צום מארק און אויף באשטעלונגען. שטרייקן זענען פארגעקומען 2—3. געשטרייקט האבן 50 מאן. אלע שטרייקן זענען געווונען געווארן. די הויפטפאדערונגען זענען געווען: פארקירצן דעם ארבעטסטאג און העכערן דעם לוין. קיין פארמיטלערס זענען נישטא. לערניונגלעך זענען פאראן 100. ס'זענען פארגעקומען מסירות און ארעסטן.

צו דער ארבעטער־באוועגונג זענען צוגעשטאנען אויך די שניידערקעס. אויסער די, האבן זיך אין דער באוועגונג אנגעהויבן צו באטייליקן די בעקער (250 מאן), קירזשנער (70 מאן), מולערס (250 מאן), פון זיי 100 קריסטן, בוימסטאליארס (200 מאן), איינבינדער (25 מאן), מאלער'ס (100 מאן) און אנדערע.

ימים־טובים.

ארבעטער יום־טובים ארגאניזירט מען גאנץ אפט. אלס געלעגענהייט דערצו דינען די טעג, ווען ס'זענען פארגעקומען פאקטן, וואס האבן א גרויסע באדייטונג פארן פראלעטאריאט, און אויך די טעג, ווען מ'האט געגרינדעט די אדער יענע קאסע. אין די יאר־פייערונגען פון די קאסעס באטייליקן זיך נאר די מיטגלידער פון דער קאסע, וואס פייערט איר יום־טוב, און אויך איניקע איינגעלאדענע געסט.

אין די ערשטע ימים־טובים (אלגעמיין פראלעטארישע) קענען זיך באטייליקן ארבעטער פון אלע פאכן אן אונטערשיד. פאר'ן לעצטן יאר האט מען געמאכט 7 פריוואט־פארזאמלונגען, ואויף וועלכע ס'זענען בייגעווען 300 מענטשן, פון זיי 240 פון פארשיידענע פאכן. אויך זענען פארגעקומען צוויי אלגעמיינע פארזאמלונגען, אויף וועלכע ס'זענען געווען 500 מאן. דעם 1־טן מאי האט מען געפייערט 3 מאל. אין איין מאי־פייערונג האבן אנטיילגענומען 400 מאן.

די קרבנות.

די רדיפות אויף די ארבעטער קומען מערסטענטייל פאר איבער די מסירות פון די בעלעבאטים.

בעזונדערס האָבן זיך אין די מסירות אויסגעצייכנט איינִיקע לאָנקעטניקעס און שניידער. די אַרבעטער האָבן רעאַגירט אויף די מסירות דערמיט, וואָס זיי האָבן אין 1898־טן יאָר געפּרובט מאַכן אַן אָנפאַל אויף אַ לאָנקעטניק און אים הרג'נען, און אין 1899־טן יאָר דעם 1־טן מערץ האָבן זיי גע'הרג'עט אַ לאָנקעטניק. אין די לעצטע יאָרן איז אין ביאַליסטאָק פאָרגעקומען אַן ערך 50 אַרעסטן. פון די 50 אַרעסטירטע זענען געווען 6 אינטעליגענטן. אינ'ם לעצטן יאָר איז געוואָרן אַזאַ מנהג: ווען 2 מייסטערס פלעגן אָנזיצן אויף אַן אַרבעטער, איז דאָס שוין גענוג געווען, אַז דער אַרבעטער זאָל אַדמיניסטראַטיוו אַרויסגעשיקט ווערן פון שטאָט, אָדער אַפילו קיין סיביר.

צו דער קריסטליכער אַרבעטער־באַוועגונג שטייט די יידישע באַוועגונג אין גוטע באַציאונגען, ביי שטרייקן העלפט איינע די אַנדערע אויס.

וואָס פאַר אַ ראָלע שפּילט די אָרגאַניזאַציע אין דער באַוועגונג.

די היגע אָרגאַניזאַציע שפּילט אין דער לעצטער צייט אין דעם עקאָנאָמישן קאַמף לפי ערך נישט קיין גרויסע ראָלע. די אורזאַכן דערפון זענען פאָלגענדע: 1) אין די לעצטע יאָרן האָבן זיך אין יעדן פאַך אויסגעאַרבעט מער אָדער ווייניקער פּראַקטישע מענטשן, וועלכע זענען די גאַנצע פירער פון זייער פאַך, און דעריבער איז יעדעס פאַך אין עקאָנאָמישן הינזיכט כמעט זעלבסטשטענדיק; 2) דער עקאָנאָמישער קאַמף איז איצטער אַזוי גרויס, אַז די אָרגאַניזאַציע האָט נישט די מעגליכקייט אָנצופירן מיט אַלע שטרייקן און קען זיך נישט אָפּגעבן מיט די אַלע אַרומרייסענישן וועלכע קומען פאָר צווישן די באַלעבאַטים און די אַרבעטער. דעריבער באַמיט זיך איצט די אָרגאַניזאַציע מער פאַר אַלץ צו אַנטוויקלען בּאַ דער מאַסע דעם פּאָליטישן באַוואוסטזיין. אום דאָס צו דערגרייכן, גרינדעט זי אַרבעטער־קרייזן, אָרדענט איין פאַרלעזונגען, פאַרשפּרייט צווישן זיי לעגאַלע און אונלעגאַלע פאַרטיי־ליטעראַטור, און דערצו נאָך — ספּעציעלע אָרטיקע פלוג־בלעטלעך.

דער עקאָנאָמישער קאַמף

די אַרבעטער־מאַסע פון ביאַליסטאָק פאַרשטייט שוין איצטער זייער גוט אירע קלאַסן־אינטערעסן, און דער עקאָנאָמישער קאַמף נעמט אַרום מיט דער צייט אַלץ מער און מער אויך אַזעלכע אינדוסטריע־צווייגן, פון וועלכע די אַרבעטער זענען פריער אינגאַנצן געשטאַנען פון דערווייטנס און האָבן קיין שום אַנטייל נישט גענומען אין קאַמף. אין פאַרלויף פון דעם יאָר האָט מען מער פאַר אַלץ געקעמפט פאַר אַ 12־שעה'דיקן אַרבעטס־טאָג און פאַר העכערן דעם לוין. נישט קוקענדיק דערויף וואָס די באַלעבאַטים האָבן זיך מיט אַלע כחות באַמיט צו פאַרלענגערן דעם אַרבעטסטאָג, האָט זיך דאָך די אַרבעטער איינגעגעבן איינצוהאַלטן דאָס, וואָס זיי האָבן אין שווערן קאַמף דורכגעפירט אין די לעצטע יאָרן.

די פּאָליטישע פּראָפּאַגאַנדע.

די ביאַליסטאָקער מאַסע איז פּאָליטיש נישט אַנטוויקלט, נישט קוקענדיק דערויף, וואָס איר פּאָליטישער באַוואוסטזיין איז גרעסער ווי בּאַ די אַרבעטער פון די אַרומיקע שטעט און דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס דאָ איז כמעט אונמעגליך מינדליך צו אַגיטירן צווישן דער מאַסע. אויף דער אַנטוויקלונג פון דער מאַסע ווירקט געוויס די שטופע פון קולטור און בילדונג, אויף וועלכע ס'זענען מער בעלנים די בורזשואַזיע און די בורזשואַזע אינטעליגענץ אָבער די בּרייטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג זענען דאָ זייער נישט קולטורעל. די באַוועגונג האָט דאָ געהאַט אַ גוטע ווירקונג דערמיט, וואָס זי האָט אַנטוויקלט די מאַסע. דער חשק צו קענטעניש וואַקסט בּאַ דער מאַסע פון טאָג צו טאָג. אין דער יידישער ליטעראַטור (קיין אַנדערע פאַרשטייט זי נישט) זוכט זי אַ ענטפער אויף די פיל פראַגן וואָס פאַראינטערעסירן איר. ליטעראַטור פאָדערט מען

אַזױ פֿיל, אַז ס'איז אוממעגליך צו באַפרידיקן אַלע פֿאָדערונגען. די אָרגאַניזאַציע אַנטװיקעלט דעם פּאָליטישן באַװאוסטזײַן בײַ די אַרבעטער דורך פֿאַרלעזונגען, דורך פּראָפּאַגאַנדיסטישע קרײַזלעך, דורכ'ן פֿאַרשפּרײטן אונלעגאַלע ליטעראַטור, (די ליטעראַטור האָט מער װי 200 שטענדיקע לעזער), דורך אַן'אָרטיקן אָרגאַן (ס'איז ערשינען №2), דורך פֿלוג־בלעטלעך (№№ 1—2). די פֿלוג־בלעטלעך פֿאַרשפּרײטן זיך צװישן דער גאַנצער מאַסע.

אויף דעם יום־טוב פֿון 1־טן מערץ — אין דעם טאָג, װען מ'האָט גע'הרג'עט אַלעקסאַנדער'ן דעם II — האָבן זיך באַטײליקט 250 מאַן.

> דער ביאַליסטאָקער קאָמיטעט פֿון אַלג. יוד. אַרב. בונד אין רוסלאַנד און פּױלן.

גראָדנע.

בײַ אונז האָט זיך אָנגעהױבן די אַרבעטער־באַװעגונג אין יאָר 1897 מיט דער הילף פֿון אײניקע צוגעפֿאָרענע אַרבעטער. אַ געװיסע ראָלע האָט געשפּילט אויך אַ גרופּע אינטעליגענטן. די אַרבעטער און אינטעליגענטן זענען גלײַך אַריבער צו אַ ברײטער מאַסן־אַגיטאַציע.

מ'פֿלעגט פֿערשפּרײטן פֿיל אונלעגאַלע ליטעראַטור און מ'פֿלעגט אויך גאײַנאָרדנען גרויסע פֿאַרזאַמלונגען, נאָר די אַגיטאַציע־טעטיקײט האָט גאָרנישט אויפֿגעטאָן, זי האָט קײן װירקונג נישט געהאַט, װײַל די אונטערנעמער באַשטײען בײַ אונז פֿון קלײנע אײגנטימער. די גרויסע פּראָדוקציע איז נישט אַנטװיקעלט און ממילא מוז מען די אַגיטאַציע צופּאַסן צו יעדן װאַרקשטאַט פֿערשידן; דערצו פֿילן זיך די אַרבעטער מיט די בעלי־בתּים נאָך גאָר פֿאַר גוטע־ברודער און טאַקע צוליב דעם האָט די ברײטע מאַסן־אַגיטאַציע נישט נאָר גאָרנישט געהאָלפֿן, נאָר פֿאַרקערט נאָך, זי האָט נאָר שלעכט געװירקט אויף די אַרבעטער.

נאָך אַ קורצער צײַט האָט די אונטעליגענץ פֿאָרגעלײגט אַ נײַע טאַקטיק, װעלכע איז באַשטאַנען אין דעם, צו פּראָפּאַגאַנדירן נאָר צװישן אײניקע פֿעאיקערע אַרבעטער און זײ שטאַרק צו אַנטװיקלען.

די אינטעליגענץ האָט דערקלערט די טאַקטיק פֿאַר ריכטיק, װײַל זי האָט געהאַלטן, אַז בײַ דער איצטיקער צײַט קען מען אין גראָדנא נישט פֿירן קײן עקאָנאָמישן קאַמף. אַמ'ענדע איז אויסגעקומען אַז אויך דער גרעסטער טײל אַרבעטער זענען צוגעשטאַנען צו דער נײַער טאַקטיק פֿון דער אינטעליגענץ, נאָר אַנדערע האָבן זיך אָפּגעטײלט און אַזױ־ערנאָך געבילדעט אַן'אָפּאָזיציע: די אַרבעטער פֿון דער אָפּאָזיציע האָבן געגרינדעט שטרײַק־קאַסעס אין עטליכע פֿאַכן, האָבן אָרגאַניזירט קלײנע קרײַזלעך צום לעזן, פֿלעגן פֿערשפּרײטן אומלעגאַלע ליטעראַטור, נאָר מ'האָט אויפֿגעהערט צו מאַכן גרויסע פֿאַרזאַמלונגען, אַ חוץ בײַ די סטאָליער, בײַ װעלכע עס האָט זיך אײַנגעגעבן דורך גרויסע פֿאַרזאַמלונגען און אַ ברײטע אַגיטאַציע אַרויסצורופֿן אַלע, אַן'ערך 250 מאַן אויף אַ שטרײַק.

דער שטרײַק פֿון די סטאָליאַר איז פֿאָרגעקומען אין זומער פֿון יאָר 1898. דער שטרײַק האָט זיך אײַנגעגעבן — שטרײַקענדיק אַ 2 װאָכן, האָבן זײ געװוּנען אַ 12־שעה'דיקן אַרבעטס־טאָג (רײנע 10 שעה) נאָך דעם שטרײַק איז געגרינדעט געװאָרן אַ קאַסע, װעלכע האָט געטראָגן אַ גאָר אָפּיציעלן כאַראַקטער*). די קאַסע איז אָבער באַלד צושטערט געװאָרן. דעם פֿאַרקירצטן אַרבעטס־טאָג, װעלכן די אַרבעטער האָבן זיך זומער געהאַט דערשלאָגן דורכ'ן שטרײַק, האָבן די פֿאַבריקאַנטן װינטער װידער פֿאַרלענגערט, װי נאָר דער סעזאָן האָט זיך פֿאַרענדיקט.

---

*) דאָס דאַרף מען אַזױ פֿאַרשטײן, אַז אַלע אַרבעטער פֿון דעם פֿאַך האָבן געװוּסט פֿון דער קאַסע; ס'האָבן געװוּסט אויך אַ סך מײַסטערס; אַזאַ זאַך איז גאָר פֿאַרשטײט זיך געװען מעגליך אין אָנהײב װען די פּאָליציי האָט נאָך געשװיגן.

דעם גאַנצן ווינטער און אַ האַלבן זומער פֿון 99־טן יאָר האָט זיך די אַגיטאַציע געפֿירט צווישן קליינע קרייזן אַרבעטער. מ'האָט אָרגאַניזירט צו איינציקע אַרבעטער פֿון יעדן פֿאַך, ביי די סטאָלאַרעס האָט מען ווידער געגרינדעט אַ קאַסע, אָבער אַריינגענומען אין איר האָט מען נאָר אַ טייל פֿון די סטאָליער. אַדאַנק דער אָרגאַניזאַציע האָבן פֿינפֿאונצוואַנציק מעבל־סטאָליער ווידער פֿאַרשטרייקט, פֿאָדערנדיק צוריק דעם אַפּגעשאַפֿטן 12־שעה'דיקן אַרבעטס־טאָג. נאָך 2 וואָכן איז דער שטרייק דורך די אַרבעטער געוווּנען געוואָרן.

אויף דער מאַי־פֿייערונג פֿון ניין־און־ניינציקסטן יאָר, אויף וועלכן ס'זענען דעלעגירט זעכציק פֿון די מער בעוווּסטזיניקערע אַרבעטער און אַרבעטערינס, איז באַשטימט געוואָרן צו פֿאַרוואַנדלען די באַוועגונג אין אַ מאַסן־באַוועגונג, צוצוגעבן אַ מאַסאָווע כאַראַקטער.

אַנ'אמת'ע מאַסן־באַוועגונג, קען מען זאָגן, איז געווען צווישן דאַמען־שניידערינס און שניידער, ווייל זייער אַרבעטס־טאָג איז געווען אַנ'אומענשליך־לאַנגער. אין אַ וואָכן־טאָג פֿון 15½ ביז 16½ און אין אַ האַנערשטיקן טאָג — 18 שעה און 3—2 וואָכן פֿאַר יום־טוב פֿלעגט מען אַרבעטן פּשוט טאָג און נאַכט.

איבער אַזעלכע שלעכטע באַדינגונגען האָט די מאַסן־באַוועגונג געמאַכט בײַ זיי אַ גרויסן פֿאָרשריט. אין אויגוסט 1899 האָט מען געוואָרפֿן די אַרבעט און דריי וואָכן שטאַט פֿאָדערנדיק אַ 12־שעה'דיקן אַרבעטס־טאָג. 2 מייסטערס האָבן גלייך נאָכגעגעבן די פֿאָדערונגען, נאָר דער מייסטער פֿון דעם 3־טן וואַרקשטאַט האָט זיך נישט אונטערגעגעבן ביז נאָך סוכּות.

אָט דער קליינער נצחון פֿון די אַרבעטער, האָט געמאַכט דעם בעסטן איינדרוק אויף די איבעריקע אַרבעטער פֿון גראָדנאָ, באַזונדערס אויף דער פּאַפּיראָס־פֿאַבריק. דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק צו קאָכן און צו רודערן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסווייזן די שטאַרקע אונצופֿרידענהייט פֿון די אַרבעטערינס מיט זייער לאַגע. די פֿאַבריק־אַרבעטערינס האָבן אַליין פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז זיי גרייטן זיך צו צו אַ שטרייק אויף נאָך סוכּות. זייערע פֿאָדערונגען האָבן זיי פֿאָרמולירט: 3 קאָפּעקעס פֿון די הונדערט (פֿריער 2 — 1¾ ק.).

אין די ערשטע טעג סוכּות איז פֿאָרגעקומען אַ פֿאַרזאַמלונג אין וואַלד אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט אַלע פּאַפּיראָסנמאַכערקעס. אין די לעצטע טעג סוכּות איז ווידער פֿאָרגעקומען אַ צווייטע פֿאַרזאַמלונג פֿון די שניידערקעס — איז אויך געבליבן צו פֿאַרשטרייקן; בײַ די נייטאָרינס אויך.

די אַלע שטרייקן האָבן זיך גלענצענד איינגעגעבן. היינט זענען שוין אַלע גראָדנער אַרבעטער גוט באַקאַנט מיט זייערע קלאַסן־אינטערעסן, און לפי ערך האָט זיך בײַ זיי אַנטוויקעלט דער פּאָליטישער באַוווּסטזיין.

דעם ערשטן מאַי 1900 יאָר איז בײַ אונז געווען אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון הונדערט און דרייסיק מענטשן. די רעוואָלוציאָנערע לידער וואָס זענען דאָרט געזונגען געוואָרן, די פּאָליטישע רעדעס וואָס האָבן זיך דאָרט געהערט — דאָבן באַוויזן ווי ווייט מיר זענען אַוועק פֿאָראויס אין פֿאַרגלייך מיט דעם פֿאָריק'ן יאָר.

איצט פֿירן מיר אַ פּראָפּאַגאַנדע, ווי אויך אַנ'אַגיטאַציע, און מיר האָפֿן, אַז וואָס ווייטער וועט אונדזער טעטיקייט אַרויסווייזן אַלץ בעסערע רעזולטאַטן.

מער ווי הונדערט אַרבעטער האָבן מיר פֿאַר שטענדיקע לעזער פֿון אומלעגאַלע ליטעראַטור, וועלכע באַקומען די דאָזיקע ליטעראַטור דירעקט. וויפֿיל נישט שטענדיקע לעזער מיר האָבן, איז שווער צו זאָגן, אָבער די גרויסע צאָל פֿאַרשפּרייטע ליטעראַטור באַווייזט, אַז די צאָל נישט שטענדיקע לעזער איז גענוג גרויס.

דער גראָדנער סאָצ. דעמ. קאָמ.
פֿון אַלג. ייד. אַרב. בונד אין
רוסלאַנד און פּוילן.

יוני 1900 יאָר.

מינסק.

די מינסקער יידישע ארבעטער-באוועגונג, ווי אויך די ארבעטער-באוועגונג פון אייניקע אנדערע שטעט, האט איבערגעלעבט 2 פעריאדן און טרעט שוין איצט אריין אין איר דריטן לעבענס-פעריאד. אלס אנ'אנהויב פון דער מינסקער ארבעטער-באוועגונג קען מען רעכענען דאס 1893-סטע יאר, בעת אינטעליגענטן האבן געשלאסן קאנטשאפט מיט עטליכע געציילטע ארבעטער, כדי אויסצואיבן פון זיי באוווסטזיניקע טוער, אגיטאטארן.

א באוווסטזיניקער ארבעטער — אזוי האבן דאן די אינטעליגענטן ערקלערט זייער טעטיקייט — א באוווסטזיניקער ארבעטער, וועלכער שטאמט פון דער מאסע גופא, וואס קען דורך און דורך דאס לעבן פון זיינע חברים, וואס זעט זיך מיט זיי טאג-טעגליך בא דער ארבעט, וואס קען זיי, ווי זיינע אייגענע פינף פינגער, אזא מענטש קען גיכער געפינען צווישן זיינע חברים ערליכע און איבערגעגעבענע קעמפער און קען דערמיט פיל מער נוצן ברענגען דער ארבעטער-באוועגונג ווי אנ'אינטעליגענט, וואס איז ארונטער פון אויבן אראפ צו דער ארבעטער-מאסע, וועלכע ער קען בעצם כמעט גארנישט, און פארשטייט זייער ווייניק איר פאדערונגען און לעבענס-באדינגונגען...

אויף אזא אופן האט זיך דער אינטעליגענץ (פון סוף 1893 ביז פסח-צייט 1894-סטן יאר) איינגעגעבן דורך זייער טעטיקייט אויסצובילדן פיל ארבעטער-גרופעס, און מיט זייער הילף אויפצוהייבן א ברייטע מונדליכע אגיטאציע אין דער גאנצער ארבעטער-מאסע וועגן א 12-שעה'דיקן ארבעטס-טאג (ריינע ארבעט צען שעה). די ארבעטער פון כמעט אלע פאכן האט מען ערקלערט וואס פאר א גרויסע באדייטונג עס האט פאר זיי די פארקירצונג פון ארבעטס-טאג, און מ'האט זיי אנגעוויזן אויף די מיטלען, ווי אזוי דאס צו דערגרייכן ד. ה. אויף פעטיציעס מיט א סך אונטערשריפטן פון די ארבעטער.

די מעשה דערפון איז אזוי: פון יעקאטערינא II צייטן אן עקזיסטירט אין רוסלאנד א געזעץ, וואס באשטימט דעם ארבעטס-טאג פאר אלע בעל-מלאכות אויף צוועלף שעה (רעכנענדיק אין דעם א האלבע שעה אויף פרישטיק און אנדערהאלבן שעה מיטאג) אבער דאס געזעץ איז, פארשטייט זיך, געבליבן די גאנצע צייט מער נישט ווי אויפ'ן פאפיר, און פון אים האט כמעט קיינער נישט געוווסט. נישט נור די ארבעטער און זייערע מייסטערס, נאר אפילו, דוכט זיך, די שופטים אליין האבן פון אים אויך נישט געוווסט.

די מאסאווע פעטיציעס, באדעקט מיט הונדערטער חתימות פון ארבעטער, און אויך די אפטע מונדליכע ביטעס צו היטן דעם געזעץ, האבן געהאט א ווירקונג און דער גובערנאטאר האט טאקע באלד ארויסגעלאזט א צירקוליאר אין וועלכן ער פאדערט אויף די פאליציי, אז זי זאל אכטונג געבן אויף די מייסטערס, זיי זאלן שטרענג אפהיטן דעם געזעץ.

און אויף אזא אופן האבן די ארבעטער געקראגן אנ'אינטערעסאנטן העלפער אין זייער קאמף — די פאליציי!... אבער דאס איז געווען נישט אויף לאנגע יארן.

באלד, ווי דער שטייגער איז, נעמענדיק נאר א מטבע בא די באלעבאטים, האט די פאליציי זיך אויפגעהערט צו זארגן פאר'ן געזעץ און פאר'ן צוועלף-שעה'דיקן ארבעטס-טאג און גאנץ אפט, פלעגט זי נישט נור פארפאלגן די מייסטערס, אבער אפילו אנפאלן אויף די ארבעטער פאר יעדע קלייניקייט.

דער צוועלף-שעה'דיקער ארבעטס-טאג, וואס איז איינגעפירט געווארן תיכף נאכ'ן פארעפנטליכן דעם צירקוליאר, האט ביסלעכווייז גענומען וואקסן... די ארבעטער האבן דערזען, אז זייערע נייע פריינט: „די שוצער פון געזעץ" איז נישטא וואס זיך צו פארלאזן, און זיי האבן באשלאסן אליין מיט

איינציגע כחות צו נויטן די באַלעבאַטים, אַז זיי זאָלן היטן דעם געזעץ.

אָבער מיט וועלכע מיטלען?

דרויף איז געווען נאָר איין ענטפער — שטרייקן. און אַזוי זעען מיר אין משך פון גאַנצן פינף־און־ניינציקסטן יאָר, ווי עס פירט זיך אַ קאַמף פאַר אַ צוועלף־שעה'דיקן אַרבעטס־טאָג.

כּדי זיכער צו זיין אין דעם נצחון, האָט מען נאָך פריער אָרגאַניזירט שטרייק־קאַסעס (אַזעלכע קאַסעס האָבן שוין עקזיסטירט באַ די בערשטער, איינבינדער, שלאָסער, קאָמאָשנשטעפּער). נאָר אין טויזנט אַכטהונדערט פינף־און־ניינציקסטן יאָר האָבן זיך די קאַסעס אַמאָל פאַרשפּרייט! מ'האָט זיי דאַמאָלס אָרגאַניזירט באַ די שוסטער, שניידער, סטאָליאַר, קירזנער, באַ די שניידערינס, אויך באַ די טאַבאַקפאַבריקן און אַנדערע. ווי פּאָפּולער די קאַסעס זענען געווען באַ די אַרבעטער קאָנען מיר אַרויסזען פון דער טאַבעלע.

צו דער צייט זענען פאָרגעקומען שטרייקן באַ די שניידער, קאָמאָשנמאַכער, שלאָסער, בלעכער און אין טאַבאַקפאַבריקן. די הויפּטפאָדערונג איז געווען אַ צוועלף־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג, אויך זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַנדערע פאָדערונגען, — די שניידער צום ביישפּיל האָבן געפאָדערט, מ'זאָל אָפּשאַפן די שטיק־אַרבעט און אַנשטאָט דעם זאָל איינגעפירט ווערן נאָר וואָך־אַרבעט, (דאָס האָבן די אַרבעטער אויסגעפירט אין דעם גרעסטן וואַרקשטאַט פון שטאָט, וואָס האָט געהערט צו די „ברידער פרענקעל“). אויך האָבן כמעט אַלע אַרבעטער (ווי צ. ב. די איינבינדער, שוסטער און אַז ו.) געפאָדערט אַ לוין־העכערונג. אַמעניגסטן אין קאַמף האָבן זיך אַרויסגעוויזן די שוסטער הורכ'ן גאַנצן פינפאונניינציקסטן יאָר האָבן זיי אָן אויפהער געשטרייקט. כאָטש נישט אין אַלע וואַרקשטאַטן האָט זיך זיי איינגעגעבן איינצופירן דעם צוועלף־שעה'דיקן אַרבעטס־טאָג, אָבער דעם זיבעצן אַכצן־שעה'דיקן האָבן זיי איינמאָל פאַר אַלעמאָל אונטערגעבראָכן.

יעצט אַרבעט מען שוין אין קיין וואַרקשטאַט נישט מער ווי דרייצן־פערצן שעה (ריינע אַרבעט — עלף־צוועלף שעה). די שטרייקנדע אַרבעטער האָבן אויך געפאָדערט, אַז מ'זאָל מיט זיי און מיט זייערע חברים זיך בעסער באַגיין — נישט שרייען, נישט שעלטן און נישט זידלען זיי — מ'זאָל אויך פאַרבעסערן די היגיענישע אַרבעטסבאַדינגונגען, ריינער אויפהאַלטן די וואַרקשטאַטן א. אַ. וו.

דער ענערגישער קאַמף פון די אַרבעטער, די אָפטע פאַרביסענע קאַמפן מיט די בעלי־הבתים און מיט די שטרייקברעכער, האָט אָנגעהויבן צו באַאונרויקן די זשאַנדאַרמעריע און פּאָליציי. זיי האָבן אָנגעהויבן „שענקען אויפמערזאַמקייט“ די אַרבעטער, וואָס קעמפן פאַר אַ בעסערע לאַגע, אַ פּנים, וועלכער וועט מיט דער צייט מאַכן אַ סוף צו דער רעגירונג מיט אירע זשאַנדאַרמען און פּאָליציי, וואָס שטיצן זיך יעצט נאָר אויפ'ן שקר דעריבער האָט די רעגירונג איבערגעביטן איר טאַקטיק; באַ יעדן שטרייק האָבן זיך אָנגעהויבן מאַסן־אַרעסטן. אָבער די ערשטע צייטן פלעגט מען די אַרעסטירטע נישט לאַנג האַלטן.

אַזוי איז צוגעגאַנגען מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג אין מינסק אין יאָר 1895.

אין 1896־סטן יאָר איז שוין דער קאַמף געפירט געוואָרן נישט אַזוי ענערגיש, ווי אין פאָריקן יאָר, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ס'זענען פאָרגעקומען אַ סך שטרייקן, ווי באַ די קירזנער, שטריקמאַכער און אַנדערע, אָבער אין די שטרייקן האָבן זיך נאָר באַטייליגט אַ גאַנץ קליינע צאָל אַרבעטער, אַזוי אַז זיי האָבן נישט אָנגעמאַכט אַזאַ טאַראַראַם אין שטאָט, ווי אין פאָריקן יאָר. איבערהויפּט איז אין 1890־סטן יאָר געווען שטיל.

דאָס יאָר איז אַוועק דערמיט, וואָס מ'האָט זיך אַרומגעזען ווו מ'איז אין דער וועלט; מ'האָט זיך אַליין אָפּגעגעבן אַ חשבון דערפון, וואָס מ'האָט דערגרייכט אין קאַמף אין פערלויף פון פאָריקן יאָר. מ'האָט צו דער צייט זיך אויך באַמיט אויסצואַרבעטן אַ גענויעם פּלאַן צו דער קומענדיקער אַרבעט. די ערשטע

פראגע, אויף וועלכע מ'האט נעמוזט געפונען א קלארן ענטפער, איז געווען, ווי אזוי אונטערצוהאלטן די קאמפסלוסטיקייט בא דער ארבעטער-מאסע. אנ'ענטפער אויף דער פראגע האבן געגעבן די ארבעטער אליין און זייערע פאדערונגען, — זיי האבן געפאדערט א ברייטע קולטור-טעטיקייט: מ'זאל ארגאניזירן קרייזלעך, וועלכע זאלן זיך באשעפטיקן מיט'ן אויפקלערן פאליטישע עקאנאמיע און געשיכטע; ארגאניזירן פארלעזונגען פון די מער אנטוויקלטע ארבעטער מיט די מאסאווע מענטשן; מ'זאל פארשפרייטן וואס מער לעגאלע און אומלעגאלע ליטעראטור.

אבער ארויסשטעלן פאדערונגען, איז פערשטעהט זיך, געווען לייכטער, ווי זיי צו ערפילען. מ'האט נישט פארגעסן, אז מ'בלעגט דארפן ארבעטן געהיים, באהאלטענדיק זיך, היטנדיק זיך בחדרי-חדרים פאר דער פאליציי און שפיאנען, וועלכע האבן זיך אין יאר 1896 נאך דעם פעריאר פון ענערגישן קאמף — שטארק פארמערט. און דאריבער האט זיך די קולטור-טעטיקייט נישט געקאנט פארשפרייטן און ווירקן, נישט נאר אויף אלע ארבעטער איבערהויפט, נאר אפילו נישט אויף די ארגאניזירטע ארבעטער.

העלפן האט מען געקענט נאך מיט איין מיטעל — שטארק פארשפרייטן ארבעטער-ליטעראטור, ד. ה. בראשורן, צייטונגען, פראקלאמאציעס און א. וו., נאר צום באדויערן איז נישט געווען וואס צו פארשפרייטן.

די אנטוויקלטע ארבעטער און אינטעליגענטן האבן זיך באמיט שריפטלעך צו ענטפערן אויף פארשיידענע פראגן און באדערפענישן פון די ארבעטער, אבער די געשריבענע ליטעראטור האט נישט געקאנט אין א גרויסער מאס פארשפרייט ווערן, ווייל, ערשטנס, צו האבן פיל ליטעראטור (געשריבענע) איז טעכניש אוממעגלעך, צווייטנס, ווייל נישט אלע ארבעטער לעזען געשריבענעס.

דער רעזולטאט פון דעם איז געווען, ווי מיר האבן שוין פריער אנגעוויזן, אז א גרויסער טייל פון די ארבעטער האט די קולטור-טעטיקייט גאר נישט אנגערירט.

אזוי ווי דער קאמף איז אפגעשוואכט געווארן און די קולטור-ארבעט האט נישט געקאנט האבן קיין ווירקונג אויף אלע ארבעטער, אזוי אז פיל ארבעטער זענען געווארן אינדיפערענט און האבן אויפגעהערט אונטערצושטיצן זייערע קאסעס.

די קאסעס האבן זיך ממילא ביסלעכווייז אנגעהויבן פונאנדערצופאלן, נישט ווייל דאס בעוווסטזיין פון די ארבעטער איז געווארן שוואכער, ניין: די ארבעטער האבן זיך אנגעהויבן ווייניקער פאראינטערעסירן מיט די קאסעס, און איבערהויפט דערפאר, ווייל ס'איז קיין קאמף נישט געווען, ס'זענען נישט פארגעקומען קיין שטרייקן פאר וועלכע די קאסע זאל זיין נויטיק.

יענע פארם פון דער ארגאניזאציע, וועלכע איז ארויסגערופן געווארן דורכ'ן קאמף פאר די עקאנאמישע אינטערעסן פון די ארבעטער, האט זיי שוין יעצט נישט געקאנט באפרידיקן.

אז דער קאמף בא די ארבעטער איז נישט שוואכער געווארן, קאן מען זען דערפון, וואס אנשטאט אין יאר 1895 האבן אנטיילגענומען אין דער מאי-פייערונג נאך 40 מענטשן, האבן אין יאר 1896 זיך שוין באטייליגט אין זעלבן יום-טוב גאנצע 300 מאן. אבער וואס מער ס'האט זיך אנטוויקלט, וואס מער ס'האט זיך פארגרעסערט די ארבעטער-באוועגונג, אלץ ענערגישער האבן געארבעט די שפיאנען, אלץ אפטער זענען פארגעקומען רעוויזיעס און ארעסטן.

אנהויב 1897-סטן יאר זענען ארעסטירט געווארן עלף ארבעטער דורך דער מסירה פון די בעל-הבתים. מ'האט זיי באשולדיגט אין דעם, אז זיי האבן אין דער צייט פון די שטרייקן, אין 1895 יאר געפירט אנ'אגיטאציע צווישן די ארבעטער; נישט לאנג פאר די ארעסטן האט עמיצער אפגעגאסן מיט אלים דעם שפיאן אבע ראליק — אויך דאס האט מען ארויפגעווארפן אויף די ארעסטירטע.

די אַרעסטן האָבן פאַר די אַרבעטער קיין שאָדן נישט געבראַכט; זיי האָבן נאָך פאַרשטאַרקט דעם פּאָליטישן באַוווסטזיין פון דער מינסקער יידישער אַרבעטער-מאַסע.

אַז דער פּאָליטישער באַוווסטזיין פון די מאַסן האָט זיך אַלץ מער און מער אַנטוויקעלט, באַווייזן די פאָלגענדע פאַקטן: דעם ערשטן מערץ, אין דעם טאָג ווען ס'איז געפאַלן אַלעקסאַנדער דער 2-טער, האָט מען אָרגאַניזירט פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכער ס'איז געהאַלטן געוואָרן רעדעס צום אָנדענקען פון די גרויסע מערטירער, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר דער פּאָליטישער באַפרייאונג פון רוסלאַנד. אויף די פאַרזאַמלונגען האָבן זיך באַטייליקט איבער 250 אַרבעטער. אין דעם מאַי-יום-טוב האָבן זיך באַטייליקט איבער 300 מאַן. מ'האָט ערוואַרט עס זאָל זיין מער, נאָר די שרעקלעכע אַרעסטן און די שטענדיקע רעוויזיעס האָבן דער-צו נישט דערלאָזט...

דער עקאָנאָמישער קאַמף איז אויך געפירט געוואָרן אין יאָר 1897. ס'האָבן געשטרייקט: בערשטער, טאַבאַק-פאַבריק אַרבעטער, זייף-פאַבריקן, אייַנבינדער און שפּריקמאַכער. אין סעפּטעמבער 1897 יאָר האָט זיך געגרינדעט „דער אַלגע-מיינער יידישער אַרבעטער-בונד אין רוס-לאַנד און פּוילן“, און אַלע בעוווסטזי-ניקע אַרבעטער האָבן אים באַגעגנט מיט גרויס פרייד און ענטוזיאַזם. זיי האָבן אין דער גרינדונג פון „בונד“ גע-זען אַ נייעם און באַדייטענדן פאָרשריט צו דער עקאָנאָמיש-פּאָליטישער באַפריי-אונג פון די אַרבעטער.

די בילדונג פון אַזאַ צענטראַלע אָר-גאַניזאַציע, וואָס זאָל נעמען אויף זיך דעם עול צו פירן די אַרבעטער-באַוועגונג לויט איין פּלאַן, לויט איין פּראָגראַם און טאַקטיק, צו היטן די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטער און לייכטער מאַכן זיי דעם קאַמף מיט זייערע קלאַסן-שונאים — דאָס האָט געגעבן דעם מינ-סקער קאָמיטעט די מעגלעכקייט ווידער אויפצוהייבן די פראַגע וועגן אַ ברייטע פאַרשפּרייטונג אויף דער אַרבעטער-מאַסע פון דורך ליטעראַטור.

איצטער האָט מען דאָס שוין געקאָנט טייל־ווייז דורכפירן, ווייל דער צ. ק. פון „בונד“ האָט שוין אין די ערשטע טעג פון זיין עקזיסטענץ געזען צו באַ-זאָרגן די יידישע אַרבעטער מיט ליטע-ראַטור. ער האָט זיך פאַרנומען מיט'ן אַרויסגעבן אַ יידישן אַרבעטער-אָרגאַן, און אויך אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע בראָשורן. פון דעם מאָמענט אָן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אין דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין מינסק; מ'הויבט אָן צו פאַרשפּרייטן פיל לי-טעראַטור, קוקנדיק אויף דעם ווי אויף אַ הויפּט-מיטל צו פאַרטיפן דעם באַ-וווסטזיין ביי דער אַרבעטער-מאַסע.

אָבער דורך צוויי זאַכן האָט די לי-טעראַטור נישט געהאַט די געהעריקע ווירקונג אויף דער אַרבעטער-מאַסע, ווי זי האָט עס געזאָלט האָבן. ערשטענס, האָט דעם קאָמיטעט אָפטמאָל אויסגע-פעלט ליטעראַטור, און צווייטענס — האָבן פיל פון די אינטעליגענטן—אַרבע-טער, וועלכע האָבן זיך אויסגעבילדעט אין די קרייזלעך, סקעפּטיש געקוקט אויף די גוטע ווירקונג פון דער ליטעראַטור באַ דער אַרבעטער-מאַסע. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז נאָר דורכן בלויזן פאַרשפּרייטן ליטעראַטור, און אָן אַ „לערער“ אין די קרייזלעך, זאָלן די אַרבעטער אָנהויבן צו פאַרשטיין זייערע קלאַסן-אינטערעסן. אָבער פונדעסטוועגן, ווערט די צאָל פון די אַרבעטער, וועלכע לעזן די אומלעגאַלע ליטעראַטור, אַלץ גרעסער און גרעסער. דאָס באַווייזט דער פאַקט, וואָס אין אָנפאַנג, ווען דער „בונד“ האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די „אַרבייטער-שטימע“ האָט מינסק פאַרברויכט נאָך עטלעכע עקזעמפּלאַרן; און יעצט — גאַנצע הונדערטער.

אייגענטלעך וואָלט מען געקאָנט פאַר-שפּרייטן נאָך מער ליטעראַטור, אָבער דער פּשוט'ער אַרבעטער קאָן נישט פאַר-שטיין נישט דעם אינהאַלט און נישט דעם לשון פון דער „אַרבייטער שטי-מע“.

פריער האָבן מיר אָנגעוויזן, אַז די צאָל אַרבעטער וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם יום־טוב פון ערשטן מאַי איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער (אין 95־סטן יאָר 40 און 97־סטן שוין 300) אָבער דערמיט האָט דער יום־טוב נאָך נישט געטראָגן קיין מאַסן־כאַראַקטער, ווייל 3 הונדערט פון עטלעכע טויזנט (אין מינסק איז דאַן עטלעכע טויזנט אַרבעטער) איז אַזאַ קליינער טייל, אַז עס איז קוים צו באַמערקן.

כדי צוצוגעבן דעם יום־טוב אַ מאַסן־כאַראַקטער, כדי צו פאַראינטערעסירן, כדי צו באַקאַנען מיט אים די גאַנצע אַרבעטער־מאַסע, האָט מען אַרויסגעלאָזט צום ערשטן מאַי 1898־סטן יאָר, צוויי פּראָקלאַמאַציעס: איינע פון׳ם אָרטיקן קאָמיטעט, און איינע פון׳ם צ. ק. פון „בונד“. אויסער די פּראָקלאַמאַציעס, איז צווישן די אַרבעטער צעטיילט געוואָרן אַ בראָשורע, וועלכעס אינהאַלט עס איז געווען, די באַדייטונג פון׳ם יום־טוב, און אַ בעלעטריסטישע פאַנטאַזיע „אַ חלום אין דער נאַכט פאַר׳ן ערשטן מאַי“.

צו פייערן דעם מאַי־יום־טוב איז אין יענעם יאָר. פאַרשטייט זיך, געווען נישט מעגלעך, נישט אונטערן פרייען הימל — אויפ׳ן פעלד אָדער אין וואַלד, ווי אין די פאָריקע יאָרן, נישט אין דערהיים — אין קליינע פאַרזאַמלונגען, ווייל די פּאָליציי, די זשאַנדאַרמען און שפּיאָנען האָבן זייער שטאַרק נאָכגעשמעקט, זוכענדיק אין אַלע גאַסן און ווינקעלעך.

אין יולי פון זעלביקן יאָר זענען פאָרגעקומען, ווי ס׳איז באַקאַנט, גרויסע אַרעסטן אין גאַנץ רוסלאַנד. מ׳האָט אויך מינסק נישט דורכגעלאָזט. צוויי טעג נאָכאַנאַנד, דעם 25־טן און 26־טן יולי האָט די אָרטיקע פּאָליציי אין באַגלייטונג פון מאָסקווער זשאַנדאַרמען, אַרומשפּאַצירט איבערן שטאָט. ס׳זענען פאָרגעקומען אַ צאָל אַרעסטן און רעוויזיעס. אין אונזער דעספּאָטיש לאַנד, ווו עס הערשט נאָך דער פיזישער כח, דער ווילקיר און ס׳געזעץ ווערט געטרעטן מיט די פיס, זענען די דאָזיקע אַרעסטן געוואָרן פאַר די אַרבעטער אַ גאַנץ געוויינלעכע ערשיינונג און זיי שרעקן זיך שוין גאַנץ ווייניק פאַר זיי; די אַרבעטער ווערן נאָר פאַרזיכטיקער, קאָנספּיראַטיווער, פאַראייניקן זיך ענגער, פעסטער אין געשלאָסענע ריי, און הייבן אָן מיט נאָך מער ענערגיע צו קעמפן קעגן זייערע ביטערע שונאים — קעגן דער צאַרישער רעגירונג און זייערע בלוטזויגער — די אונטערנעמער.

אַז דער ווילדער אָנפאַל מצד דער זשאַנדאַרמעריע האָט נישט אָפּגעשוואַכט די מינסקער אַרבעטער־באַוועגונג, קענען מיר זען דערפון, וואָס אין פאַרלויף פון 1898 יאָר, האָט מען אויף קיין איין מינוט נישט אָפּגעשטעלט דעם קאַמף, מ׳האָט נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן, און די באַוועגונג האָט זיך אַלץ מער אַנטוויקלט אַלץ מער פאַרשפּרייט.

מ׳האָט ווי פריער פאַרשפּרייט ליטעראַטור, געמאַכט פאַרזאַמלונגען, פון 200—300 מענטשן ווי צ. ב. דעם 19־טן פעברואַר (די פויערים־באַפרייאונג פון דער „פּאַנשטשיזנע“), דעם ערשטן מערץ (דער טויט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן) האָט מען אָרגאַניזירט קליינע קרייזלעך צום לעזן מיט די אַרבעטער, מ׳האָט פאַרגרעסערט די לעגאַלע און אומלעגאַלע ביבליאָטעקן, מ׳האָט געוואָרפען פּראָקלאַמאַציעס (פּראָפעסיאָנעלע) צו די סטאָליער און מאָליאַרעס, און אַלגעמיינע פּראָקלאַמאַציעס פון „בונד“ און פון אָרטיקן קאָמיטעט. דאָס אַלץ איז געווען דער ענטפער אויף די רדיפות מצד דער זעלבסטהערשענדיקער רעגירונג.

אויסער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע האָט מען אויך געפירט אַ קליינעם עקאָנאָמישן קאַמף. כדי צו באַפרידיקן דעם געברויך פון ליטעראַטור, וועלכער ווערט אַלץ גרעסער, האָט מען באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן אָרטיק בלעטל אונטער דעם נאָמען „איינינקייט“, אָבער צוליב טעכנישע שוועריקייטן האָט מען אַרויסגעלאָזט נאָר צוויי נומערן, און מער גיט מען דאָס בלעטל דערווייל נישט אַרויס.

אין סוף פעברואַר און אָנהייב מערץ 1900־סטן יאָר זענען אין מינסק

ווידער פאָרגעקומען אַריעסטן, ס'זענען אַרעסטירט געוואָרען 60 מענטשן צווישן וועלכע ס'זענען געווען אינטעליגענטן און אַרבעטער, הויפּטזעכליך אָבער אַרבעטער.

כדי צו פּראָטעסטירען קעגן די נייע רדיפות מצד די רעגירונג האָבן די מינסקער יידישע אַרבעטער איינגעאָרדענט דעם ערשטן מאַי אַן אָפענע דעמאָנסטראַציע אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט איבער צוויי הונדערט אַרבעטער. די צאָל פון די דעמאָנסטראַנטען, ד. ה. פון די אָנטיילנעמער, איז געווען קליין, ווייל די דעמאָנסטראַציע איז פאָרגעקומען פּלוצלונג. פיל האָבן וועגן איר אַפילו נישט געוויסט.

זי איז נאָר געווען אַ פּראָטעסט־אויסדרוק מצד די אויפגערעגטע אַרבעטער קעגן די שענדליכע מינער פון דער זעלבסטהערשענדיקער רעגירונג, וואָס גיט זיך נישט אָפּ קיין דין וחשבון פון איר מיאוסער און שענדליכער אַרבעט, און טוט אַלץ, וואָס זי וויל. און כאָטש די דעמאָנסטראַציע איז געווען אַ קליינע נאָר דאָך, דער אָפענער פּראָטעסט פון די אַרבעטער, דאָס, וואָס זיי האָבן אונערשראָקן אַרויסגעשטעלט זייערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פאָדערונגען (ביים דעמאָנסטרירן האָט מען געשריגן: נידער מיט דעם דעספּאָטיזם! זאָל לעבן דאָס פרייע וואָרט! זאָל לעבן די פרייע פּרעסע, פרייע פאַרזאַמלונגען א. ד. גל.) און דער צייט, ווען די זשאַנדאַרמען האָבן מאַסענווייז געשלעפּט מענטשן אין טורמע אַריין, — אָט דאָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג און פאָראויסגעזאָגט אַ נייע עפּאָכע אין דער מינסקער אַרבעטער באַוועגונג.

וועגן דער דעמאָנסטראַציע האָבן גערעדט אַלע, און דער עיקר די אַרבעטער אַליין. מער פון אַלץ האָט מען גערעדט וועגן דער אורזאַך פון דער דעמאָנסטראַציע. אַנ'ענטפער אויף די אַלע פראַגן וועלכע ס'האָט בא זיי אַרויסגערופן די דעמאָנסטראַציע, האָבן זיי געקאָנט געפינען אין דער אָרטיקער פּראָקלאַמאַציע, און דער פּראָקלאַמאַציע פון „בונד“, און'ם מאַי־נומער פון דער „אַרבייטער־שטימע“ א. אַ. וו. די גאַנצע ליטעראַטור האָט מען פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט.

דער מינסקער קאָמיטעט פון
אַלג. ייד. אַרב. בונד אין
רוסלאַנד און פּוילן.

ווילנע.

דער היזיקער באַריכט איז צוזאַמענגעשטעלט לויט די מאַטעריאַלן, וועלכע מיר האָבן צוזאַמענגעקליבן איבער דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אונזער שטאָט אין 1899־סטן יאָר. איבער די שרעקליכע רדיפות, וועלכע די אַרבעטער האָבן צו ליידן מצד דער רעגירונג פאַר זייער טעטיגקייט, איז אונז נישט מעגליך צו פירן אַ גענויע און נאָרמאַלע סטאַטיסטיק און רעגיסטרירונג. דערפאַר טאַקע, קאָן אונזער באַריכט אויך נישט זיין אַזוי גענוי און פולשטענדיק, אָבער נישט קוקענדיק אויף די פעלערן פון אונזער סטאַטיסטיק, קאָן מען דאָך פון אונזער באַריכט באַקומען אַ ריכטיק בילד פון אונזער באַוועגונג, פון איר אַלגעמיינעם כאַראַקטער און טענדענץ.

אין יאָר 1899 האָבן מיר אין אונזער שטאָט געהאַט 33 „קאַסעס“. ד. ה. פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס; לויט דעם סטאַטוט קאָנען צו יעדער קאַסע געהערן נאָר אַרבעטער פון אַ באַשטימט פאַך, און דאָס געלט, וואָס זאַמעלט זיך אָן פון דעם מיטגלידס־אָפּצאָל, דאַרף ווערן אויסגעגעבן נאָר אויף שטרייקן; די קאַסעס זענען אַלזאָ לויט'ן פּרינציפּ קאַמף־קאַסעס. אָבער דאָס זענען זיי נאָר אין דער ערשטער צייט, בעת זיי באַשטייען נאָך פון ווייניק מיטגלידער, אָבער ווי נאָר, די קאַסע ווערט אַ „מאַסאָווע“ — אַזוי רופט מען בא אונז די קאַסעס, צו וועלכע ס'געהערן דער גרעסטער טייל אַרבעטער פון דעם פאַך — מוז זי שוין באַפרידיקן אויך אַנדערע פאָדערונגען, וועלכע דאָס לעבן שטעלט אַרויס: זי העלפט די מיטגלידער, וואָס האָבן נישט קיין אַרבעט (אַרבעטסלאָזע). זי גיט אַרויס רייזע־קאַסטן יענע, וועלכע

זענען געקומען צו אונז פון אַנדערע שטעט און קאָנען נישט געפונען קיין אַרבעט; זיי שטיצט אַרעסטירטע און פאַרשיקטע חברים.

אין אונזער שטאָט שפּילט די הויפּט־ראָלע די האַנטווערקעריי, די קליין־פּראָדוקציע. אויך די גרויס־פּראָדוקציע הויבט זיך אָן צו אַנטוויקלען, אָבער הערוויל איז זי נאָך גאָר שוואַך. דערפאַר באַשטייט דער גרעסטער טייל מיטגלידער אין די קאַסעס — פון האַנטווערקער.

צוזאַמען זענען אין די קאַסעס אָרגאַניזירט ביז 1147 אַרבעטער, 157 האַנדעלס־אָנגעשטעלטע, ס"ה — 1304. אין די פאַכן, ווו עס עקזיסטירען אָרגאַניזאַציעס, זענען פאַראַנומען 5388 אַרבעטער. אויף אַזאַ אופן זענען אָרגאַניזירט מער ווי 24 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטער. צווישען זיי געפינען זיך 210 פאַבריקס־אַרבעטער; בכלל אַרבעטען אין די פאַבריקן, אין וועלכע מיר האָבן אָרגאַניזאַציעס, 865 מענטשן. דער פּראָצענט פון די אָרגאַניזירטע איז נישט גלייך אין יעדער קאַסע;

ווען מיר וועלן צוטיילן אין אַלע פאַכן, אין וועלכע ס'געפינען זיך קאַסעס, אויף דריי גרופּן. פאַכן אין וועלכע ס'אַרבעטן ווייניקער ווי 100 אַרבעטער, פאַכן אין וועלכע ס'אַרבעטען פון 100 ביז 300 אַרבעטער און פאַכן, אין וועלכע ס'אַרבעטען העכער 300 אַרבעטער, בעקומען מיר דעם פאָלגענדן רעזולטאַט:

	אַרבעטער בכלל	אָרגאַניזירטע	פּראָצ. אָרגאַנ.
ערשטע גרופּע:	683	267	39,1
צווייטע גרופּע:	2450	535	21,8
דריטע גרופּע:	2250	345	15,3

פון דער טאַבעלע זען מיר, אַז וואָס ווייניקער אַרבעטער ס'זענען בעשעפטיקט אין אַ באַשטימט, איז אַלץ גרעסער דער פּראָצענט אָרגאַניזירטע צווישען זיי און דאָס קאָן מען זער לייכט ערקלערן:

בײַ די איצטיגע פּאָליציי־באַדינגונגען, איז אין אַ קלענער פאַך אַ סך גרינגער צו אָרגאַניזירן זיך, צו מאַכן פאַרזאַמלונגען, ווייל די אַרבעטער קענען זיך בעסער איינער דעם אַנדערן. די מעטי־קייט פון די קאַסעס ווערט לעבעדיקער פאַר אַ שטרייק און נאָך אַ שטרייק; דאַן פערגרעסערט זיך די צאָל מיטגלידער און דאָס געלט טראָגט מען אַריין אין די קאַסעס זער פּינקטליך. פאַרקערט, אין אַ רויקער צייט, צאָלן די מיטגלידער ניט גאַנץ גערן און אַ סך טרעטן אַרויס פון די קאַסעס. דאָס היינטיגע יאָר איז פאַר די קאַסעס געווען אַ גינסטיגס. ס'האָט געהערשט אַן אמת'ע עפּידעמיע פון שטרייקן. ס'האָבן געשטרייקט 3410 אַרבעטער, צווישן זיי 710 אָרגאַניזירטע ד. ה. 21 פּראָצענט. מ'מוז געדענקען, אַז צווישן די שטרייקענדע געפונען זיך אַ סך אַזעלכע, וואָס געהערן נאָך אינגאַנצען נישט צו קיין אָרגאַניזאַציע, אָדער בײַ וועלכע די אָרגאַניזאַציע האָט זיך נאָר וואָס געגרינדעט, צ. ב. בעקער (150) ברויטבעקער (80), האָלצשנײַדער (40) הויזענמאַכער (75) און אַנדערע.

אָבער דער פּראָצענט פון די אָרגאַניזירטע פון די שטרייקענדע איז פונדעסטוועגן נישט קלענער, ווי דער פּראָצענט פון די אָרגאַניזירטע בכלל. דאָס בעווייזט אונז, ווי די שטרייק־באַוועגונג גייט האַנט בײַ האַנט מיט דער שטאַרקייט פון דער אָרגאַניזאַציע. די מאַסע פאַרשטייט שוין איצטער, ווי די אָרגאַניזאַציע איז נויטיק אין איר קאַמף פאַר בעסערע אַרבעטס־און לעבענס־באַדינגונגען; זי פאַרשטייט שוין די נויטווענדיקייט צו דערשלאָגן זיך קאָאַליציע־פרייהייט ד. ה. פרייהייט צו אָרגאַניזירן זיך און גרינדן פאַראיינען.

ס'איז זער וויכטיק צו באַמערקן, אַז אין דעם היינטיקן יאָר האָבן כמעט אַלע־מאָל אַלע אַרבעטער פון אַ באַשטימט פאַך צוזאַמען געשטרייקט.

אין אַזעלכע אַלגעמיינע שטרייקן האָבן זיך באַטייליקט 2664 מאַן, ד. ה. 78 פּראָצענט פון אַלע שטרייקענדע. אַזאַ טאַקטיק פון די אַרבעטער, האָט אַרויסגערופן פון איין זייט, גרעסערע פאַרפאָלגונגען פון דער רעגירונג, און פון דער אַנדערער זייט אַ פאַראייניקטן קאַמף

פון די אונטערנעמער קעגן די שטרײַקענדע.

דאָס רוב שטרײַקן זײַנען פאָרגעקומען וועגן העכערן דעם לוין. נאָר 307 אַרבעטער האָבן געקעמפט פאַר אַ קורצן אַרבעטסטאָג. פריער איז געווען פאַרקערט. פריער האָט מען אַמערסטן געקעמפט פאַר אַ 10-שעהדיקן אַרבעטסטאָג, וועלכער איז שוין אײַנגעפירט כמעט אומעטום. דער לוין איז אָבער נאָך געבליבן בײַם פריערדיקן צושטאַנד, און ווײַזט נאָך אויף אַ טענדענץ צו פאַלן...

די מענער פאַרדינען דורכשניטלעך 4—5 רוב. אַ וואָך, די פרויען 3—2 רוב. אַ וואָך. פאַר אַ 10-שעה׳דיקן אַרבעטסטאָג האָט מען געקעמפט נאָר אין יענע פאַכן, וווּ מ׳האָט נאָך ביז אַהער געאַרבעט לענגער, ווי צ. ב. די שמידן, האַנדלס-אָנגעשטעלטע, שנײַדער. דעם גרעסטן טייל פון די שטרײַקן האָבן די אַרבעטער אויסגעפירט.

נישט אויסגעפירט האָבן 588 שטרײַקענדע איבער די פאַרפאָלגונגען פון דער פאָליציי, פאַבריק-אינספעקציע און ד. ג. און אויך צוליב דעם דוחק אין געלט. דאָס קאַסע-געלט איז גאָרנישט גענוג געווען אונטערצושטיצן אַ שטרײַק.

בעת מ׳דאַרף צו האָבן געלט רופט די אָרגאַניזאַציע צונויף די פאָרשטייער פון די פאַכן, ערקלערט זיי די לאַגע און יעדער פון זיי נעמט זיך אונטער צוצושטעלן אַ געוויסע סומע געלט. די סומע נעמט מען אָדער אין די קאַסעס, אָדער מ׳קלײַבט זי צונויף עקסטרע אין די וואַרקשטאַטן און פאַבריקן. אַ חוץ דעם באַקומט מען נישט ווייניק געלט אויך פון די אינטעליגענטן, וועלכע פאַראינטערעסירן זיך מיט דער באַוועגונג, ווי צ. ב. בײַם שטרײַק פון די 800 זאָקענמאַכערינס, וועלכער האָט געקאָסט 700 רוב. מ׳שיקט אויך צו געלט פון אַנדערע שטעט.

די פּראַקטיק באַווײַזט, אַז איבער אַ דוחק אין געלט זאָגט זיך די אָרגאַניזאַציע קיינמאָל נישט אָפּ פון אַ שטרײַק, מ׳קען זאָגן פאַרקערט, אַז יעדער שטרײַק גופא ברענגט אַרײַן אַ גרעסערע הכנסה אין זייער קאַסע אַרײַן.

דער עקאָנאָמישער קאַמף האָט אַרויסגערופן אַ לעבעדיקייט און אַ זעלבסטטעטיקייט בײַ די אַרבעטער. שבת און יום-טוב און אויך יעדן אָוונט פון די וואָכן-טעג קומט אָפטמאָל פאָר פאַרזאַמלונגען אין וואַלד, אונטערן שטאָט, אויף וועלכע ס׳קלײַבן זיך צוזאַמען ביז 100 מענטשן און נאָכמער. אויף די פאַרזאַמלונגען פאַרשפּרייט מען אומלעגאַלע ליטעראַטור און פּראָקלאַמאַציעס. די מונטערקייט און לעבעדיקייט, די באַוועגונג האָט אויך געווירקט אויף די ווייניקער אַנטוויקלטע אַרבעטער, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן די אַרבעט פון די סאָלדאַטן, וואָס ווערן געדונגען ביליק נאָך דער לאַגער-צײַט.

אויף די פאַרזאַמלונגען פלעגן קומען נישט נאָר יונגע אַרבעטער, נאָר אויך עלטערע מענטשן, „ייִדן מיט בערד“, וועלכע פלעגן זיך גוט צוהערן צו די רייד פון די יונגע אַגיטאַטאָרן. מער ווי אויף אַלעמען האָט די באַוועגונג געווירקט אויף די אַנטוויקלטערע אַרבעטער. זיי פלעגן וואַרפן די אַרבעט און די וואַרקשטאַטן און פלעגן טאָג און נאַכט מיט אַלע כחות, מיט דעם גרעסטן ענטוזיאַזם אַרבעטן פאַר דער באַוועגונג. די פּאָליציי און זשאַנדאַרמען פלעגן אַרומשנאָרן אין די וועלדער. וועגן שפּיאָנען איז נישטאָ וואָס צו ריידן. גאַנץ אָפט, פלעגט מען דערזיבער מוזן פונאַנדערלאָזן די פאַרזאַמלונגען, וועלכע ס׳איז בײַ אונדז אַזוי שווער געווען צוזאַמענצורופן. איינמאָל האָט די פּאָליציי אָנגעטראָפן אויף אַ גרויסע פאַרזאַמלונג אין וואַלד; אַלע זענען זיך פונאַנדערגעלאָפן, און נאָר איין אַרבעטערין האָט מען אַרעסטירט. אין דער צײַט פון שטרײַקן פלעגט די פּאָליציי אַרעסטירן יעדן, אויף וועמען די באַלעבאַטים פלעגן נאָר אָנווײַזן, אָבער לאַנג האַלטן פלעגט מען זיי נישט. מ׳פלעגט זיי אַרויסלאָזן אַפילו דאַן, ווען מ׳האָט געפונען בײַ זיי אומלעגאַלע ליטעראַטור. דערפאַר פלעגט מען אַרויסטרײַבן אַ מאַסע מענטשן אויף „דאָבראָסן“.

רעוויזיעס און „דאָבראָסן“ פלעגן

פֿאַרקומען אַז אַ שיעור, אַזוי אַז מ'האָט זיך שוין צו זיי צוגעוווינט.

די זשאַנדאַרמען האָבן געפּרוּווט זיך חבר'ן מיט די אַרבעטער. זיי פֿלעגן זיי זאָגן, אַז ס'לוינט גאָר נישט צו שטרייקן, אַז ס'וואָלט אַ סך בעסער געווען, די אַרבעטער זאָלן זיך ווענדן צו זיי, ווען די באַלעבאַטים טוען זיי עוולות. אָפּטמאָל האָבן די זשאַנדאַרמען פֿאַרנעלייגט די אַרבעטער געלט פֿאַר קליינע טובֿות. דערוויל פֿלעגט די פּאָליציי אויף דער „בירזשע", אויף דער גאַס, ווו די אַרבעטער באַגעגענען זיך, זיי פֿאַרפֿאָלגן ווי זי האָט נאָר געקענט. ווי נאָר עטלעכע אַרבעטער פֿלעגן זיך אָפּשטעלן אין גאַס, פֿלעגט מען זיי גלייך אַרעסטירן און אָפּהאַלטן אין אַרעסט עטלעכע טעג.

קיין איין טאָג איז נישט אַדורך אָן אַזעלכע פֿאַקטן.

דאָס אַלץ האָט צערייצט די מאַסע און האָט בײַ איר אַרויסגערופֿן אַ שרעקלעכן האַס צו די שפּיאָנען, פֿון וועלכע מ'האָט טאַקע עטלעכע פֿון זיי גוט אָנגעפּראַלן די ביינער. די רעגירונג האָט אַלזאָ אויף אַזאַ אופֿן אונדז געגעבן אַ סך מאַטעריאַל צו דער אַגיטאַציע... סוף הערבסט, בעת די שטרייקן האָבן שוין אויפֿגעהערט, האָט מען פֿאַרשפּרייט אַ פּראָקלאַמאַציע (1200 עקזעמפּלאַרן), אין וועלכער מ'האָט מיט פֿאַקטן אויפֿגעוויזן, ווי פֿאַלש ס'איז די האַלטונג פֿון דער רעגירונג צו די אַרבעטער און מ'האָט געפֿאָדערט פֿרייהייט פֿון שטרייקן, פֿאַרזאַמלונגען און פֿאַראיינען.

איבער די אָפֿטע אַרעסטן און שטענדיקן דוחק אין געלט פֿאַר די אַרעסטירטע, האָט מען אַרויסגעגעבן אַ פּראָקלאַמאַציע, אין וועלכער מ'האָט פֿאָרגעלייגט די אַרבעטער צו גרינדן אַ „רויטן קרייץ", און וועלכער האָט זי טאַקע באַלד געגרינדעט. די באַריכטן פֿון „רויטן קרייץ" ווערן פֿאַרעפֿנטלעכט אין די פּאַרטיי־אָרגאַנען.

פֿאַר'ן ערשטן מײַ האָט מען פֿאַרשפּרייט אויפֿרופֿן, און דעם מײַ־נומער פֿון דער „אַרבייטער שטימע".

די דעמאָנסטראַציע, וועגן וועלכער מ'האָט שוין גערעדט אין אונדזער צענטראַל־

אָרגאַן, האָט אויך נישט ווייניק געווירקט אויף דער פּאָליטישער אַנטוויקלונג פֿון דער מאַסע. אַ חוץ דעם, זענען געווען 2 דעמאָנסטראַציעס בעת'ן אַרויסשיקן פֿון 2 פֿאַר'משפּט'ע חברים. דאָס בעסטע מיטל, כּדי צו אַנטוויקלען דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין בײַ דער מאַסע איבערהויפּט, און אויך צו אַנטוויקלען איר פּאָליטישן באַוואוסטזיין, איז דאָס פֿאַרשפּרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור. די פֿאָדערונג אויף ליטעראַטור וואַקסט אַזוי גיך, אַז ס'איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט זי צו באַפֿרידיקן. דורך די אָרגאַניזאַציעס גופֿא קריגן ליטעראַטור 722 מענטשן, ד. ה. 55% פֿון אַלע אָרגאַניזירטע. באַזונדער פֿאַרלאַנגט מען פּובליציסטישע און בעלעטריסטישע בראָשורן, ווי צום בײַשפּיל „די פֿיער ברידער" און ה. גל. דער דוחק אין ליטעראַטור האָט אַרויסגערופֿן אַן אומצופֿרידנהייט בײַ די אַרבעטער. דער קאָמיטעט האָט זיך געווענדט צו זיי מיט אַן אויפֿרוף, אין וועלכן ער ווײַזט־אויף, ווי טײַער עס קאָסט דעם אַרבעטער יעדעס געדרוקטעס וואָרט בײַ אונדז אין רוסלאַנד, וואו מיר טאָרן נישט פֿרײַ דרוקן דאָס, וואָס מיר דאַרפֿן; ווי שווער ס'איז בײַ די איצטיקע באַדינגונגען, בײַ אונדזער אומלעגאַלער טעטיקייט, צו באַפֿרידיקן אַלע זייערע פֿאָדערונגען און בעט די אַרבעטער זיי זאָלן נעמען אַ גרעסערן אָנטייל אין די אויסגאַבן אויף ליטעראַטור.

די פּראָפּאַגאַנדע ווערט געפֿירט אין די בילדונגס־קרײַזלעך און אויף פֿאַרזאַמלונגען, אין וועלכע ס'ווערן דיסקוטירט די אַרטיקע פֿראַגן און די פֿראַגן וועגן אַלגעמיינע פּאָליטיק. אין די קרײַזלעך, וועלכע באַשעפֿטיקן זיך מיט די אָרטיקע פֿראַגן, באַטייליקן זיך — מיט דער הילף פֿון דער אינטעליגענץ — 250 אַרבעטער, און אין דער גרופּע, אויף וועלכע מ'דיסקוטירט וועגן די פֿראַגן פֿון דער אַלגעמיינער פּאָליטיק — 150 אַרבעטער.

אַזוי ווי די רעגירונג שטערט דער געזעלשאַפֿט צו פֿאַרשפּרייטן בילדונג צווישן פֿאָלק און אַזוי ווי די ייִדן לײַדן נאָך דערפֿון מער פֿון אַלע, מוז זיך די אָרגאַניזאַציע פֿאַרנעמען מיט קולטור־אויפֿגאַבן.

באַ אונדז זענען צ. ב. ש. דאָ 2 צענטראַלע ביבליאָטעקן — אַ רוסישע און אַ יידישע — וועלכע האָבן צו 500 לעגאַלע ביכער. אָבער דערפאַר קענען די אומלעגאַלע ביבליאָטעקן ווייניק־וואָס באַפרידיקן די באַדערפענישן פון די טויזענטער לעזער. דעריבער האָבן זיך אויך געבילדעט יידישע ביבליאָטעקן אין די באַזונדערע וואַרקשטאַטן. אַזעלכע ביבליאָטעקן זענען בײַ אונז פאַראַן 6. אַ חוץ דעם האָט איינן קאַסע אַן אײגענע ביבליאָטעק פון אומלעגאַלע ביכער. עטליכע אַנדערע קאַסעס גרייטן זיך איצט אויך צו גרינדן אומלעגאַלע ביבליאָטעקן. אַזאַ דעצענטראַליזאַציע וואָלט געווען זייער נוצליך, זייער גוט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מאַסע.

*   *

*

צום סוף מוזן מיר צוגעבן, אַז די באַוועגונג אין אונזער שטאָדט האָט אַ גרויסע ווירקונג אויף די איבריקע שטעט און שטעטלאַך פון אונזער גובערניע. אונזערע אַגיטאַטאָרן פאָרן אָפט אַהין און פירן דאָרט די באַוועגונג.

לאָמיר אויסרעכנען די וויכטיגע פאַקטן פון 1900־סטן יאָר: די מאַי־פּראָקלאַמאַציעס און די דעמאָנסטראַציעס. די „גאָוואָראָדער געשיכטע" (די באַפרייאונג פון די אַרעסטירטע חברים און דער פאַרשטאָרט „גאָוו־גאָראָד" און דער געשלעג מיט דער פאָליציי), אַ פּראָקלאַמאַציע וועגן דער געשיכטע, דער שטרייק פון די שוסטער, פּראָקלאַמאַציעס: צו די דרוקער־אַרבעטער, צו די זאָקענמאַכערינס, צו שוסמאַנ'ס און ברוינ'ס פאַבריקן, די אויסגאַבע פון דער צייטונג „קלאַסן־קאַמפף".

דער ווילנער קאָמיטעט פון

אַלגעמיינעם יידישן אַרב.־

בונד אין רוסל. און פּוילן.

לאָדז.

אין לאָדז איז פאַראַן צווייערליי יידישע אַרבעטער: פאַבריק־אַרבעטער און געוועהנליכע האַנדווערק־אַרבעטער. צו די פאַבריק־אַרבעטער געהערען די וועבער. און דער וועבעריי אַרבעט מען דאָ אַן מאַשינען, דורכאויס האַנט־אַרבעט. די וועבעריי טראָגט דעם כאַראַקטער אָדער פון פאַבריק־אַרבעט, אָדער פון הויז־אַרבעט. די הויז־וועבעריי איז נישט זעלבסטשטענדיק, זי ליגט אין די הענט פון די לוינקעטניקעס, וועלכע נעמען דעם מאַטעריאַל בײַ די גרויסע פאַבריקאַנטן און דערנאָך פאַרטיילן זיי אים מיט געדונגענע אַרבעטער און זייערע אייגענע וואַרקשטאַטן, אויף זייערע אייגענע וועבשטולן.

אין גאַנץ לאָדז איז פאַראַן 7000 *) וועבער (מענער); פון זיי זענען 5000 באַשעפטיקט בײַ די לוינקעטניקעס און דער הויז־וועבעריי. אין דער הויז־וועבעריי פירט זיך די אַרבעט אַזוי ווי אין די פאַבריקן, נאָר מיט איין אונטערשיד: אין דער הויז־וועבעריי מאַכט מען אַלץ מיט די הענט, אָנשטאָט דעם, וואָס אין די פאַבריקן שפּילט די האַנט אַ קליינע ראָלע.

אויסער מענער באַשעפטיקן זיך מיט וועבעריי אויך פרויען; זייער אַרבעט איז אַ הילפס־אַרבעט: זיי וויקלען דעם פאָדעם, פאַרפערטיקן האָט געוועבטע און ד. גל.

וועגן דער הויז־וועבעריי קענען מיר זאָגן דאָסזעלבע, וואָס וועגן דער הויז־פּראָדוקציע איבערהויפּט. פאַר איר פאַסט איינגאַנצן דער נאָמען „שוויץ־סיסטעם": דער אַרבעטס־טאָג איז דאָ שרעקליך לאַנג, מ'אַרבעט דעם גאַנצן טאָג און אויפהער, עסן עסט מען זיצענדיק בײַם וועבשטול, דער פאַרדינסט איז אַ שרעקליך קליינער (אין צוויי מאָל קלענער ווי בײַ די פאַבריק־אַרבעטער), מ'אַרבעט פון

---

*) די ריכטיקע צאָל פון די יידישע וועבער איז נישט באַשטימט. מ'זאָגט, אַז ס'איז אַפילו פאַראַן 10,000—15,000 אַרבעטער.

שטיק און דעם לוין צאָלט מען אויס דערצו זייער זעלטן. דער גרעסטער טייל פון די אַרבעטער זענען נישט קיין הינגע; זיי עסן און וואוינען בײַ די באַלעבאַטים און דעריבער זענען זיי שוין ממילא בײַ זיי אין די הענט. די וואַרקשטאַטן זענען קליינע, שמוציקע לאָקאַלן, אין וועלכע די וועבער מוזן אַרבעטן, שלאָפן און עסן. די אַרבעטער שלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע און אָנשטאָט בעטגעוואַנט ליגן זיי זיך אונטער דאָס געוועב. די לאַגע פון די פרויען איז נאָך אַן ערגערע, ווי די לאַגע פון די מענער; זיי פאַרדינען פיל ווייניקער ווי די מענער, און הערצו ווען זיי פאַרטיקן זיך אָפּ מיט זייער אַרבעט, מוזן זיי נאָך העלפן זייערע באַלעבאָסטעס אין דער שטוב־אַרבעט.

די לאַגע פון די פאַבריק־אַרבעטער איז פיל בעסער. די אַרבעטס־באַדינגונגען אין די פאַבריקן זענען עטוואָס מענטשלעכערע. מ'אַרבעט נאָך אַ באַשטימטע צייט (12 שעה) אין טאָג, דער לוין איז גרעסער און מ'צאָלט פּינקטלעך יעדע וואָך. פונדעסטוועגן איז די לאַגע פון די אַרבעטער ערגער, ווי די לאַגע פון די, וואָס אַרבעטן אין די מעכאַנישע וועב־פאַבריקן.

איבערהויפּט וועט זיך בײַ אונז די האַנט־וועבערײַ שוין נישט לאַנג האַלטן; קיין צוקונפט האָט זי נישט; זי ווערט אַלץ אַרויסגעשטופּט דורך די מעכאַנישע וועבערײַ. איצטער קען זי זיך נאָך האַלטן, ווײַל די פּראָדוקציאָנעלע קאָסטן זענען בײַ דער האַנט־וועבערײַ זייער קליין, און אָט פאַרוואָס: יידן נעמט מען אין די מעכאַנישע פאַבריקן נישט צו, און דעריבער מוזן זיי זיך ממילא באַנוגענען מיט דעם שרעקלעך־קליינעם לוין.

יידישע בעלי־מלאכות איז בײַ אונז אין שטאָט פאַראַן אַ 1000. יעדער באַלעבאָס האַלט נאָר עטלעכע אַרבעטער; נאָר די אײַנבינדער האָבן גרויסע וואַרקשטאַטן. דער אַרבעטס־טאָג איז זייער אַ לאַנגער (14—16 שעה), דער לוין אַ קליינער. כמעט אַלע אַרבעטער וואוינען בײַ זייערע באַלעבאַטים און עסן אויך בײַ זיי. מען אַרבעט פון שטיק און לויט'ן סעזאָן נאָך: פון פּסח ביז סוכּות און פון סוכּות ביז פּסח. די מײַסטער נעמען אָן אַרבעט אויף באַשטעלונגען.

די אַרבעטער זענען מיט זייער לאַגע, פאַרשטייט זיך, גאָר נישט צופרידן, און דעריבער פלעגט בײַ זיי אָפט פאָרקומען שטרײַקן, הויפּטזעכלעך בײַ די וועבער. אָבער אַן אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן ערשט צום סוף 97־סטן יאָר.

פון דער צייט אָן, האָט זיך אָנגעהויבן אין דער מאַסע אַן אַגיטאַציע הויפּטזעכלעך אויפ'ן באָדן פון עקאָנאָמישן קאַמף. מ'האָט אָנגעהויבן צוצוטיילן צווישן די אַרבעטער אומלעגאַלע ביכלעך און צייטונגען, פונאַנדערגעוואָרפן פּראָקלאַמאַציעס, מ'פלעגט רעדן מיט די אַרבעטער וועגן זייער ביטערער לאַגע, וועגן דעם, ווי אַזוי צו פאַרבעסערן איר, און א. ז. וו. ס'האָט זיך געבילדעט אַן אָרטיקער קאָמיטעט פון „יידישן אַרב. בונד“, וועלכער האָט אין דער צייט אַרויסגעלאָזט 2 פּראָקלאַמאַציעס אין 2500 עקזעמפּלאַרן.

איבער דעם קריזיס, וואָס האָט אַזוי געהערשט אין לאַנד, האָבן זיך אין'ם לעצטן יאָר שטרײַקן נישט געקענט פירן. נאָר ערשט נישט לאַנג, זענען דאָ פאָרגעקומען פיל שטרײַקן פון די יידישע וועבער, וועלכע זענען אויך געוווּנען געוואָרן. נאָך שטרײַקן זענען פאָרגעקומען בײַ די בעקער און שנײַדער.

אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אַ ברייטן עקאָנאָמישן קאַמף האָבן די לאָדזשער יידישע אַרבעטער אין דעם לעצטן יאָר נישט געקענט פירן, קען מען פונדעסטוועגן גוט באַמערקן די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר צווישן זיי. עס וואַקסט די אחדות, ס'אַנטוויקלט זיך דער קלאַסן־באַוואוסטזײַן, ס'ווײַזן זיך אַרויס גײַסטיקע, קולטורעלע באַדערפענישן בײַ זיי. דער פאַרלאַנג פון אומלעגאַלע ליטעראַטור איז אומגעהויער גרויס, די אידעע פון פּאָליטישע פרײַהייט געפינט וואָס אַמאָל מער אָנהענגער. ביסלעכווײַז באַרײַנט זיך פונאַנדער דער פּראָטעסט קעגן דער איצטיקער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אָרדנונג...

אין יוני אויף אַ לויה פֿון אַן אַרבעטער האָבן יידישע און קריסטליכע אַרבעטער געמאַכט אַ דעמאָנסטראַציע, וועלכע האָט געטראָגן אַ פּאָליטישן כאַראַקטער. דעם ערשטן מאַי איז פֿאָרגעקומען אַ פֿאַרזאַמלונג אין וואַלד אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט 300 יידישע אַרבעטער און אַרבעטערינס.

דער לאָדזער סאָצ. דעמ. קאָמיטעט פֿון אַלגעמיינעם יידישן אַרב. בונד אין רוסל. און פּוילן.
יוני 1900 יאָר.

האָמעל.

ביז'ן אָנהויב פֿון די ניינציקער יאָרן, איז האָמעל געווען אַ קליין, שטיל שטעטל. דער גרעסטער טייל איינוואוינער איז באַשטאַנען פֿון דער יידישער מאַסע, וועלכע האָט געפֿירט אַן אָרים, דערשלאָגן לעבן, און איז געשטאַנען אויף אַ זייער נידעריקער שטופֿע פֿון אַנטוויקלונג.

אין אָנפֿאַנג פֿון די ניינציקער יאָרן הויבט זיך אָן דאָס בילד פֿון דער שטאָט צו בייטן. ס'זענען אָנגעפֿאָרן פֿיל יידישע סוחרים, אַרויסגעטריבענע פֿון מאָסקווע, מ'עפֿענט נייע געשעפֿטן, מען בויט נייע הייזער, די פּראָדוקציע ווערט ברייטער און שטאַרקער. איצטער האָט די שטאָט ווידער געמאַכט אַ טריט אויף צוריק. ס'איז ווידער געוואָרן שטיל, עס זענען פֿאַרגעקומען פֿיל באַנקראָטן, די פּראָדוקציע איז געוואָרן שוואַכער, און ס'זענען כמעט ווידער אָנגעקומען די אַלטע צייטן. פּונקט ווי אין אַנדערע אַזעלכע שטעט, איז אין האָמעל דאָ אַ היבשע צאָל וואַרקשטאַטן פֿון אַלערליי פֿאַכן. די דורכשניטליכע צאָל אַרבעטער אין אַ וואַרקשטאַט איז 2—3; אין אַלע פֿאַכן קענען זיך געפֿינען ביז 800 מאַן. אויסערדעם איז דאָ אַן איינזיגאַן וואַרקשטאַט, וואו ס'אַרבעטן ביז 100 מאַן. אין פֿאָרשטאָט בעליץ איז פֿאַראַן אַ שוועבל-פֿאַבריק מיט 400 אַרבעטער. ס'זענען דאָ נאָך איינציקע פֿאַבריקן, נאָר מיט אַ קליינער צאָל אַרבעטער.

ביז'ן 1893-סטן יאָר איז דאָ פֿון אַן אַרבעטער-באַוועגונג קיין סימן נישט געווען. די פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון אַלעקסאַנדער דעם דריטן געגן יידען, דער גאַנצער סיסטעם פֿון אויסנאַמס-געזעצן קעגן דעם גאַנצן יידישן פֿאָלק האָבן אַרויסגערופֿן בײַ דער אינטעליגענץ נאַציאָנאַליסטישע שטרעבונגען, אַ חוץ דעם, זענען בײַ איר נאָך געווען פֿאַרשפּרייט די אידעען פֿון ליבעראַליזם און ראַדיקאַליזם, וועלכע האָבן נישט געטראָגן קיין באַשטימטן, קלאָרן כאַראַקטער. אין יאָר 1893 הויבט זיך אָן צווישן דער אינטעליגענץ אַ שטאַרקע באַוועגונג. אין דער זעלבער צייט האָט זיך אין מינסק געגרינדעט אַ פּאַרטיי, וועלכער האָט אַרויסגעשטעלט אַ באַשטימטן באַציאַל-דעמאָקראַטישן פּראָגראַם דאָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויך אויף דער האָמעלער אינטעליגענץ.

ס'גרינדעט זיך אַ פּאַרטיי פֿון 12 מאַן, אינטעליגענטן און אַרבעטער. קיין באַשטימטן פּאַרטיי האָט נאָך איינגעטליכער דער פּאַרטיי נישט געהאַט. נאָר זייערע מיטגלידער פֿלעגן זיך אָפֿט צוזאַמענקומען, פֿלעגן צוזאַמען לעזן, דיסקוטירן, אַרומרעדן אַלע פּרינציפּיעלע פֿראַגן. די מיינונגען זענען געוואָרן אַ ביסעל קלאָרער און באַשטימטער, איבערהויפּט רעדט מען וועגן דער לאַגע פֿון די אַרבעטער. די אַרבעטער, וועלכע זענען געווען אין דער גרופּע, האָבן זיך ביסלעכווייז אויסגעבילדעט און געוואָרן באַוואוסטזיניקע אַגיטאַטאָרן, זיי האָבן אַ געוויסע השפּעה אויף די אַרבעטער, מיט וועלכע זיי טרעפֿן זיך. די יידישע אַרבעטער קענען אַלע לעזן און שרייבן יידיש און דעריבער זענען זיי פֿעיק זיך גיך צו אַנטוויקלען און אָנצונעמען געוויסע אידעען. די מער אַנטוויקעלטע אַרבעטער האָבן געפֿונען אַ גוטן באָדן פֿאַר זייערע אידעען. די רעזולטאַטן לאָזן אויף זיך לאַנג נישט וואַרטן. אין 94-סטן יאָר קומען שוין פֿאַר איינציקע שטרייקן בײַ די מולירעס, שלאָסער. מ'הויבט זיך שוין אָן אַ שטרייק פֿאַר אַ קירצערן אַרבעטס-טאָג. ס'גייען פֿאַרבײַ צוויי יאָר, און דער פּאַרטיי פֿון די מער אַנטוויקעלטע

אַרבעטער און אינטעליגענטן ווערט גרעסער. די מיינונגען האָבן זיך שוין אויסגעקריסטאַליזירט אין ריינע ס. ד. פּרינציפּן. ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז מ'מוז אונבאַדינגט אָנהויבן אַ סיסטעמאַטישע אָרגאַניזירטע טעטיקייט אין דער אַרבעטער־מאַסע. אין 1897־סטן יאָר גרינדעט זיך אין האָמעל אַ גרופּע, וועלכע שטעלט זיך פאַר אַן אויפגאַבע צו פירן אַ מאַסן־באַוועגונג צווישן די אַרבעטער אויף דעם באָדן פון זייערע טעגלעכע אינטערעסן. זי הויבט אָן צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער לויט זייערע פאַכן. ס'ווערן געגרינדעט באַזונדערע שטרייק־קאַסעס. אין דעם זעלבן זומער ווערן אויך אָרגאַניזירט פאַכן פון 100—200 מאַן. עס קומען פאָר איינציקע שטרייקן אין באַזונדערע וואַרקשטאַטן. די שטרייקן (באַזונדער דער שטרייק פון די סטאָליער 20—25 מאַן) רופן אַרויס אַ געוויסע אומרויקייט בײַ די האָמעלער פּאָליציי, וועלכע האָט זיך ביז איצט ווייניק פאַראינטערעסירט מיט דעם קאַמף צווישן די ייִדישע אַרבעטער און בעל־הבתים. די בעלי־הבתים הויבן שוין אָן צו זוכן הילף בײַ דער פּאָליציי. צווישן די שטרייקענדע קומען פאָר אַרעסטן (בײַ די סטאָליער צ. ב. זענען אַרעסטירט געוואָרן 6 מאַן; מ'האָט זיי געהאַלטן אַ טאָג אין דער פּאָליציי און באַפרײַט).

בײַסלעכווײַז ווערט קלאָר, אַז דער עקאָנאָמישער קאַמף רופט אַרויס די נויטווענדיקייט פון אַ פּאָליטישן קאַמף. אינטערעסאַנט איז נאָך אַן אָפּשײַנונג אין אונזער באַוועגונג. ביז וואַנען ס'האָבן עקזיסטירט קליינע קרײַזן צווישן די אַרבעטער, פירט זיך די פּראָפּאַגאַנדע כמעט נישט מער ווי אויף דער רוסישער שפּראַך; די אַגיטאַציע אין דער ברייטער מאַסע, וועלכע פאַרשטייט כמעט אויסשליסלעך די ייִדישע שפּראַך, רופט אַרויס אַ שטאַרקע באַדערפעניש אין זשאַרגאָנישע ליטעראַטור. די אַגיטאַציע קומט פאָר נור אין זשאַרגאָן.

אין אָנהויב 1898־סטן יאָר קומען פאָר פיל אַרעסטן און רעוויזיעס. די פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע הויבט שטאַרק אָן צו פאַרפאָלגן די אַרבעטער־באַוועגונג. כדי צו פירן קאָנספּיראַטיווער די אַרבעט ווערט דאָ געגרינדעט אַ קאָמיטעט, וועלכער גיט צו דער באַוועגונג אַ געוויסע ריכטונג און ערפילט די קאָנספּיראַטיווע אַרבעט. אין דעם זעלבן יאָר פייערן שוין די האָמעלער אַרבעטער דעם 1־טן מאַי דורך אַ פּאָליטישער פאַרזאַמלונג אונטער דער שטאָט פון מער ווי 200 מאַן. אויף דער רויטער פאָן, וועלכע איז געווען פונאַנדערגעוויקעלט אויף דער פאַרזאַמלונג, שטייען שוין פאָדערונגען פון אַן אַכט־שעה'דיקן אַרבעטס־טאָג און פּאָליטישע פרייהייט.

אין זומער 1899־סטן יאָר קומט פאָר אַ שטרייק אין די אײַזנבאַן־וואַרקשטאַטן; דער שטרייק האָט געדויערט לאַנג. די אַרבעטער האָבן דעם שטרייק פאַרשפּילט, ווײַל ער איז נישט געווען ווי געהעריק אָרגאַניזירט. דעם זעלבן זומער זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אײַנציקע אויפרופן צו די ייִדישע אַרבעטער. מ'לייגט פאָר אַלע אַרבעטער אַרויסצוטרעטן מיט אַ פאָדערונג וועגן אַ 12־שעה'דיקן אַרבעטס־טאָג (צוזאַמען מיט פרישטיק און מיטאָג־צייט). ס'קומען פאָר איינציקע שטרייקן בײַ די ייִדישע אַרבעטער (שניידער). די פאַרפאָלגונגען פון דער פּאָליציי ווערן אַלץ שטאַרקער, ס'קומען פאָר מאַסן רעוויזיעס און אַרעסטן. די באַוועגונג ווערט אַ ביסל שוואַכער און שטילער.

דאָס לעבן האָט שוין באַוויזן, אַז די אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע מוז געפירט ווערן אין דער זשאַרגאָנישער שפּראַך, די נאָכפראַגע אויף זשאַרגאָנישע ליטעראַטור ווערט אַלץ גרעסער. די האָמעלער ייִדישע אַרבעטער־מאַסע לײַדט, ווי די גאַנצע ייִדישע מאַסע אין רוסלאַנד לײַדט פון די אויסנאַמס־געזעצן קעגן ייִדן.

דאָס אַלץ האָט שוין לאַנג בײַ די האָמעלער אַרבעטער אַרויסגערופן דעם באַוואוסטזײַן, אַז זיי מוזן צושטייַן צום אָרגאַניזירטן ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. אין מיטן 1900 יאָר גייט דער האָמעלער קאָמיטעט אַרײַן אין „אַלגעמיינעם ייִדישן אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פּוילן“. אין דערזעלבער צײַט ערשײַנט דאָס יום־טוב־בלאַט פון האָמעלער קאָ־

מיטעט „דער קאַמף“, דאָרט ווערט ערקלערט דער האָמעלער יידישער אַרבעטער־מאַסע, צוליב וואָס דער האָמעלער קאָמיטעט איז צוגעשטאַנען צום „בונד“.

די אַלגעמיינע רעזולטאַטן, וועלכע די האָמעלער ס.־ד.־באַוועגונג האָט דערגרייכט זענען פאָלגענדע: אין אַלע פאַכן איז פאַרקירצט געוואָרן דער אַרבעטס־טאָג און פאַרהעכערט דעם לוין. דער לוין איז געוואָרן פאַרהעכערט: אויף 30—40 פּראָצענט; בא די סטאָליער איז אָבגעשאַפט געוואָרן די שטיק־אַרבעט; דער פאַרדינסט העכער אויף 50 פּראָצענט; בא די שוסטער: פון פאַר — 15 פּראָצענט; פון וואָך 30—40; בא די שלאָסער אויף 50%. דער אַרבעטס־טאָג כמעט אין אַלע פאַכן 14—15 שעה (אין דעם 1 שעה מיטאָג) אַנשטאָט 17—18 און גאָכמער שעה.

האָמעלער סאָצ. דעמ. קאָמיטעט פון אַלג. יידישן אַרב. בונד אין רוסלאַנד און פוילן.

פון דער קיעווער סאַצ. דעמ. גרופּע פון „בונד“

די באַדינגונגען, אין וועלכע ס'לעבט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אין קיעוו, זענען אין אַ סך פּרטים פאַרשידן פון די באַדינגונגען אין די גרויסע שטעט פון פוילן און ליטא, און די טעטיגקייט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע נעמט אָן אַזוינע פאָרמען, וועלכע זענען אַביסעל אַנדערש, ווי די טעטיקייט פון „בונד“ אין יענע ראַיאָנען, ווו די יידן לעבן אין געדיכטע מאַסן און ווו זיי קענען וווינען אומעטום.

הגם קיעוו איז אַן אינדוסטריעלער און האַנדעלס־צענטער פאַר'ן גאַנצן געגנט פון דרום־מערב, פונדעסטוועגן איז דאָרט די פאַבריקאַציע לפי ערך אַ זייער שוואַך אַנטוויקעלט, און יידן זענען כמעט גאַרנישט באַשעפטיקט אין די פאַבריקן; דער יידישער פּראָלעטאַריאַט איז כמעט אינגאַנצן פאַרנומען אין דעם קליינבאַטריב און אין דער הויז־אינדוסטריע, וועלכע איז שטאַרק אָבהענגיג פון די גרייסע מאַגאַזינען.

די פּאָליציי־באַדינגונגען, וועלכע צווינגען דעם גרעסטן טייל יידן צו קאָנספּירירן אי זייער באַשעפטיקונג, אי זייער אויפהאַלטען זיך אין קיעוו, מאַכען אונמעגליך פעסטצושטעלען די צאָל אידישע אַרבייטער, אַלענפאַלס איז דאָרט דאָ נישט ווייניקער ווי 5000. דער גרעסטער טייל פון זיי געהערט נישט צו די יידישע תושבים פון שטאָט, און באַשטייט פון צוגערייזטע פון קלענערע און גרעסערע שטעט און שטעטלעך פון דרום־מערב און ליטע. די נויט טרייבט זיי פון די פאַרוואָרפענע ווינקעלעך אין דער גרויסער שטאָט, נאָר די קאָנקורענץ די אונזיכערהייט פון זייער עקזיסטענץ, וועלכע שטאַמט אי פון די פּאָליציי־באַדינגונגען אי פון די שלעכטע אַרבעטס־בעדינגונגען, צווינגט זיי צוריק צו פאַרלאָזען די שטאָט. אַזוי ווי דער פּראָלעטאַריאַט איז נישט קיין שטענדיקער, איז דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ממילא שווער צו פירן איר אַרבעט. ס'איז ביי איר פאַראַן שוואַכע האָפנונגען, לכל הפחות אין אָנהויב פון איר טעטיגקייט, צו גרינדן אַ באַדייטענדן צענטער פון די דאָרטיקע אַרבעטער, וואָס וואוינען דאָרט שטענדיק.

אַן אָרגאַניזאַציע וואָס האַלט זיך אויף די אַרבעטער, וואָס זענען היינט דאָ און מאָרגן דאָרט, קען זיך נישט האַלטן אַזוי פעסט.— די וויכטיקסטע מניעה פאַר אַן ערפאָלגרייכער אַרבעט צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין קיעוו, איז די רעכטלאָזע לאַגע, וועלכע לייגט אַרויף איר שטעמפּעל אויף אַלע זייטן פונ'ם אַרבעטערס לעבן.

זי מאַכט זייער שווער, כמעט אונמעגליך אַ ברייטן עקאָנאָמישן קאַמף אין דער פאָרם פון אַלגעמיינע שטרייקן. די באַדינגונגען אָבער, אין וועלכע ס'געפינט זיך דער קיעווער פּראָלעטאַר־

יאַט, זענען זער און זער שווערע.

דער גרעסטער טייל פון אים איז באַשעפטיקט אין דער הויז=אינדוסטריע מיט איר מורא׳דיק לאַנגען אַרבעטס=טאָג און מיט׳ן קבצנ׳ישן לוין; די אַר=בעטער באַפעלקערונג איז צוגעפּגע=שטיקט אויף פּאַדאָל, דעמיעווקע, סאַ=לאָמענקע און אַנדערע שטאָט=טיילן, וווּ די וווינונגס=באַדינגונגען ווילן גישט וויסן פון די עלעמענטאַרסטע פאָדערונ=גען פון היגיענע.

פונאַנדערגעוואָרפן איבער די קליי=נע וואַרקשטאַטן, אונטער דער שטענדי=קער השגחה פון די באַלעבאַטים, האָ=בן די אַרבעטער כמעט נישט די מעג=ליכקייט אַרויסצוטרעטן אין קאַמף גע=גן דער עקספּלואַטאַציע, ווייל בײַ יעדן פּראָטעסט שוועבט פאַר זיי די סכנה אַרויסגעשיקט צו ווערן פון קיעוו.

אַרבעטענדיק שווער פון באַלד אין דערפרי ביז שפּעט בײַנאַכט, האָבן זיי קיין צייט נישט צו באַזוכן די פאַרזאַמ=לונגען, און דערצו האָבן זיי מורא, אַז מ׳זאָל זיי נישט חושד זײַן, אַז זיי האָ=בן אַ שייכות צו דער סאָציאַל=דעמאָ=קראַטיע.

די דאָזיקע לעבנס=באַדינגונגען רופן זיך אויך אָפּ אויף דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין קיעוו, וועלכע איז אַזוי אויך שטאַרק דערשלאָגן און שפל.

די גייסטיקע אַנטוויקלונג פון די יידישע אַרבעטער איז זייער אַ נידריקע; כמעט אַלע פאַרשטייען און רעדן שלעכט רוסיש; זייער ווייניק קענען לע=זן רוסיש, און די וואָס קענען יאָ, קע=נען אויך זייער ווייניק, און צוליב דעם איז די אַלגעמיינע אַנטוויקלונג אויך זייער נידריק.

דער אָרטיקער סאָציאַל=דעמאָקראַטי=שער קאָמיטעט פון דער „פּאַרטיי“ האָט אַ מאָל ענערגיש געאַרבעט צווי=שן דער יידישער מאַסע, נאָר דער תחום פון זײַן אײַנפלוס האָט אַרומגענומען אַ קליינעם קרייז פון די מער אַנטווי=קעלטע אַרבעטער, פון וועלכע ער האָט זיך באַמיט אויסצובילדן אַגיטאַטאָ=רן פאַר׳ן גאַנצן פּראָלעטאַריאַט.

צו די ברייטע מאַסן אַרבעטער האָט זיך די אַגיטאַציע פון קאָמיטעט שוואַך צוגעקלעבט, ווייל די מאַסע איז נישט באַקאַנט מיט דער רוסישער שפּראַך. קיין יידישע ליטעראַטור האָט דער קאָ=מיטעט כמעט אינגאַנצן נישט פאַר=שפּרייט. די פּראָקלאַמאַציעס פלעגן די, וואָס פאַרשטייען בעסער רוסיש, אי=בערזעצן אויף יידיש פאַר יענע, וואָס פאַרשטעען ווייניקער רוסיש. דאָס, וואָס דער אָרטיקער קאָמיטעט האָט זיך נישט צוגעפּאַסט צו דער אַרבעט צווישן די ברייטע יידישע מאַסן, ערקלערט זיך דאַמיט, וואָס די ציוניסטישע פּראָפּאַ=גאַנדע האָט געהאַט לפי ערך אַן ערפאָלג; זי האָט זיך געפירט זייער ענערגיש, און נאָר דאָס לעצטע יאָר איז זי אָפּ=געשוואַכט געוואָרן צוליב הרב, וואָס די רעגירונג האָט אַרויפגעלייגט אויפן ציוניזם.

— קיעוו איז אַ צענטר פון ציוניס=טישן ראַיאָן, און אין אים זענען צוזאַ=מענגעקליבן די הויפּט=קרעפטן פון ציוניזם אין דרום=רוסלאַנד. אין די בתי=מדרשים האָבן זיי אָפן געפירט און פירן נאָך אָפט אַן ענערגישע ציוניסטי=שע אַגיטאַציע, און נאָר דער בורזשו=אַזער כאַראַקטער פון דער לערע, וועלכע גיט נישט די קלענסטע תשובה אויף די באַדערפענישן פון די מאַסן, האָט גע=שטערט דעם ערפאָלג פון ציוניזם.

מער אָנהענגער (צווישן דער אינ=טעליגענץ) באַקומט די כלומרשט דע=מאָקראַטישע פראַקציע פון די ציוניסטן, די „פּועלי ציון“, ווי זיי רופן זיך, וועל=כע האָבן נישט לאַנג דאָ אָנגעהויבן צו אַרבעטן און וועלכע האָבן שוין גע=גרינדעט גאַנצע 2 קאָמיטעטן.

דאָס לעבן פון דער בורזשואַזיע איז אינגאַנצן אָפּגעטיילט פון דער מאַסע; די אינטעליגענטע יוגענט, איבערהויפּט די יידישע סטודענטן, זענען טיילווייז פאַרכאַפּט פון ציוניזם, טיילווייז פאַרנו=מען אין רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַ=ציעס, וועלכע האָבן קיין שום שייכות

נישט צום יידישן פּראָלעטאריאט. די גרינדונג אין קיעוו פון א בונדיסטישער גרופּע און די ברייטע פאַרשפּרייטונג פון דער בונדיסטישער ליטעראַטור האָבן שטארק אומגעענדערט פאַר די לעצטע 2 יאָר די צוטיילונג פון די קרעפטן צווישן דער יידישער אינטעליגענטער יוגענד.

נאָך א גרויסע מניעה באגעגנט די אומלעגאלע טעטיקייט אין קיעוו; די שטאָט איז זייער צוואָרפן, און ס'איז דעריבער זייער שווער דאָס צונויפקומען זיך פון די פארשידענע טיילן שטאט ווו די יידן וווינען; אויך שטערט דאָס דער צענטראליזאציע פון פאַרשידענע איינריכטונגען; א ווייטערדיקע מניעה איז—וואָס די שפּיאָנען און די פּאָליציי פון דער היגער „אָכראַנע" פּאַרשטייען צו גוט זייער אויפגאבע... די שטאָט איז פשוט פארפלייצט פון שפּיאָנען, זייער זעלטען, אז א חודש זאָל דורכגיין אָן גרויסע ארעסטן.

מיט א יאָר 4 צוריק האָט מען פון „בונד" נישט געוואוסט, נישט נאָר אין די ברייטע ארבעטער=קרייזן, נאָר אויך אפילו צווישן דער אינטעליגענץ. די ליטעראַטור פון „בונד" איז אין קיעוו נאָרנישט אָנגעקומען, און ווען זיין טעטיגקייט האָט מען גערעט נאָר צווישן די סטודענטן, וואָס פלעגן קומען צופאָרן פון ליטע. די ערשטע האָט זיך אָנגעהויבן צו פּראַינטערעסירן און צו דיסקוטירן די פראגע וועגן אים, די יידישע „סטודענטן=אָרגאניזאַציע" וועלכע האָט מיט 3 יאָר צוריק אין א פלוגבלעטל, אונטערגעשריבן „א גרופּע אינטעליגענטן—יידן", אָנגעוויזן אויפן בונד, ווי אויף אַ קראַפט, וועלכע קען געבן די יידן גלייכבארעכטיקונג. צום געדאַנק, אז ס'איז נויטיק אָנצוהויבן פירן א בונדיסטישע ארבעט צווישן דעם קיעווער יידישן פּראָלעטאריאט, זענען איניקע מיטגלידער פון דער אָרגאניזאַציע געקומען דורך דער פּראַקטיק, באַשעפטיגענדיק זיך אומלעגאל מיט רייער קולטורעלער ארבעט צווישן די ידישע ארבעטער און בעלי=מלאכות, איינאָרדנענדיק פאָרלעזונגן מיט דער „כשוף לאטערנע". די „גרופּע יידן=אינטעליגענטן" האָט פאַרפירט א שטענדיקן אויפטראג מיט'ן „בונד" און האָט אָנגעהויבן צו באקומען פון אים יידישע ליטעראַטור, וועלכע מ'האָט אין א גאנץ היבשער צאָל פאַרשפּרייט צווישען די יידישן ארבעטער, וואָס דער קאָמיטעט פון דער פאַרטיי האָט אָרגאַניזירט.

א טייל פון די ארבעטער האָבען זיך געווענדעט צו די מיטגלידער פון דער אָרגאניזאציע מיט דעם פאָרשלאַג צו גרינדן א זעלבסטשטענדיקע בונדיסטישע גרופּע. דער, וועלכער איז געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון די ארבעטער, איז אַרעסטירט געוואָרן, און אייניקע מיטגלידער פון דער אָרגאניזאציע זענען זיך פונאנדערגעפאָרן. פונדעסטוועגן האָט זיך די טעטיקייט פון דער סטודענטן=אָרגאניזאציע נישט אָפּגעשטעלט. פון איין זייט האָבן די אפטע דיסקוסיעס נענטער באקאַנט געמאַכט מיט'ן בונד, און די אָרגאַניזאציע האָט אויף איינע פון אירע אסיפות אָנגענומען א רעזאָלוציע, לויט וועלכער די אָרגאַניזאציע „שטייט צו" צום בונד; וועגן אַנ'אַקטיווער אַרבעט צווישן דער מאַסע האָט די רעזאָלוציע געשוויגן; מ'האָט ארויסגעלאָזט אייניקע פלוגבלעטלאך אין בונדיסטישער ריכטונג אונטער דער אונטערשריפט „די גרופּע פרייהייט", און מ'האָט געקליבן געלט פארן בונד. פון דער אנדערער זייט האָבן זיך אייניקע מיטגלידער סיסטעמאַטיש פארבונדן מיטן בונד, און האָבן אָנגעהויבן צו ארבעטן צווישן די ארבעטער. צום סוף פון פאָריקן אקאדעמישן יאָר איז אין קיעוו שוין געווען א פאַרטיקע בונדיסטישע גרופּע, וועלכע האָט ענערגיש זיך פאַרבונדן מיט די ארבעטער, און וועלכען האָט זיך גענומען צו דער פּראָפּאַגאנדיסטישער ארבעט.

ליידער האָבן די ארעסטן אין אפּריל 1909 איבערגעהאַקט די אָנגעהויבענע ארבעט, ווייל מ'האָט צוגענומען וועגן

דיין סטודענטישע טעמים במעט אַלע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע און אַרעסטירט א וויכטיקן ארבעטער-אגיטאַטאָר. נאָר די אָנגעהויבענע זאַך האָט נישט געקענט אינגאַנצן אָפּשטאַרבן; די בונדיסטישע אידעען זענען פאַרפלאַנצט געוואָרן. אין הערבסט 1903 האָבן זיי פונאַנדערגעבליט. אין הערבסט האָבן זיך די בונדיסטן צו אַלעם ערשטן גענומען צונויפזאַמלען די איבערגעבליבענע מיטגלידער, כדי צו באַנייען די אַלטע פאַרבינדונג.

מ'האָט באַשלאָסן נישט אַרויסצוטרעטן אָפּיציעל, ווילאַנג מ'וועט נישט זיין זיכער, אַז די זאַך שטייט אויף א פעסטן פונדאַמענט, אַז עס איז דאָ די מעגליכקייט צו ארבעטן צווישן דער מאַסע, און אַז צופעליגע אַרעסטן קענען נישט פאַראַליזירן די טעטיקייט פון דער גרופּע.

די ווירקליכקייט האָט אין גיכן באַוויזן, אַז די האָפנונגען, וואָס מ'האָט געלייגט אויף איר, זענען נישט געווען אומזיסט, און פון מיט'ן נאָוועמבער אָן האָט די גרופּע געקענט רעכענען, אַז זי שטייט אויף א רעכטן יסוד און אַז זי איז פעיק צו דער ארבעט. די ערשטע זאַך האָט זי זיך גענומען איינאָרדנען דיסקוסיעס, כדי, ערשטענס, צו באַקענען דורך דעם, דעם קיעווער עולם, בפרט די אָרטיקע סאָציאַלדעמאָקראַטן, מיט דער ליניע פון בונד, און צווייטענס כדי צוצוציען צו דער גרופּע נייע מענטשן, ארבעטער, וועלכע וואָלטן זיך געקאָנט פאַרבינדן מיט די ברייטע קרייזן פון פּראָלעטאַריאַט און בילדן א קאָנטינגענט אגיטאַטאָרן. די דיסקוסיע האָט פולשטענדיק דערגרייכט די געווונטשענע רעזולטאַטן אין ביידע פרטים. די ארבעט פון דער קיעווער בונדישער גרופּע פירן צוויי זעלבסטשטענדיקע טיילן, וועלכע זענען אָבער פאַראייניקט אין א העכערער אינסטאַנץ פון דער גרופּע: איין טייל באַשעפטיקט זיך מיט דער ארבעט צווישן דער אינטעליגענץ, דער אַנדערער—צווישן פּראָלעטאַריאַט. צווישן פּראָלעטאַריאַט זענען פאָרגעקומען פאַר'ן באַריכטס-פּעריאָד א 30 דיסקוסיעס; אייניקע פון זיי זענען געווען פאַר די ארבעטער, וואָס געהערן צו אונזערע קרייזלעך און איינריכטונגען, אַנדערע—אגיטאַציע-דיסקוסיעס, באַ וועלכע ס'זענען געווען ארבעטער אויך פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. 5 דיסקוסיעס פון די אויבענדערמאָנטע זענען פאָרגעקומען מיט ארבעטער—איסקראַוויצעס, אויף וועלכע ס'זענען געווען אינטעליגענטן פון אונזער צד און פון דעם „קאָמיטעטס" צד. 3 דיסקוסיעס זענען פאָרגעקומען מיט די אָרטיקע „פּועלי ציון"; אויך זענען געווען דיסקוסיעס מיט די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן און א סך צופעליגע דיסקוסיעס וועגן אַנדערע פראַגן. מ'קען זאָגן אָן א גוזמא, אַז ס'איז נישט פאָרגעקומען כמעט קיין איין דיסקוסיע, וועלכע זאָל נישט צוציען קיין נייע מענטשן.

אויסער די דיסקוסיעס, אויף וועלכע מ'שטעלט איינצעלנע פראַגן, האָט מען געגרינדעט עטליכע (7—6) קרייזלעך, ווו מ'לערנט מיט די ארבעטער סיסטעמאַטיש לויט א באַשטימטן פּראָגראַם, וואָס א גרופּע פּראָפּאַגאַנדיסטן האָט אויסגעאַרבעט פאַר די ארבעטער. די צאָל קרייזלעך וואַקסט אין דעם ערך, אין וועלכן ס'ווערן צוגעצויגן צו דער גרופּע נייע ארבעטער.

אויך ווערן געגרינדעט נייע ארבעטער-איינריכטונגען אין דעם ערך, ווי ס'פאַרגרעסערט זיך די ארבעט צווישן דער מאַסע.— אין אַפּריל האָט די גרופּע אָרגאַניזירט א שטרייק צווישן די דאַמען-שניידער אויף פּאָדאָל, וועלכער האָט פאַרכאַפּט כמעט דאָס גאַנצע פאַך ביז 200 מאַן. דער שטרייק האָט געדויערט 5 טעג און מ'האָט אים געוווּנען.

מאַסן-פאַרזאַמלונגען זענען געווען דריי, אין וועלכע ס'האָבן זיך באַטייליקט ביז 180 מאַן. נאָר בכלל איז שווער צוליב די פּאָליציי-באַדינגונגען צו מאַכן מאַסן-פאַרזאַמלונגען.

פאַר פסח האָט מען אָרגאַניזירט א באַוואָפנטע זעלבסט-שוץ, וועלכע איז

באשטאנען פון ארבעטער און אינטעליגענטן.

די ליטעראַטור ווערט זייער שטארק פערשפרייט, און דער פארלאנג אויף איר איז זייער גרויס, וויהַלד קען מען נישט אינגאנצן באפרידיקן דעם ליטעראַטור-געברויך, און מען פילט שטארק, אז ס'פעלט ערנסטע אגיטאציע-ליטעראַטור. אויסער דעם האָט מען פערשפרייט פלוג-בלעטלעך פון דער אָרטיקער גרופע, פון צענטראלן קאָמיטעט פון בונד און פון אנדערע בונדיסטישע קאָמיטעכן, וועלכע זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין די ברייטסטע ארבעטער-קרייזן. דעם ערשטן מאי האָט מען צוליב פּאָליציי-באדינגונגען נישט געקענט מאַכן קיין מאַסן-פארזאמלונג, און מ'האָט זיך געמוזט באנוגענען מיט א קליינער פארזאמלונג פון די אָרגאַניזירטע ארבעטער.

די פלוג-בלעטלעך פון בונד צום ערשטן מאַי, אויף יידיש און רוסיש האָט מען פאַרשפרייט איבער דריי טויזנט.

די ארבעט צווישן דער אינטעליגענץ ווערט געפירט, ווי מ'קאָן זען פון די ביז איצטיקע רעזולטאטן, ברייטער. די הויפט-אויפגאַבע פון דער גרופע אין דער ריכטונג איז געווען צו באשאַפן אין קיעוו א באשטימטע בונדיסטישע שטימונג, צו פארשפרייטן די אידעען פון בונד, צווישן דער יידישער און קריסטליכער אינטעליגענץ און, געוויינטליך, צוצוגרייטן מענטשן, וואָס זאָלן ארבעטן פאר'ן בונד. די טעטיקייט פון דער גרופע באשטייט אין דער אָרגאַניזירונג פון דיסקוסיעס, שטענדיקע און צופעליקע, איבער די פראגן פון דעם סאָציאלדעמאָקראַטישען פראָגראם און בפרט, איבער דער אָרגאַניזאַציאָנס-פראגע; אין דער אָרגאניזירונג פון קרייזלעך אויף צו באקענען זיך סיסטעמאַטיש מיט'ן וויסענשאפטליכען סאָציאליזם; און לעזן רעפעראַטן וועגן בונד און וועגן אַנדערע פראגן פאר א גרויסן עולם. זומער האָט זיך צוליב די עקזאַמענס אָבגעשטעלט די ארבעט צווישן דער אינטעליגענץ. אין משך פון דער צייט זענען פאָרגעקומען 8 דיסקוסיעס און „דער בונד און זיין פּאָזיציע" פאר אייגענע מענטשן; דער אַנדערער: „דער ציוניזם און דער יידישער פראָלעטאריאט" — פאר אַ פרעמדן עולם, א מאַן 50.

די ליטעראַטור ווערט פאַרשפרייט אין א גרויסן מאַסשטאב; ס'איז כמעט נישטאָ קיין איין ווינקעל צווישן דער אָרטיקער אינטעליגענטער געזעלשאפט, וו ס'זאָל נישט זיין קיין בונדיסטישע ליטעראַטור.

דאָס, וואָס ס'פעלט אויס ליטעראַטור, איבערהויפט אין דער רוסישער שפראך, פילט מען זייער שטארק, און די גרופע קען בשום אופן נישט צופרידענשטעלן די לעזער.

מער ווי אומעטום ווערט געלעזן די בונדיסטישע ליטעראַטור צווישן דער שטודירענדער יוגנט (אוניווערזיטעט, פּאָליטעכניקום, שולען פאר אקושערקעס, דאנטיסטן-שולן, גימנאזיעס און שולען; דערווייל פעלן נאָך אונמיטעלבארע פארבינדונגען מיט דער אינטעליגענטער געזעלשאפט; דאָס רופט זיך אָפּ הויפטזעכליך אויף דער הכנסה פון דער גרופע. אויף צו זאמלען געלט האָבן די אינטעליגענטע איינריכטונגען אָרגאניזירט פאַרשידענע אונטערנעמונגען, אָוונטן, לאָטעריעס, ספעציעלע נדבות אז"וו.

כדי צו פירן א ברייטע אגיטאציע, לאָזט די גרופע ארויס פראָקלאַמאַציעס, אנדערע וועגן טאָג-פראגן, אנדערע בנוגע צו פראָגראם-פראַגן. פאר דעם באריכט-משך (ביזן 10-טן מאַי) איז געוועזן אזעלכע פלוג-בלעטלעך 8. 1) די פּאָגראָמען פון אונזערע ציוניסטן, 2) צו די שטודירענדע פון די מיטל-שולן, 3) וועגן דער מלחמה, 4) דער „יידישער פראָלעטאריאט און זיין קלאַסן-קאַמף, 5) צו די שניידער, 6) צו דער געזעלשאפט, וועגן דעם שטרייק, 7) וועגן די „אָבלאַוועס", 8) די נצחונות פון רוסישן צאַר.

די פראָקלאמאציעס זענען ארויס אין יידיש און אין רוסיש—די ערשטע 2

און די 7־טע נאָר אין רוסיש. אחוץ דעם האָט די גרופּע אַרויסגעגעבן דעם געלט־באריכט, און אין דער פאָרם פון א בראָשור די איבעָרזעצונג פון פּעליעטאָן אין נומער 1 „בונד“ „א בריף צו בעבעל׳ן“.

אחוץ דער ארבעט אין קיעוו גופא, פאַרשפּרייט די גרופּע איר טעטיקייט אויפ׳ן קיעווער בונדיסטישן ראַיאָן, מיט וועלכען ס׳ווערן אונטערגעהאַלטן פארבינדונגען און ס׳ווערן געמאַכט נייע, ס׳וואָרט געשיקט ליטעראַטור און ווי ווייט מעגליך געלט.

אין פּרילוק און ביעלאיא צערקאָוו זענען שוין דאָ בונדיסטישע אָרגאַניזאַציעס; וועגן דעם סטארעט זיך די קיעווער גרופּע אין ניעזשין, ראָמען, פּערעיאסלאוו, גלוכאָוו, טשערנאָביל, טשערקאַסי און אנדערע.

אין ניעזשין, פּרילוק און ביעלאיאַ צערקאָוו האָט א קיעווער רעפערענט געהאַלטען א רעפעראַט וועגען בונד.

פון 15־טן נאָוועמבער ביז׳ן ערשטן מערץ האָט די גרופּע געהאַט א הכנסה פון 1,138 רוב. 37 קאָפּ.; הוצאות — 1,156 רובל 75 קאָפּ. דעם צענטראַלן קאָמיטעט אָפּגעשיקט 712 רובל. אויפ׳ן גראָדנער שטרייק—50 רובל.

פון דער אדעסער סאצ. דעם. ארגאניזאציע פון „בונד“

די סאָציאלדעמאָקראטישע אָרגאַניזאציע פון דעם אלגעמיינעם „יידישן ארבעטער־בונד אין ליטע, פּוילן און אין רוסלאַנד, איז געגרינדעט געוואָרן מיט 1½ יאָר צוריק. די טעטיקייט פון דער אָרגאניזאציע איז באשטאנען אין פּראָפּאָגאנדא בעל פה און בכתב פון די סאָציאלדעמאָקראטישע אידעען צווישן דעם יידישן פּראָלעטאראט אין אָדעס און אין דער אָנפירונג פון זיין פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאמף. פאר די 1½ יאר, זייט די אָרגאניזאציע עקזיסטירט, האָט זי צוגעצויגן א מאַן 400 יידישע ארבעטער, וועלכע באזובען פארזאמלונגען, וואָס די אָרגאניזאציע רופט צונויף, לעזן סאָציאלדעמאָקראטישע ליטעראַטור, וועלכע די אָרגאניזאציע פארשפּרייט צווישן זיי. א טייל פון די ארבעטער (א מאַן 100) באזוכען קרייזלעך און דיסקוסיעס, ווי מ׳לערנט מיט זיי סיסטעמאַטיש די יסודות פונ׳ם וויסענשאפטליכען סאָציאליזם, קלייבט פונאַנדער פּראָגראַם־פראגן און קאַמפּס־מעטאָדן געגן קאַפּיטאליזם און אין דער זעלבסטהערשענדער רעגירונג.

ס׳קומען פאָר פאַרזאַמלונגען פון איינצעלנע פאכן אָדער אלגעמיינע, ווי ס׳קומען ארבעטער פון פארשידענע פאַכן, אָדער אָרגאניזאציע פארזאמלונגען, ד״ה פארזאמלונגען פון מענטשן, וועלכע שטייען נאָנט צו דער אָרגאניזאציע. צוליב די פּאָליציי־באדינגונגען איז אונמעגליך צו מאכן אפטן אלגעמיינע פארזאמלונגען און מ׳מוז זיך באנוגענען מיט קליינע, פון 15 ביז 50 מאַן.

פון די גרעסערע ויעלן מיר באצייכענען די פאַראַיאָריגע פארזאמלונג פון 150 מאַן, א פארזאמלונג פאר דעם 1־טן מאַי—70 ארבעטער, די פארזאמלונג צום ניי־יאר פון 75, 90 און 30 מאַן. די רעדנער האָבען גערעדט: וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג אין רוסלאנד; וועגן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף אין רוסלאַנד און אין מערב־אייראָפּע; וועגן דעם 1־טן מאַי; וועגן בונד: וועגן דעם בונד׳ס אַרויסטרעטן פון דער רוסלענדישער פארטיי; וועגן די פּאָגראָמען און א. ז. וו.

בנוגע צו ליטעראטור, פאַרשפּרייט די אָרגאניזאציע אלע אויסגאבען פון בונד און אנדערע סאָציאלדעמאָקראַטישע ליטעראַטור. אויסער דעם האָט די אָרגאניזאציע אליין ארויסגעגעבן פאר דער צייט, וואָס זי עקזיסטירט, 14 פּראָקלאמאציעס און 36 טויזנט עקזעמפּלארן.

מיר וועלן באצייכענען די פּראָקלאַמאציעס וועגן דער מאַניפעסטאציע, וועלכע אונזער אָרגאניזאציע האָט געמאַכט אין די בתי־מדרשים בעת׳ן לעזן דעם צארישן מאַניפעסט דעם 26־טן פעברואר 2903; וועגן דעם קישינעווער

פּאָגראָם; וועגן משפּט איבער די ראָס־
מאָוועצעס; וועגן די פּאַסירונגען אין יו־
לי; וועגן דער מלחמה; וועגן דער אר־
בעטסלאָזיגקייט; עטליכע אויפרופען צו
דער אינטעליגענץ וכדומה.

הכנסה האָט די אָרגאַניזאַציע גע־
האַט פאַר די לעצטע 8 חדשים ביז 700
רובל.

חשם לעצטן ערשטן מאי האָבן גע־
פייערט א מאן 200. אונמיטעלבאר
פארן ערשטן מאַי, אזוי ווי מ'האָט
שטארק געפירט וועגן א פּאָגראָם, האָט
אונזער אָרגאַניזאַציע אָרגאַניזירט א
זעלבסטפאַרטיידיקונג, אין וועלכער
ס'האָבן אַנטייל גענומען א מאן 400,
שוין צוזאמען מיט דער מיטפילענדער
אינטעליגענץ.

צום אינטערנאציאָנאַלן קאָנגרעס פון וועבער און שפּינער אין בערלין.

(באַריכט פון ביאַליסטאָקער כאָציאַל-דעמאָקראַטישן קאָמיטעט פון דעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער-בונד אין רוסלאַנד און פּוילן)

טייערע חברים!

אונזער שטאָט ביאַליסטאָק פאַרנעמט אַ גרויסן אָרט אין דער טוך-פּראָדוקציע פון רוסלאַנד. אין ביאַליסטאָק און אירע אַרומיקן געגענט געפינט זיך נאָנט פון 200 פאַבריקן מיט אַנ'אַרבעטער-באַפעלקערונג ביז 20.000 מענטשען. לויט די אָפיציעלע ציפערן האָט די פּראָדוקציע מיט 10 יאָר צוריק באַטראָפן 500.000 רובל. אין די לעצטע יארן האָט זי זיך, פאַרשטייט זיך, אויף אַ סך פאַרגרעסערט. די פּראָדוקציע פירט זיך ביי אונז כמעט נאָך אויף די אַלטע אופנים, גרויסע פאַבריקן מיט 500 — 300 אַרבעטער און מער, זענען דאָ לפי ערך זייער ווייניק. אינ'ם גרעסטען טייל פאַבריקן געפינען זיך נאָר צו עטליכע צענדליק וועבשטולן. קליינע פאַבריקן, וועלכע האָבן נאָך ווייניקער ווי צו צען וועבשטולן, זענען פאַראַן זייער פיל. אַ חוץ דעם זענען אין אונזער געגענט פאַראַן די אַזוי גערופענע „לוינקעטניקעס“, אָדער פאַרטיטלער. אין איין ביאַליסטאָק אַליין געפינען זיך ביז 200 „לוינקעטניקעס“. וועגן זיי וועלן מיר נאָך ווייטער רעדן, ווייל זיי זענען אינטערעסאַנט נישט בלויז מיט דעם, וואָס דורך זיי באַקומט די גאַנצע היגע וועבער-אינדוסטרי ווי מ'זאָגט אַנ'אַלטפרענקישן כאַראַקטער, נאָר אויך דערמיט, וואָס זיי האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אונזער אַרבעטער-באַוועגונג.

די היגע פּראָדוקציע איז מעכאַניש נישט זייער אַנטוויקלט. נאָר אין די שפּינערייען און אַפּפּרעטור-פאַבריקן, (דאָס הייסט, די פאַבריקן, ווו מ'אַרבעט די פאַרטיקע סחורה, ווו מ'גיט איר צו אַ שיינעם, אַ ריינעם פּנים) געפינען זיך דאַמף-מאָטאָרן און פאַרשידענע נייע אויסגעבעסערטע מאַשינען. אין די וועבערייען געפינען זיך אָבער מערסטענטייל האַנד-וועב-שטולן, נאָר די גרויסע פאַבריקן, וועלכע געהערן ס'רוב צו דייטשן, אַרבעטן אויס העכערע, בעסערע סאָרטן געוואַנד, די איבעריקע פאַבריקן אַרבעטן אויס איינפאַכע פּראָסטע סחורות.

די שפּינערייען און וועבער-פּראָדוקציע איז צווישן די נאַציעס אַזוי צוטיילט: גאָר די גרויסע פאַבריקן געהערן צו די דייטשן, און די קלענערע — די יידן. די לוינקעטניקעס זענען כמעט אַלע יידן. און די פאַבריקן, וועלכע געהערן צו קריסטן, אַרבעטן בלויז קריסטן: דייטשן און פּאָליאַקן. ביי די יידישע פאַבריקאַנטן און לוינקעטניקעס פון ביאַליסטאָק, אַרבעטן (נאָנט פון 2.000) יידן און קריסטן.

די סאַניטאַר-באַדינגונגען זענען אין די פאַבריקן זייער שלעכט אָוועקגעשטעלט

די פאַבריקס־לאָקאַלן זענען קליין און ווענטילאַציעס איז נישטאָ; די אַטמאָספערע איז אָנגעפילט מיט שטויב; די באַלייכטונג איז אַ שלעכטע, אויך די מעדיצינישע הילף פאַר די אַרבעטער געפינט זיך אין אַ טרויריקן צושטאַנד, נישט קוקענדיג אויף די אַלטע געזעצן, וואָס עקזיסטירן וועגן איר. לויט די געזעצן, מוז אויף יעדע פאַבריק זיין אַ ספּעציעלער דאָקטאָר, און סדאַרף אויך זיין אַ ספּעציעל־איינגעריכטעטער צימער ווי מזאָל אויפנעמען די קראַנקע. אויף יעדע הונדערט קראַנקע מוז די פאַבריק אויסהאַלטן אַ בעט פאַר אַ קראַנקן. אין דער אמתן אָבער געפינט זיך דאָס אַלץ נישט מער ווי אויפן פּאַפּיר. דער פאַבריקאַנט צאָלט עפּעס אַ קלייניקייט אַ פּריוואַט־דאָקטאָר, וועלכער באַנוגענט זיך מיט דעם קליינעם געהאַלט נישט מער דערפאַר, וואָס מ'פאָדערט פון אים אויף זער ווייניק. אַמאָל אין פיר וואָכן פאָרט ער זיך אַריין אויף עטליכע מינוט אַרומקוקן די פאַבריק. און די קראַנקע, וועלכע ווענדן זיך צו אים, נעמט ער צו אַזוי, אַז זיי באַרזאָגן שוין אַ צעגטן זיך מער נישט צו פרעגן. ס'איז קיין וואונדער נישט, וואָס ער באַגייט זיך אַזוי מיט די קראַנקע. סהאָט פּאַסירט, אַז איין דאָקטאָר פלעגט פאַרנעמען דעם פּאָסטן אַלס פאַבריק־דאָקטאָר אויף 15 ערטער מיט אַמאָל אין איין צייט... די קראַנקע נעמט מען גאַנץ אָפט צו אין אַנ'ענגען שמוציקן און האַלב פינסטערן צימערל, אין וועלכן ס'איז פול אָנגעוואָרפן מיט סחורה.

די וועבער־אינדוסטרי עקזיסטירט שוין אין ביאַליסטאָק העכער 55 יאָר. אין משך פון די יאָרן האָט זי שוין איבערגעלעבט אי גוטע אי שלעכטע צייטן, אָפּהענגיק דערפון, וואָס אַנ'אָפּזאַץ אירע סחורות האָבן געהאַט, ווי גרויס ס'איז געווען דער קרעדיט און די געלט־פאַנדן. דער בעסטער פּעריאָד פאַר דעם ביאַליסטאָקער ראַיאָן איז געווען, בעת דער רוסיש־טערקישער קריג 77—1878, סחורות פאַר דער אַרמיע, און דערצו איז דאַמאָלס געווען אָפּן די רומענישע גרענעץ און מ'האָט דאָרטן אויך געקאָנט פריי אָפּזעצן די סחורות. די שלעכטע פּעריאָדן זענען געווען אין 1896־טן יאָר און אין האַיעריקן 1899—1900־טן יאָר.

אין די זיבעציקער יאָרן פון הײַנטיקן יאָרהונדערט האָט די צאָל צוגעקומענע אַרבעטער פון דייטשלאַנד און פּוילן אָנגעהויבן ווייניקער צו ווערן. אַזוי ווי גראָדע אין יענער צייט זענען צוגעקומען נייע מערק ווו אָפּצוזעצן סחורות, און די פּראָדוקציע האָט זיך אָנגעהויבן פאַרגרעסערן, איז טאַקע געוואָרן אַ דוחק אין אַרבעטער־כוחות. די פאַבריקאַנטן האָבן פאַרגעלייגט די מער געניטערע אַרבעטער זיי זאָלן צונעמען לערניונגלעך, אויסלערנען זיי די מלאָכה, און מיט זייער הילף אויסאַרבעטן ביי זיך אין שטוב סחורה, וועלכע ער, דער בעלהבית, וועט אַרויסגעבן. אויף אַזאַ אופן איז ער געוואָרן אַ פאַרמיטלער. דעם לערנ־יונגעל האָט ער געצאָלט זער ווייניק און פלעגט ביי יעדן פאַרדינגען ביז 15 רובל אַ חודש. צוליב אַזאַ גרויסער פּרנסה האָבן זיך אַסך אָנגעכאַפּט פאַר „לוינקעטניקעס", או די צאָל פון די „לוינקעטניקעס" איז געוואַקסן און אויך מיט זיי די צאָל פון די לערניונגלעך, ד. ה. וועבער. און נאָך איצטער, ווען די ערשטע סבה, וואָס איז געווען אַ שטערונג פאַר די „לוינקעטניקעס", דאָס הייסט דער דוחק אין אַרבעטער, איז שוין לאַנג באַזייטיקט, דערגרייכט, פונדעסטוועגן, נאָך ביז הײַנט, ווי מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן, די צאָל פון לוינקעטניקעס אין ביאַליסטאָק אַליין, ביז 200 מאַן. נאָך איצטער ווענדען זיך צו זיי אַסך פאַבריקאַנטן, ווען זיי ווילן פאַרגרעסערן די פאַבריקאַציע, ד. ה. די פּרנסה, נישט פאַרמערענדיק די הוצאות אויף צו פאַרגרעסערן די פאַבריק, אויף נייע שטולן און א. ז. וו. און נאָך איצטער צאָלן די לוינקעטניקעס די אַרבעטער אויף 1½—2 קאָפּיקעס פון מאַטיק ביליגער ווי מ'צאָלט אין פאַבריק, און מער נישט ווי דאָס, גיט זיי די מעגליקייט צו עקזיסטירן. כמעט אַ

העלפט פון די יידישע וועבער אַרבייטען
ביי די לוינקעטניקעס. דער לוין האָט זיך
געביטען אין פאַרשידענע פעריאָדן. אין
די בעסטע צייטן, ווען די געשעפטן זענען
געגאַנגען לעבעדיק, האָבן די אַרבעטער
גענומען בײַ די פאַבריקאַנטן ביז 13 קאָ=
פּיקעס פון מאָטיק און פלעגן פאַרדינען
ביז 20 רובל אַ וואָך. אין ערגערע מאָ=
מענטן איז דער לוין בײַ די לוינקעטני=
קעס געפאַלען ביז 4 קאָפּ. פון מאָטיק,
ד. ה. ביז 3 רובל אַ וואָך (1896 און
1897 יאָר). אין די לעצטע יאָרן איז
דער לוין און איבערהויפּט די לעבענס=
באַדינגונגען פון די אַרבעטער געוואָרן
פיל בעסער; דאָס האָבן זיי דערגרייכט
דורך דעם שטענדיקן ענערגישן קלאַסן=
באַוווסטזיין און אָרגאַניזירטן קאַמף
וועלכן זיי פירן מיט די בעליבתים. צו=
ליב דעם וואָס דער קלאַסן=באַוווסטזיין
האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די אַרבע=
טער, זענען פאָרגעקומען אַ גאַנצע רייע
שטרייקן ביי וועלכע ס'זענען אַרויסגע=
רוקט געוואָרן די פאָדערונגען: פערגרע=
סערן דעם לוין און פערקלענערן דעם
אַרבעטס=טאָג. פריער, למשל אין יאָר
1897, פלעגן אויך פאָרקומען שטרייקן.
זיי זענען אָבער נישט געווען אָרגאַניזירט,
און דעריבער אויך נישט פרוכטבאַר,
אַנשטאָט אין די לעצטע יאָרן באַקומען
די שטרייקן אַלץ מער און מער אַ קלאַסן=
באַוווסטן כאַראַקטער. באַזונדער וויכטיק
זענען די צוויי גרויסע שטרייקן, וועלכע
זענען פאָרגעקומען אין 1898=טן יאָר.
דער ערשטער איז געווען צוליב דעם,
וואָס די אַרבעטער האָבן געפאָדערט בײַ
די לוינקעטניקעס אַ הוספה פון 1 קאָפּ.
אויפן מאָטיק (אַנשטאָט 6 — 7). דער
שטרייק האָט געדויערט אַ וואָך און —
דער סוף איז געווען אַ פאָלשטענדיקער
נצחון פון די אַרבעטער. דאָס איז גע=
ווען אַ דאַנק דעם, וואָס גראַדע אין דער
זעלבער צייט האָט מען ערוואַרט דאָס
קומען פון קיסר אַליין קיין ביאַליסטאָק;
האָט זיך טאַקע די פּאָליציי באַמיט, אַז
דער שטרייק זאָל זיך וואָס גיכער פאַר=
ענדיקן, און זי האָט זיך אַליין געשטעלט
אויף די אַרבעטערס צד... דורך דעם

שטרייק האָבן די אַרבעטער אויסגעפירט,
אַז דער אַרבעטס=טאָג זאָל דויערן נאָר
12 שעה, פון 7 פרי ביז 7 פאַרנאַכט,
און אין דער צייט, אַ שעה מיטאָג און
2 האַלבע שעה'ן, אָנבייסן און וויעטשע=
רע.

דער אַנדער גרויסער שטרייק איז
פאָרגעקומען צוליב די פאָדערונגען:
מ'זאָל ווידער פאַרהעכערן דעם לוין פון
7 אויף 8 קאָפּ. פון מאָטיק. די אַרבע=
טער האָבן איינמאָל פאַר אַלעמאָל גע=
וואָלט פּטור ווערן פון דעם מין „לוינ=
קעטניקעס", וועלכער זיצט אויף זייערע
פּלייצעס, ווי אַנ'איבעריקער פּאַראַזיט
און בײַ וועלכן אי די שכירות זענען קלע=
נער, אי אַלע איבעריקע באַדינגונגען
פון דער אַרבעט זענען פיל ערגער, ווי
אין די פאַבריקן. פּטור ווערן פון זיי,
האָבן די אַרבעטער גערעכנט, וועלען זיי
נאָר דורכדעם, וואָס זיי וועלן ביסלעכ=
ווייז פאַרגרעסערן דעם לוין ביי די לוינ=
קעטניקעס, ביז דער אונטערשיד פון די
שכירות בײַ זיי און אין די פאַבריקן
וועט ווערן אַזוי קליין, אַז זיי, די לוינ=
קעטניקעס, וועלען נישט האָבען פון וואָס
צו לעבן. דער שטרייק האָט געדויערט
גיין וואָכן, דערביי זענען פאָרגעקומען
שרעקליכע פערפאָלגונגען מצד דער
זשאַנדאַמעריע און פּאָליציי. די אַרבע=
טער האָט מען הונדערטערוויז אַרע=
סטירט, פאַרזעצט אין די טורמעס און
אַרויסגעשיקט פון ביאַליסטאָק. פּאָליציי
פלעגט צונעמען בײַ די פאַרבייגייער אין
גאַס די שפּאַציר=שטעקנס. פּאָליציי,
זשאַנדאַרמען און שפּיאָנען פלעגן פאַר=
פלייצן די גאַסן. און דאָס אַלץ האָט זיך
אָבגעטון דאַן, ווען די שטרייקנדע האָבן
זיך פאַרהאַלטן רואיק און שטיל. דער
שטרייק האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסן טומל.
פון דער גובערנסקער שטאָט גראָדנע זע=
נען אָנגעקומען דער גובערנאַטאָר און
דער גובערנסקער פאַבריק=אינספּעקטאָר,
פון פּעטערבורג ווידער זענען געקומען
דער הויפּט=פאַבריק=אינספּעקטאָר מיט
6 זשאַנדאַרמען. נאָר ס'איז געווען אונ=
מעגליך צוצוברעכן די ענערגיע און די
שטאַרקייט פון די אַרבעטער. די שטריי=

…קענדע האָט מען אויסגעהאָלפֿן מיט געלט. די הויפּט־שטיצע איז געווען פֿון די איבעריקע ביאַליסטאָקער אַרבעטער. צום סוף ווען ביידע צדדים זענען שוין געוואָרן פֿערמאַטערט קעמפענדיק, האָבן זיי אָנגעהויבן איינע די אַנדערע נאָכצוגעבן, און זיי זענען סוף כל סוף איינגעגאַנגען אויף אַ פּשרה. דעם ערשטן סעפּטעמבער האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די אַרבעט צו 7½ קאָפּ. פֿון מאַטיק.

דער הויפּטציל פֿון קאַמף — פּטור צו ווערן פֿון די לוינקעטניקעס, איז כמעט דערגרייכט געוואָרן: 200 שטולן זענען אַריבער פֿון די לוינקעטניקעס אין די פֿאַבריקן אַריין, און די צאָל פֿון די לוינקעטניקעס האָט זיך פֿאַרקלענערט ביז 30 — 40 מאַן. און אויך די לאַגע פֿון די אַרבעטער באַ די לוינקעטניקעס האָט זיך אויף אַזאַ אופֿן פֿאַרבעסערט. דער אונטערשיד פֿון די שכירות ביי זיי און די פֿאַבריקאַנטן איז געוואָרן 2½ קאָפּ. פֿון מאַטיק. באַ אַזאַ לאַגע וואָלט שוין געקלעקט איינער אָדער צוויי אַזעלכע שטרייקן, אום אינגאַנצן פּטור צו ווערן פֿון דער „לוינקעטניקעריי", פֿון דער אַלטפֿרענקישער פֿאָרמע, וועלכע האָט אין דער איצטיקער צייט קיין שום זין נישט; די אַרבעטער־באַוועגונג פֿון אַלע ביאַליסטאָקער וועבער וואָלטן געוואָרן גלייכע, און דורך דעם, וואָלט שוין דער ווייטערדיקער קאַמף ממילא געווען פֿיל איינפֿאַכער און גרינגער.

נאָר, ליידער, האָט זיך אין דער לעצטער צייט אָפּגעשטעלט די אַנטוויקלונג פֿון אונזער אַרבעטער־באַוועגונג און איר פֿאָרטשריט צוגלייך מיט דער פֿאַרברייטונג פֿון דעם קלאַסן־באַוווסטזיין צווישן די אַרבעטער צוליב דעם איצטיקן אינדוסטריע־קריזיס, וועלכער הערשט שוין פֿון פֿאַריקן זומער אָן אין דער גאַנצער פּראָדוקציע פֿון ביאַליסטאָק און דער אומגעגנט.

שוין באַלד אַ יאָר, אַז דער דאָזיקער קריזיס האָט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט אונזער אינדוסטריע. די פֿאַבריקאַנטן האָבן, איינער נאָכן אַנדערן, אָנגעהויבן צו באַנקראָטירן; זיי האָבן, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, געהאַט זייער ווייניק אייגען געלט, נאָר זיי האָבן געפֿירט זייערע געשעפֿטן כמעט אינגאַנצן אויף קרעדיט. דערצו האָבן זיי נאָך געלעבט נישט לויט זייער קעשענע נאָך: איינער פֿלעגט וועלן איבעריאָגן דעם צווייטן אין רייכקייט. באַווייזן זיך מיט וואָס מער קליידער, שענערע וווינונגען, קאַרעטעס און פֿערד צום שפּאַצירן א. אַ. וו.

זיי האָבן שפּעקולירט אויף פֿרעמד געלט און פֿלעגן עס פֿאַרשווינדלען נאָר אָן אַ זין. און מיר, די אומשולדיקע קרבנות פֿון זייער משוגענער שווינדלעריי, זענען איצט געבליבן אָן אַרבעט, און מיר ליידן דורך דעם די שרעקליכסטע צרות.

פֿיל אַרבעטער זענען ביי זיך זייער אַראָפּגעפֿאַלן. אין יענע פֿאַבריקן, וואו די אַרבעט האָט זיך נאָך דערווייל נישט אָפּגעשטעלט, האָבן זיך די בעלי־בתים אויך אָן יושר, באַנוצט מיט דער טרויעריקער לאַגע פֿון די אַרבעטער כדי צו פֿאַרקלענערן זייער שכירות.

הונדערטער אַרבעטער גייען אַרום אין די הייזער בעטלען נדבות. די אָרעמקייט איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז בעת אונזער היגע בורזשואַזיע האָט געעפֿנט אַ ביליק יידישע קיך וואו אַ מיטאָג קאָסט פֿיר קאָפּעקעס, האָבן פֿיל אַרבעטסלאָזע נישט געקענט צאָלן אַפֿילו די דאָזיקע קליינע סומע און האָבן געמוזט בעטן די אַדמיניסטראַציע פֿון קיך, מ'זאָל זיי געבן מיטאָג אומזיסט. אַזוי איז ביזן חודש מאַי פֿון היינטיקן יאָר אַרויסגעגעבן געוואָרן הונדערט פֿופֿציק מיטאָגן טעגלעך אינגאַנצן אָן געלט.

ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז די ביאַליסטאָקער אַרבעטער זענען אויך נישט באַפֿרייט פֿון די באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבט נאָך דער גאַנצער אַרבעטער־קלאַס אין רוסלאַנד. זיי האָבן נישט קיין שום מענטשליכע און בירגערליכע רעכט; די רעגירונגס־פֿאַרשטייער טוען מיט זיי, וואָס זיי ווילן נאָר. אויף טריט און שריט באַגעגנט מען זיך מיט דער ווילדער גראָבקייט און פֿאַלשקייט פֿון דער פּאָלי־

ציי, זשאַנדאַרמעריע, פאַבריק-אינספּעקציע און אַנדערע גרויסע לייט.

עס איז גענוג, אַז ערד, אַז איינער אָדער צוויי לוינקעטניקעס אָדער סתם שפּיאָנען זאָלן אָנווייזן אויף אַן אַרבעטער, אַז ער איז אַ „בונטאָווטשיק" און ער ווערט שוין אַרעסטירט, פאַרשפּאַרט אין טורמע און אַפילו פאַרשיקט קיין סיביר.

אַנשטאָט אַ ריכטיקן יושרדיקן משפּט, הערשט אומעטום אַן אומבאַגרענצטער ווילקיר. ס'איז אַפילו געוואָרן ביז גאָר נאַטירליך, די פּאָליציי זאָל טון, וואָס איר ווילט זיך נאָר. דאָס פּאַסירט אַפילו ביי די וויכטיקסטע ווי, למשל ביי דער פאָלגענדיקער געשיכטע, וועלכע וועט אונז, אַגב, גלייכצייטיק באַווייזן, ווי שאַרף ס'איז געווען דער קאַמף צווישן די אַרבעטער און די לוינקעטניקעס.

די געשיכטע איז פאָרגעקומען אַזוי: אין מערץ 1899-טן יאָר האָט מען געפונען אין גאַס אַ לוינקעטניק, אַ געהרגעטן. אויף אים, און אויף נאָך עטליכע פון זיינע חברים, האָבן די אַרבעטער געטראָגן אַ שטאַרקע שנאה אין האַרץ; פאַר זייער שפּיאָנעריי און מסירות, איבער וועלכע מ'האָט פאַרשיקט אייניקע חברים. ס'האָבן זיך געפונען עטליכע אַרבעטער, אין וועלכע ס'האָט געברענט די נקמה פאַר זייערע חברים, און האָבן געהרגעט איינעם פון די לוינקעטניקעס, נישט דערציילענדיק וועגן דעם די איבעריקע חברים פון זייער אָרגאַניזאַציע, וועלכע וואָלטן צוליב זייערע פּרינציפּן נישט דערלאָזט צו דעם פאַרברעכן. די, וועלכע האָבן געהרגעט דעם לוינקעטניק, האָט מען נישט געפונען, נאָר אַנשטאָט זיי, האָט מען לויטן אָנווייזונג פון די לוינקעטניקעס, אַרעסטירט מענטשן, וועלכע האָבן צו דער מעשה גאָר קיין שום שייכות נישט געהאַט, און אָן אַ וועלכער ס'איז אויספאָרשונג און משפּט, אָן ראיות און עדות, האָט מען זיי אָפּגעהאַלטן אַ יאָר צייט אין טורמע און דערנאָך אַרויסגעשיקט קיין סיביר.

נישט קוקנדיק אויף די שרעקליכע באַדינגונגען, אין וועלכע אַ מערב-אייראָפּעישער מענטש, אַנ'ערצויגענער אין געזעצליכקייט און בירגערליכקייט, וועט זיך במעט גאָרנישט קענען פאָרשטעלן — נישט קוקנדיק אויף דעם, — איז דאָך דער ביאַליסטאָקער יידישער וועבער אַ העלד אין רוסלאַנד, אַ ליכטיקער שטראַל אין דער אַרומיקער פינסטערניש, לויט זיין באַוווסטזיין און ענערגיע, מיט וועלכער ער האָט געקעמפט כדי צו פאַרבעסערן זיין לאַגע און צו דערגרייכן מענטשלעכע רעכט.

ער האָט זיך נישט גאָר אויסגעלערנט צו זען אין זיינע בעלי-בתים עקספּלואַטאַטאָרן, ער פאַרשטייט נישט נאָר זיינע עקאָנאָמישע אינטערעסן און ווייסט ווי אַזוי צו פאַרהיטן; נאָר ער האָט אויך אַדורכגעשטודירט אַ גוטע פּאָליטישע שול. ער האָט דערזען, אַז זייערע ערשטע שונאים זענען די זעלבסטהערשענדיקע רעגירונג און אירע באַאַמטע. אַ שטענדיקע רעגעלמעסיקע אָרגאַניזאַציע איז, פאַרשטייט זיך, אוממעגליך צווישן זיי, בײַ אַזעלכע פּאָליציי-באַדינגונגען, נאָר יענע איינריכטונגען, וואָס זענען צווישן זיי פאַראַן, זענען אַזוי צוגעפּאַסט געוואָרן צו די אַרומיקע באַדינגונגען, אַז זיי קענען זיך גוט צוהערן צו אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין דער מאַסע, און מיט פאַרשידענע מיטלען (מיט דער אויסנווייניקסטער אַגיטאַציע, מיט אין דער רעכטער צייט אַרויסלאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע, אַ בלעטל און אַז. וו.) פאָרמולירן און פאַראייניקן אַלע אירע באַדערפעניש און פאָדערונגען און באַמיען זיך מיט אַלע כחות צו העלפן, אַז איר קאַמף זאָל זיין אַלץ מער און מער צוועקמעסיקער.

שטייענדיק אויפן באָדן פון סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּרינציפּן, וועלכע זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך די גרויסע לערער פון'ם אַרבעטער-קלאַס, דורך מאַרקס און ענגעלס, — פּרינציפּן, אויף וועלכע ס'איז געבויט געוואָרן די דייטשע סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטיי און די יונגע נאָך שוואַכערע רוסלענדישע ס. ד.

פ. — באַמיען זיך דער ביאַליסטאָקער יידישער וועבער־קאָמיטעט און דער ביאַליסטאָקער סאָציאַלדעמאָקראַטישער קאָמיטעט פון דעם אַלג. יידיש. אַרב. בונד אין רוסלאַנד און פוילן צו אַנטוויקלען צווישן די יידישע אַרבעטער אין ביאַליסטאָק באַוווסטזיין און פּאָליטישן פאַרשטאַנד.

זיי לאָזן נישט פאַרפירן די אַרבעטער דורך דער נאַציאָנאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע פון די ציוניסטן, איבערגעבן זיך דעם געדאַנק וועגן דער אָפּטיילונג פון פוילן, (וועלכע ס'פּראָפּאַגאַנדירט דער פוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטײ *), אויך דערלאָזן זיי נישט די אַרבעטער אָפּנאַרן זיך דורך דער יעזואיטישער פּאָליטיק פון דער אָרטיקער פּאָליציי, וועלכע האָט צייטנווייז גאָר חשק זיך אַרויסצושטעלן פאַר דעם אַרבעטערס פריינד. און געוויס וועט קומען דער טאָג, ווען ס'וועט פאַלן די קייזערליכע זעלבסטהערשונג, וועלכע ליגט אויף אונז ווי אַ שווערער יאָך, וועלכע איז אַ שטענדיקער שטן פאַר דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַלדעמאָקראַטיע און איהרע פאַרטשריטן, און וועלכע ווירקט אַזוי שעדלעך אויף די איבעריקע אייראָפּעאישע רעגירונגען, וועלכע שטיצט די רעאַקציע פון דער גאַנצער וועלט.

עס זאָל לעבן די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַלדעמאָקראַטיע!

נידער מיט דער רוסישער צאַרישער זעלבסטהערשונג און מיט אירע אַלע פינסטערע כחות פון דער רעאַקציע!

דער ביאַליסטאָקער יידישער
וועבער־קאָמיטעט.

דער ביאַליסטאָקער סאָצ. דעמ.
קאָמיטעט פון דעם אַלגעמיינעם
יידישן אַרבעטער בונד אין
רוסלאַנד און פוילן.

יולי 1900 יאָר.

---

*) נאָכן באשלוס פון 3־טן קאָנגרעס פון אונזער „בונד“: דאַרפן מיר שרייבן וועגן דער נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע און וועגן פ.פ.ס. נאָר אין דער אָפּטיילונג „דיסקוסיע“. אָבער דער באַריכט איז אַן אָפיציעלער דאָקומענט פון אונזער ביאַליסטאָקער קאָמיטעט, וועלכן מיר האָבן קיין רעכט נישט צו ענדערן.
רעד.

אנ'אויפרוף פון צ. כ. פון „בונד" וועגן זובאטאוו'ן.

צו אלע יידישע ארבעטער און ארבעטערינס.

שוין צוויי יאר ווי איינער פון די נידערטרעכטיקסטע צארישע דינער ווענדעט אן זיינע אלע קרעפטן צו פאראליזירן און פארניכטן די ארבעטער-באוועגונג אין רוסלאנד בכלל און אונזער יידישע באוועגונג בפרט; 2 יאר דערמאנט מען טאג-טעגליך דעם פארפלוכטן נאמען זובאטאוו; 2 יאר זענען אונזערע שטעט און שטעטלעך באלאגערט מיט זיינע שפיאנען, וועלכע, ווי די הונגעריקע וועלף, רייסן ארויס פון אונזערע רייען אונזערע ברידער-קעמפער און ווארפן זיי אריין אין פינסטערע, פייכטע טורמעס, ווי מ'באגייט זיך מיט זיי שרעקליך און ווו זיי שטעקן זיך אן מיט פערשידענע קראנקהייטן. וויפיל אומשולדיקע, גאר זייטיקע מענטשען זענען דורך דער צייט אומגליקליך געווארן! וויפיל פרויען זענען געבליבן אן מענער. קינדער אן פאטער'ס! וויפיל צרות האט אנגעמאכט אט דער פרייער קייזערליכער הונט! וויפיל קללות שיטן זיך אויף זיין קאפ!

און אט דער מענטשן-אויסוואורף, דער מנוול, וועלכער קען זיך נישט אנזעטיקן מיט פרעמדע צרות, וועלכער ווייסט נישט פון קיין הייליקייט, וועלכער האט פארקויפט, און איז נאך איצטער יעדע מינוט גרייט צו פארקויפן פאר א קייזערליכן „ארדער", פאר א העכערן „טשין" זיין נאענטסטן פריינד, זיין אייגענעם ברודער; — אט דער מענטש איז מיט אמאל אונזער פריינד געווארן! ער האט זיך גאר מיט אמאל ערקלערט פאר דעם בשורה-מאכער צווישן אונז און דער רוסישער זעלבסט-הערשענדיקער רעגירונג.

„די רעגירונג — זאגט זובאטאוו — קלערט נאר וועגן דעם ארבעטערס טובה, זי האט גארנישט געגן דעם, וואס די ארבעטער שטרעבן זיך צו פערבעסערן זייער עקאנאמישע לאגע". דאס איז די זעלבע רעגירונג (האט, ברידער, קיין מורא נישט), וועלכע האט געשאסן ארבעטער אין לאדז, דאמבראווע, יאראסלאוו; וועלכע האט מיט א פאר מאנאטן צוריק אין ווארשע צויאגט מיט „נאהייקעס" אונזערע ברידער, וועלכע איז מיט א פאר וואכן צוריק שרעקליך באפאלן די ארבעטער אין ווארשע, דערפאר, וואס זיי האבן זיך ערלויבט צו בעגלייטן אין לעצטן וועג זייער א ברודער, א מיטקעמפער; וועלכע ווייסט נאר ראבעווען, רייסן, שמייסן; וועלכע... נאר וואס נאך זאלן מיר דא אויסרעכענען? צי ווייסט דען נישט יעדער פון אונז, וואס פאר א גוטער פריינד די רעגירונג איז אונז! צי דען דערוועקט זיך נישט בא יעדן רעוואלוציאנער א האס צו דער רעגירונג, וועלכע לאזט זיך נישט עטעמען, וועלכע לאזט זיך נישט א קער-טאן, וועלכע פארשקלאפט מיט שווערע קייטן יעדן טריט און שריט!...

אט די אזיאטיש-ווילדע זעלבסט-הערשונג, דארפן מיר פון היינט אן רעכענען פאר אונזער פריינד, און איר טרייען דינער זובאטאוו'ן — פאר אונזער מליץ-טוב. קומט דאס אייך נישט, ליבע ברידער און שוועסטער אויפ'ן זינען? ניין?

„ווי קען מען דאס גלויבן אזא נידערטרעכטיקן מענטשן ווי זובאטאוו, קלערט איר? ווי קען מען גאר מיט אזא ארבע-

מער־פרעסער, אײנ'םעמה'ן? א שאנדע דעם, װער ס'האט צוטון מיט אזא אויסװאורף, דאס מוז זײן אזא מענטש, װאס פערשטײט ניט װעמען ער האט פאר די אויגן. דער װאס טוט עס אין פולן זינען — איז ניט אונזער ברודער מער, דער האט שוין אנדערע געדאנקען אין קאפּ.

מיר טראכטן אויך אזוי. אנ'אמת'ער רעװאלוציאנער, אנ'אמת'ער ארבעטער־פרײנד קען ניט זײן דער, װעלכער איז אײנשטימיק מיט זובאטאװ'ן — און ממילא אויך מיט דער רוסישער רעגירונג. דארטן װו עס הײבט זיך אן זובאטאװ'ס גוטפרײנדשאפט, דארט ענדיקט זיך די רעװאלוציאנערע איבערגעגעבנקײט.

אונזערע אינטערעסן און די אינטערעסן פון דער רעגירונג זענען קעגנזעצליך; אונזער ציל איז אינגאנצן צו פארניכטן די זעלבסטהערשונג און מיר װעלן ניט אװעקלײגן דאס געװער ביז װאנען מיר װעלן ניט דערגרײכן דעם ציל. און דעריבער קאן קײן רײד ניט זײן צװישן אונז און דער רעגירונג אדער אירע פארשטײער. יעדער רעװאלוציאנער, װעלכער טרעט ארײן אין װעלכע ניט איז באציונגען מיט זובאטאװ'ן אדער אנדערע שפיאנען פון זײנעם גלײכן, ברענגט נאר שאדן די ארבעטער־אינטערעסן און פארלירט דאס רעכט צו טראגן דעם נאמען „רעװאלוציאנער“.

מיר טארן אים, זובאטאװ'ן, קײן זאך ניט צוזאגן, קײן זאך ניט אנטדעקן, ניט נעמען פון אים קײן געלט, ניט שרײבן אים קײן בריװ, ניט בעטן אים קײן שטיצע, א. ד. ג. מיט דעם אלעם װיל ער אונז ארײנציען אין זײנע הענט, ארײנקריכן אין אונזער ארגאניזאציע, מאכן צװישן אונז א טומל, פארבלענדן אונזערע אויגן, פארענדערן אונזערע צילן, אונזערע רעװאלוציאנערע סאציאל־דעמאקראטישע צילן.

דעריבער זעען מיר אײן, אז קײן מיטגליד פון אונזער „אלגעמײנעם יידישן ארבעטער־בונד אין רוסלאנד און פוילן“ האט קײן רעכט ניט צו האבן װעלכע ס'איז פארבינדונגען מיט זובאטאװ'ן אדער מיט אנ'אנדער צארישן שפיאן. װער ס'װעט דאס ניט ערפילן, װעט װערן באטראכט אלס פאררעטער, פראװאקאטאר און זײן נאמען װעט װערן פארעפנטלעכט אין אונזער „ארבעטער שטימע“, „װארשאװער ארבײטער“, „ביאליסטאקער ארבײטער“, „קלאסענקאמף“. אונזערע ארטיקע קאמיטעטן זענען מיט דעם פארפליכטעט באלד מיטצוטײלן דעם צ״ק פון „בונד“ װעגן אזעלכע מענטשן.

דער צענטראל־קאמיטעט פון אלגעמײנעם יידישן ארבעטער בונד
אין רוסלאנד און פוילן.

אויגוסט 1900 יאהר.

וועגן דער ערנידרונגס־טאַקטיק.

די אָפֿיציעלע באַגרינדונג.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די געשעענישן אין ווילנע (מעשה לעקערט) און אַ ריי אַנדערע שטעט, וואו די צאַרישע תּליינים האָבן זיך ערלויבט אָנצוווענדן לייבשטראָף צו די רעוואָלוציאָנערן, האָט די 5־טע קאָנפֿערענץ פֿון „בונד“, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין סעפּטעמבער 1902 אָנגענומען אַ רעזאָלוציע מיט אַ באַגרינדונג צו איר, וועלכע מיר ברענגען דאָ אין פֿולן טעקסט.

קעגן דער רעזאָלוציע איז אַרויסגעטראָטן דער אויסל. קאָמיטעט פֿון בונד מיט אַ ריי אַרטיקלען; ס׳האָט זיך אַנטוויקלט אַ ברייטע פּאָלעמיק אין דער בונדישער פּרעסע וועגן דער פֿראַגע; ענדלעך האָבן געזיגט די קעגנער פֿון אָרגאַניזירטער ראַכע, און דער נאָענטער (5־טער) צוזאַמענפֿאָר פֿון בונד (יוני־יולי 1903 אין ציריך) האָט די רעזאָלוציע אָפּגעשאַפֿט.

ווי אַלעמען איז באַוווּסט, האָט די רוסישע רעגירונג פֿאַר דער לעצטער צייט, נישט אָפּזאָגנדיק זיך פֿון די אַלטע מיטלען, וועלכע זי האָט ביזאַהער באַנוצט קעגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אָנגעהויבן צו באַנוצן אַ נייעם סיסטעם: ענטפֿערונג — אָדער ערנידרונגס־סיסטעם. דורך דעם סיסטעם מיינט די רעגירונג צו ערנידריקן די מענטשלעכע פּערזאָן פֿון די רעוואָלוציאָנערן, ערנידריקן גייסטיק אין זייערע אייגענע אויגן און אין די אויגן פֿון דער געזעלשאַפֿט, און דורך דעם אָפּנעמען ביי דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי איר קאַמפּס־פֿעיִקייט.

ביז איצט האָט דער נייער סיסטעם זיך שוין אויסגעדריקט אין דעם, וואָס אין ווילנע, מינסק, יעקאַטערינאָסלאַוו און אַנד. שטעט האָט מען אָנגעווענדעט לייבשטראָף קעגן די דעמאָנסטראַנטן.

ווי דאַרפֿן מיר, רעוואָלוציאָנערן, ענטפֿערן אויף דעם נייעם סיסטעם? אָט די פֿראַגע איז געשטעלט געוואָרן אויף דער קאָנפֿערענץ.

ס׳איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז קעגן אַזעלכע ווילדע מעשים מוזן מיר פּראָטעסטירן מיט אַלע אונזערע קרעפֿטן, ווי אין רוסלאַנד גופֿא, אַזוי אויך אין אויסלאַנד, ווי דורך דער פּרעסע, אַזוי אויך דורך דעמאָנסטראַציעס, פּאָליטישע שטרייקן א. ד. גל. אָבער פֿאַר קיינעם פֿון די מיטגלידער פֿון דער קאָנפֿערענץ איז נישט געווען קיין שום ספֿק, אַז אין וועלכער פֿאָרם דער פּראָטעסט זאָל זיך נישט אויסדריקן, — אַלס אַ מיטל קעגן אַזעלכע אַזיאַטישע טאַטן, איז דאָס צו ווייניק. דער כּבֿוד פֿון אַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי פֿאָדערט נקמה פֿאַר דער ערנידרונג פֿון אירע מיטגלידער.

ס׳וואָלט געווען אַ גרויסער טעות צו מיינען, אַז אַזאַ מין סאָרט נקמה האָט אַ וועלכע נישט איז שייכות צו טעראָר. ווען די פּאַרטיי באַשטימט צו באַשטראָפֿן פּערזענלעך דעם אָדער יענעם צאַרישדינער, מיינט זי נישט דערמיט אָפּצושרעקן דער רעגירונג, אָדער בכלל צו באַנוצן דאָס אַלס מיטל צו דערגרייכן אירע צילן.

דער ציל פֿון אַזעלכע אַקטען איז נאָר — אָפּוואַשן דעם פֿלעק פֿון דער פּאַרטיי; נקמה נעמען פֿאַר דער שענדלעכער באַליידיקונג; אַן אָרגאַניזירטע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, וועלכע שטייט שטענדיק אויף אַ פֿעסטן פּרינציפּיעלן און טאַקטישן

באַדן, וועט שטענדיג אימשטאַנד זיין צו פאַרהיטן, אַז איינציקע פאַקטן פון נקמה זאָלן נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ סיסטעמאַטישן טעראָר.

און טאַקע דערפאַר מוזן אַלע אַזעלכע אַקטן זיין אָרגאַניזירט פון דער פאַרטיי גופא, ווייל נאָר אָרגאַניזירנדיק אַליין יעדעס מאָל די נקמה=אַקטן, — און נישט לאָזנדיק די טאַט-זאַכן זייער נאַטירליכן גאַנג, — וועט די פאַרטיי קענען פאַרהיטן אירע מיטגלידער פון פאַרשידענע פאָליטישע טריט, ווי אויך פון סיסטעמאַטישן טעראָר.

נאָר פריער פון אַלעם איז נויטיק, אַז די, צו וועמען די רעגירונג ווענדט אָן דעם ערנידרונגס-סיסטעם, זאָלן נישט וואַרטן ביז די פאַרטיי וועט נקמה נעמען. זיי מוזן אַליין, אויפן אָרט גופא, אַרויסווייזן אַ שטאַרקן און ענערגישן ווידערשטאַנד, די נקמה פון דער פאַרטיי וועט נאָר דאַן האָבן אַ זין, ווען יעדער איינציקער רעוואָלוציאָנער וועט אַליין פאַרטיידיקן אין יעדן מאָמענט זיין אייגענעם כבוד און דעם כבוד פון דער פאַרטיי, ווען יעדער וועט זיך פאַרטיידיקן קעגן דער באַליידיקונג פון די צאַרישע דינער ביז דער לעצטער מעגלעכקייט.

אַרויסגייענדיק פון דעם אויבנדערמאָנטן שטאַנדפונקט, האָט די קאָנפערענץ אָנגענומען פאָלגענדע רעזאָלוציע:

די קאָנפערענץ אַנערקענט:

א) אַז מ'דאַרף פירן אַ שטאַרקע מאַסן-אַגיטאַציע פאַר דער נויטיקייט אַרויסצוווייזן אַ העכסט-ענערגישן ווידערשטאַנד אין די צופאַלן, ווען אַ פערזאָן פון די אָנטיילנעמער אינ'ם רעוואָלוציאָנערן קאַמף וועט ווערן ערנידריקט;

ב) אַז אויף יעדן פאַל פון ערנידרונגען דאַרף מען ענטפערן מיט אָרגאַניזירטע נקמה=אַקטן און פראָטעסטן, און אַזוי ווי די נקמה, אַזוי דער פראָטעסט שליסן אויס איינס דאָס צווייטע.

דער בונד און די עמיגראַציע-פראַגע.

צום אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין שטוטגאַרט (1907) האָט די בונדישע דעלעגאַציע צוגעשטעלט אַ ספּעציעלן באַריכט וועגן דער פראַגע פון עמיגראַציע און אימיגראַציע. דער באַריכט*) פאַרמאָגט אַ רייכן מאַטעריאַל: וועגן דער געשיכטע פון דער פראַגע אין אייראָפּע און אַמעריקע; וועגן דער באַציאונג פון דער בורזשואַזיע און פון די אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער-פאַריינען צו דער אימיגראַציע, וועגן דער געזעצגעבונג קעגן אימיגראַציע; וועגן דער טאַקטיק פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען אין די אימיגראַציע-לענדער אַ. אַ. וו. בעזונדערס רייך מיט ציפערן איז דער קאַפּיטעל „די אידישע עמיגראַציע פון רוסלאַנד". די דעלעגאַציע האָט אַריינגעטראָגן אויפ'ן קאָנגרעס פאָלגענדע רעזאָלוציע:

דער קאָנגרעס אַנערקענט: 1) אַז די היינטיקע עמיגראַציע איז אַ רעזולטאַט פון הערשענדן קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציאָנס-אופן און ווערט אַרויסגערופן דורך אורזאַכן, וועלכע זענען ענג פאַרבונדן מיט דער גאַנצער היינטיקער ווירטשאַפטלעכע אָרדנונג; 2) אַז איר וואוקס וועלכער איז צייטנווייז אומאָרמאַל, ווערט אַרויסגערופן פון איין זייט דורך פּאָליטישע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע פאַרפאָלגונגען אין די עמיגראַציאָנס-לענדער און פון דער צווייטער זייט—דורך דעם, וואָס די רעגירונגען און די קאַפּיטאַליסטן פון די אימיגראַציאָנס-לענדער נאַרן אַריין צוליב די צילן פון עקספּלואַטאַציע אַ איבעריקע צאָל אַרבעטס-הענט און מאַכן פונם טראַנספּאָרט פון די עמיגראַנטן אַ זעלבסטשטענדיקע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונג; 3) אַז ביי אַזאַ ענגער אָבהענגיקייט פון דער עמיגראַציע פון דער עקזיסטירענדער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, איז יעדע פּראָבע אָפּשטעלן קינסטלעך, דורך דער הילף פון באַגרענצונג-געזעצן, די עמיגראַציע—אומפרוכטבאַר און נאָך איר עצם נאָך רעאַקציאָנער; 4) אַז די געזעצגעבונג פון די בורזשואַזע רעגירונגען קעגן אימיגראַציע פאַרבעסערט נישט לאַגע פון די אַרבעטער, באַגרענעצט נישט די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע און רופט זיך אָפּ אויפן שעדלעכסטן אופן אויף דעם גורל פונם פּראָלעטאַריאַט פון אַנדערע לענדער, וועלכער זוכט מיט דער הילף פון דער עמיגראַציע צו ראַטעווען זיך פון הונגער, פאַרפאָלגונגען און פּאָגראָמען. נישט דערגרייכענדיק אויף אַזאַ אופן איר דירעקטן ציל, פאַרטונקלט זי, די געזעצגעבונג, נאָך דערצו דעם קלאַסן-באַוווסטזיין פון די אַרבעטער, ציט אָפּ דעם פּראָלעטאַריאַט פון דעם קלאַסן-קאַמף, טראָגט אַריין אַ צושפּאַלטונג צווישן די אַרבעטער און שאַפט גינסטיקע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער און ראַסן-פיינטשאַפט.

נעמענדיק דאָס אַלץ אין באַטראַכט, זאָגט זיך דער קאָנ-

*) ערשינען אין יידיש אין פערלאַג „די וועלט" ווילנע, 1907.

גרעס אַרויס קעגן יעדערליי געזעץ, וועלכער פֿאַרבאָט אָדער באַגרענעצט די אימיגראַציע אָדער די עמיגראַציע און רעקאָמענדירט אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען ענערגיש צו קעמפֿן קעגן אַזעלכע געזעץ־פּראָיעקטן און אויפֿצודעקן פֿאַרן פּראָלעטאַריאַט זייער אמתן כאַראַקטער.

II.

צוליב דעם קאַמף מיט די נישט־געווינטשטע רעזולטאַטן, וועלכע זיינען מעגלעך ביי אַ צו שטאַרקן צופֿלוס פֿון אַרבעטס־הענט אין די אימיגראַציאָנס־לענדער רעקאָמענדירט דער צוזאַמענפֿאָר אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס צו פֿירן אַן ענערגישע קאַמפּאַניע פֿאַר איינשטעלן אַ נאָרמאַלן אַרבעטס־טאָג אין אַלע צווייגן פֿון אַרבעט און ווי ווייט מעגלעך רעגולירן די שכירות; קעמפֿן קעגן יעדער פֿאָרם פֿונם אַריינאַרן עמיגראַנטן דורך די רעגירונגען און די קאַפּיטאַליסטן און פֿאָדערן, אַז די אימיגראַנטן זאָלן אין אַ מעגלעכסט קלענערן משך צייט באַקומען אַלע בירגערלעכע רעכטן פֿון יענעם לאַנד, אין וועלכן זיי קומען צו פֿאָרן.

אין דער זעלבער צייט דאַרפֿן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, ווי אין די עמיגראַציאָנס־לענדער, אַזוי אויך אין די לענדער פֿון אימיגראַציע, פֿאָדערן איינצואָרדנען אויפֿן חשבון פֿון דער מלוכה און ביים אָנטייל פֿון די אַרבעטער־פֿאַריינען — אינפֿאָרמאַציאָנס־עמיגראַנטן־ביוראָען, אַרבעטס־בירזשעס און אַ אינטערנאַציאָנאַלן אָפּמאַך וועגן באַשיצן די אינטערעסן פֿון די עמיגראַנטן און אַ קאָנטראָל איבער דער טעטיקייט פֿון די שיף־קאָמפּאַניעס און אַגענטורן, וועלכע באַשעפֿטיקן זיך מיט אַריבערפֿירן עמיגראַנטן.

ווייטער, זייענדיק פֿולקאָם זיכער, אַז דער פּראָלעטאַריאַט פֿון אַלע לענדער און נאַציאָנאַליטעטן איז פֿעיִק צו באַנעמען די לערע וועגן סאָלידאַריטעט און געמיינזאַמקייט פֿון די אינטערעסן פֿון אַרבעטער־קלאַס, פֿאַרוואַרפֿט דער קאָנגרעס אויפֿן אַנטשיידנסטן אופֿן די קורצזיכטיקע פּאָליטיק פֿון איניקע אַרבעטער־פֿאַריינען, וועלכע דערלאָזן נישט אין זייער אָרגאַניזאַציע אימיגראַנטן און מאַכן אַן אונטערשייד צווישן אַרבעטער פֿון פֿאַרשיידענע ראַסן און נאַציאָנאַליטעטן, און ער, דער קאָנגרעס, האַלט פֿאַרן חוב פֿון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין די לענדער פֿון עמיגראַציע און אימיגראַציע צו טוען אַלעס מעגלעכס אויף צו פֿאַרגרינגערן דעם צוטריט פֿון די אָנגעקומענע אַרבעטער אין די אָרגאַניזאַציעס און צו פֿירן צווישן זיי ווי ווייט מעגלעך אַ ברייטערע אַגיטאַציע פֿאַר דער אידעע פֿונם סאָציאַליזם.

אינהאַלטס־פֿאַרצייכניש

I

1) ה. ערליך — פֿינף און צוואַנציק יאָר 3
2) ד. אײַנהאָרן — דעם בונד צו זײַן 25־יעריקן יובילעום 14
3) י. מיל (דזשאָן) — דער ערשטער צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד“ 29
4) אַן אַלטער באַקאַנטער אין וואַרשע ערב „בונד“ 35
5) מ. פּ. — דער גאַליציאַנער בונד 51
6) מ. ווײַנרײַך — דער „בונד“ און די יידישע שפּראַך 55
7) אַרנאָלד — אברהם דער בערשטער 58
8) פּ. אַנמאַן — די ערשטע בונדישע לעגאַלע צײַטונגען 66
9) ו. שולמאַן — דער „בונד“ און די פּראָפֿעסיאָנעלע באַוועגונג 82
10) ל. פּאָזנאַנסקי — אַן אויפֿטו פֿון דער צאַרישער אָכראַנע 93
11) י. מ. בערמאַן — דער קאַמף פֿון די יידישע אַרבעטער פֿאַר
די אַרבעטס־בירזשעס 102
12) — ראָן — דער „לאָדזער אַרבעטער“ 108
13) ל. יעווזעראָוו — די יידישע אַרבעטער באַוועגונג אין דאַטן
(1876—1922) 110

II

באַריכטן צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין פּאַריז 130
צום אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פֿון וועבער און שפּינער אין בערלין 160
אַן אויפֿרוף פֿון צ. ק. פֿון „בונד“ וועגן זובאַטאָוון 166
וועגן דער ערנידערונגס־טאַקטיק 168
דער „בונד“ אין די עמיגראַציע־פֿראַגע 170